STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03805

LIKHVOYD YOM-TEV

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יובילעאום אויסגאבע.

LIBRARY OF THE
BUREAU OF JEWISH EDUCATION
CLEVELAND, OHIO

שלום-עליכם.

לְכָבוֹד יוֹם-טוֹב.

ארויסגעגעבען דורך פערלאג „פראגרעס”, ווארשא.

פערקויף ביי פערלאג'ס-געזעלשאפט „צענטראל”.

ווארשא-ווילנא-ניויארק.

אלע ווערק
שלום-עליכם,
פיערצענטער באנד.

ווארשא, תרע"ג—1913.

אלע רעכט אין איירָאפּא און אמעריקא פארבעהאלטען.

איבערזעצען אין אנדערע שפראכען אהן ערלויבניש
פונ׳ם מחבר איז פערבאטען.

Печ. въ Тип. Г. Пимента и Я. Швабе,
Варшава Шераковская 4. — 1913 г.

אינהאלט.

אויף פסח אַהיים.

בלינצעס.

אַ גרינגער תענית.

אַ ווייסע כפרה.

כל נדרי.

אויסגעטרייסעלט.

דער יום=טוב'דיגער צימעס.

קאָרטען.

די גאָלדשפינערס.

אַ פריהער פסח.

אַ פסח'דיגע עקספּראָפּריאַציע.

מען איז זיך מוחל.

מע הוליעט.

גענז.

צוויי טויטע.

חרוסת.

אויף פֶּסַח אַהֵיים.

אויף פסח אַהיים.

אַ מעשה, ווי אַזוי פישעל דער מלמד איז געפאָהרען פון באַלטע קיין חאַשטשעוואַטע אויף פסח אַ היים און וואָס מיט איהם האָט זיך געטראָפען.

א.

צוויי מאָל אין יאָהר פּינקטליך ווי אַ זייגער, ראש חדש ניסן און ראש חדש אלול, פאָהרט פישעל דער מלמד פון באַלטע קיין חאַשטשעוואַטע אַ היים צו זיין ווייב און קינדער — אויף פסח און אויף סכות. כמעט דאָס גאַנצע לעבען זיינס איז איהם באַשערט צו זיין אַ גאַסט ביי זיין ווייב און קינדער, אפילו זאָגאר איין אָנגעלייגטער גאַסט, אָבער אויף אַ קורצער צייט, אויף יום טוב, און אוועקגעגאַנגען דער יום טוב — איז מאַרש צוריק קיין באַלטע, צוריק צום קנעלונג, צוריק צום קאַנטשוק, צו דער גמרא, צו די גראָבע פאַרשטאָפּטע קעפּ, צו נע-ונד זיין, צום וואַלגערן זיך אין דער פרעמד און צום בענקען שטילערהייט אַהיים.

דערפאַר אָבער, אַז פישעל קומט אַהיים איז ער אַ קיסר! בת-שבע זיין ווייב נעהמט איהם אַרום אַקעגען, רוקט אָן דאָס טיכעל, ווערט רויט ווי אַ פייער, טוט איהם אַ פרעג פאַרביי-געהענדיג, נישט געקוקט, חלילה, גלייך אין די אויגען: „וואָס מאַכסט דו?” און ער ענטפערט איהר: „וואָס מאַכסט דו?” און פרויקע זיין זוהן, אַ בר-מצוה-יונגעל, גיט איהם אָב שלום, און דער מאַטע טוט אַ

פרעג דעם זוהן: „וואו האלסט דו, אפרים, אין לערנען?"... און רייזעל זיין טאכטער, נישט קיין מאום מיידעל מיט א קליין פארפלאכ-טען צעפעל, האפט איהם ארום קושען.

— טאטע, וואס האסטו מיר געבראכט א מתנה אויף יום טוב?

— סיץ אויף א קליידעל, און דער מאמען א זיידענע פא-טשיילע. נא, גיב דער מאמען די פאטשיילע.

און פישעל נעמט ארויס פון טלית-זאק א נייע א זיידענע (מאלט איך א האלב-זיידענע) פאטשיילע, און בת-שבע ווערט נאך רויטער, רוקט אן דאס טיכעל איבער די אויגען, האפט זיך צו בעל-הבתי'ש-קייט, דרעהט זיך ארום איבער'ן שטוב און שטעהט אויף איין ארט.

— ווייז נאר, אפרים, די גמרא, לאס איך דיך פארהערען, וואו האלסט דו אין לערנען?

און פרויקע איז דאך דאס וואוילע יונגעל, דער גרויסער מתמיד, די שענע תפיסה מיט'ן גוטען זכרון, און וויל לערנען! און פישעל הערט איהם, ווי ער זאגט די גמרא, פאררעכט איהם, און דאס הארץ וואקסט, קוועלט, די נשמה פרעהט זיך — א וואויל יונגעל פרויקע! א צאצקע!

— אויב דו ווילסט געהן אין מרחץ, ליגט אט דא אנגע-גרייט א העמד!

אזוי זאגט איהם בת-שבע פארבייגעהענדיג, נישט געקוקט, חלילה, גלייך אין די אויגען אריין, און פישעל פיהלט זיך עפיס משונה-גוט, ווי א מענש, וואס האט זיך ארויסגעהאפט פון געפענגע-ניש אויף דער פרייער ליכטיגער וועלט צווישען אייגענע נאהענטע און געטרייע. און עס שטעלט זיך איהם פאר א שטארק אנגעהייצ-טע באד מיט א סך היץ; ער ליגט שוין גאנץ הויך אויף דער אויבערשטער באנק מיט נאך יודען און שוויצט, און בעזעמט זיך און שמייסט זיך און וויל נאך.

— אוי נאך, נאך! גוואלד, יודען, נאך!...

און געקומען פון באד א פרישער, א צאפעלדיגער, כמעט א נייגעבוירענער, נעמט ער זיך קודם צו דער יום-טוב'דיגער קריאה, טוט אן די שבת'דיגע קאפאטע מיט'ן נייעם גארטעל, האפט א קוק פארבייגעהענדיג אויף בת-שבע'ן אינ'ם נייעם קליידעל מיט דער זיי-דענער פאטשיילע: נאך גאר א היבש ווייבעל, כ'לעבען, א צנועה און א צדיקית, און ער געהט מיט פרויקע'ן אין שוהל אריין. געקומען אין

שוהל אריין, פליהען שלום-עליכמ׳ס פון אלע זייטען: ברוך-הבא א יוד רב פישל, וואס מאכט א יוד „א מלמד?״ — „א יוד א מלמד קנעלט״. „וואס הערט זיך עפיס אויף דער וועלט?״ „וואס זאל זיך הערען אויף דער וועלט? די וועלט איז א וועלט.״ „וואס הערט זיך אין באלטע? באלטע איז באלטע...״ — אלע מאל, אלע האלבע יאהר דער אייגענער נוסח, נישט געמינערט א ווארט. און ניסל דער חזן שטעלט זיך אוועק דאווענען מעריב, צעלאזט זיך אויף זיין שטימע, וואס געהט וואס ווייטער אלץ שטארקער און שטארקער, און אז עס קומט צו „וידבר משה את מועדי ה׳ אל בני ישראל״, — דערלאנגט ער הויך כמעט ביז׳ן הימעל, און פרויקע שטעהט ביי דער זייט און דאווענט, דאווענט געשמאק, און פישעל׳ס הארץ וואקסט, קוועלט, די נשמה פרעהט זיך — איין עהרליך קינד, פרויקע, א כשר׳ס!

— גוט יום-טוב! גוט יום-טוב!

— גוט יום-טוב! גוט יאהר!

פארטיג דער גאנצער סדר אויפ׳ן טיש: די ארבע כוסות, דער מרור, די זרוע מיט די בצים מיט׳ן חרוסת מיט אלע זיבעצען זאכען. פארטיג די „עסע-בעט״, צוויי בענקלעך מיט א גרויסען קישען. אט באלד וועט פישעל א מלך, אט באלד זעצט זיך פישל „על כסא מלכותו״ מיט׳ן ווייסען קיטעל אויפ׳ן טראן, און בת-שבע די מלכה מיט דער נייער זיידענער פאטשיילע נעבען איהם, אפרים דער פרינץ מיט׳ן נייעם קאשקעט, און די פרינצעסין רייזעל מיט׳ן צעפעל אקענען זיי — דרך-ארץ, יודען, רעשפעקט! פישעל דער מלמד האט זיך גע-זעצט אויף דער שטוהל געוועלטיגען!

ב.

די חאשטשעוואטער וואוילע יונגען, די וואס האבען ליעב חוזק מאכען, אבלצ׳עווען פון דער גאנצער וועלט און ווער שמועסט פון א יודען א מלמד, האבען אויסגעקלעהרט אויף אונזער פישלען, אז ער האט איין מאל ערב פסח ארייגגעשיקט צו זיין בת-שבע׳ן א דעפעש בזה הלשון: „רעביאטא סאבראני. דענגי וועזוא. פריגא-טאוו פולי, יעדו צארסטוואוואט״. דער פשט פון דעפעש איז אזוי:

„א קנעלונג צענויפגעשטעלט. שכר-למוד פיהר איך. מאך קנאַדליך.
איך פאָהר געוועלטיגען"... די דעפּעש, זאָגען די לצים, האָט מען
אין באַלטע איבערגעכאַפּט אויף דער סטאַנציע, בת-שבע'ן האָט
מען בעזוכט און נישט געפונען גאָרנים. און פּישלען האָט מען גע-
בראַכט צופיהרען, מחילה, מיט'ן עטאַפּ אהיים. נאָר איך קאָן אייך
זאָגען בהן שלי, אַז ס'איז שקר וכזב, פּישעל האָט קיין מאָל אויף
זיין לעבען קיין דעפּעש נישט געשיקט, בת-שבע'ן האָט קיינער נישט
באַזוכט, און פּישלען „האָט מען מיט'ן עטאַפּ קיינמאָל נישט געפיהרט,
דאָס הייסט פיהרען האָט מען איהם אמאָל געפיהרט מיט'ן עטאַפּ,
נאָר נישט פאַר קיין דעפּעש, פאַר אַ פּאַס גאָר האָט מען איהם גע-
פיהרט! אי דאָס נישט פון באַלטע נאָר פון יעהופּעץ; און נישט ערב
פּסח, נאָר אין מיטען זומער איז דאָס געוועזען. עס האָט זיך איהם
פאַרגליסט, פאַרשטעהסט איהר מיך, אוועקלאָזען זיך קיין יעהופּעץ
זוכען אַ קנעלונג און האָט פאַרגעסען נעמען מיט זיך אַ פּאַס: ער
האָט געמיינט ס'איז אין באַלטע. האָט ער זיך מאוס אַריינגעכאַפּט
און האָט שוין פאַרזאָגט קינדס קינדער, אַז זיי זאָלען אין יעהופּעץ
קיין קנעלונג נישט זוכען...

פון דעמאָלט אָן פאָהרט ער קנעלען קיין באַלטע, און קומט
ערב פּסח, ווערט ער פאַרטיג מיט אַ פּאַר וואָכען פריהער און הויבט
זיך אָן בעצייטענס שניידען אהיים האַטש אויף שבת-הגדול. ווען
זשע איז דאָס געערדט געוועזען? אַז עס שניידט זיך, דאָס הייסט, אַז
דער וועג איז אַ וועג, און מע קאָן קריגען אַ פוהר און מע קאָן
אַריבערפאָהרען דעם בוג אָדער איבערן אייז, אָדער מיט'ן פּאַראָם.
ווי זשע איז אָבער דער דין, למשל, אַז דער שניי לאָזט, די בלאָ-
טע איז גרוים, קיין פוהר איז נישט צו קריגען, דער בוג האָט זיך
נאָר וואָס אָבגעריסען, דער פּאַראָם געהט נאָך נישט און מיט אַ שיפעל
איז מסוכן-נפש און דער יום-טוב איז אָט אָט אויף דער נאָז, וואָס
טוט מען דעמאָלט? איז דער תירוץ: למאי וואָס טוט מען, אַז
מע פאָהרט ערב שבת פון מאַחנאָווקע קיין באַרדיטשעוו אָדער פון
סאָכאַטשאָוו קיין וואַרשאָ אַרויף אַ באַרג ביינאַכט אין דער פינסטער
אין אַ שלאַקס רעגען, מע איז טויט הונגעריג און מע לאָפּעט איין
אַקס אויך? איז טאַקי נישט גוט, וואָס זאָלט איהר קלערען?

פּישעל דער מלמד ווייסט שוין דעם טעם פון „נישט גוט". ער
האָט שוין געהאַט אויף זיין לעבען, פון זינט ער איז אַ מלמד און

פאָהרט פון חאַשטשעוואַטע קיין באַלטע און פון באַלטע קיין חאַש-
טשעוואַטע, אַלערליי נסיעות און טרעפעניש׳ען! ער האָט שוין גע-
פרובט געהן העכער האַלב וועג צופוס און נאָך העלפען אונטערשטו-
פען דעם וואָגען אויך. ער האָט שוין געפרובט ליגען מיט אַ גלח
אין בלאָטע, דער גלח פון אויבען און ער פון אונטען. ער האָט
שוין געפרובט אַנטלויפען פון אַ טיטשקע וועלף, וואָס זענען נאָכגע-
לאָפען נאָכ׳ן וואָגען פון חאַשטשעוואַטע ביז פעטשאַנע, און נאָכדעם
האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ס׳איז גאָר געווען הינט, נישט קיין וועלף,
נאָר אַזאַ צרה, ווי די, וואָס איז פאָרגעקומען ערב פסח, האָט זיך
איהם נאָך נישט געטראָפען קיינמאָל.

די צרה האָט זיך גענומען פונ׳ם בוג, דאָס הייסט פון דעם,
וואָס דער בוג האָט זיך געעפענט אַ ביסעל צו שפּעט און צעשפּילט
זיך סאַמע אין דער צייט, ווען פישעל דער מלמד האָט זיך געאײַלט
אַהיים. און געאײַלט האָט ער זיך שטאַרק, ווײַל ס׳איז געווען פריי-
טיג ערב שבת און ערב פסח, דאָס הייסט יענץ יאָהר איז געפאַלען
פונקט שבת ערב פסח.

ג.

געקומען צום בוג איז פישעל מיט אַ גוי׳עשער פוהר — דאָ-
נערשטאָג פאַרנאַכט. דאָס הייסט לויט זיין חשבון נאָך האָט ער בע-
דאַרפט קומען דינסטאָג אין דער פריה, וואָרום פון באַלטע איז ער
אַרויסגעפאָהרען זונטאָג נאָכ׳ן מאַרק. דער רוח האָט איהם געטראָגען,
ער זאָל אַרויסגעהן אויפ׳ן מאַרק גאָכפרעגען זיך אויף איין איבערגע-
האַפטער פוהר! נעחײַ וואָלט ער בעסער געפאָהרען מיט יענקיל-שײַ-
געץ (אַ באַלטער בעל-עגלה) אויף דער „רעשטעוואַניע״, מחילה פון
הינטען, הייסט עס, מיט׳ן פנים צוריק און די פיס זאָלען איהם
קליאַנקען, און ס׳זאָל איהם אַרויסנידען די נשמה אפילו, — אַלץ
וואָלט ער שוין ביז אַהער לאַנג געווען אין דערהיים און וואָלט פאַר-
געסען פון דער גוטער נסיעה! האָט זיך איהם אָבער געוואָלט אַ
וואָלוועלע פוהר, און דאָס איז דאָך איין אַלטער כלל, אַז וואָס
וואָלוועל קאָסט טײַער. יונה דער שכור, דער וואָס „רײַהעט״ פוהרען
אין באַלטע, האָט איהם אָבער געזאָגט: „פאָלגט מיך, פעטער, גיט

בעסער צוויי „קאַרבּוינים“ ווערט איהר זיצען ווי אַ שׂרה בּיי יענקעל אין דער ענלה פאַריטש פון הינטען אין בּויד; נעדענקט זשע, איהר שפּילעט זיך מיט פייער, ס'איז ערב יום-טוב!“ בּאַשערט איין אומגליק, האָט אָבער דער שווארץ יאָהר אונטערגעטראָגען אַ בּאַקאַנטען ערל פון חאַשטשעוואַטע.

— „ע, טשאָיעש, ראַבּין! טשי נע פּאָידעמאָ טשאַסאָם דאָ חאַשטשעשוואַטע?“ [1]

— דאָברע, אַ סקילקאָ, למשל, קאָשטשעוואַטעמע? [2]

וויפיעל סע וועט קאָסטען דאָס האָט ער געפונען פאַר נייטיג צו פרעגען, און צי וועט ער איהם בּריינגען אויף פּסח אַהיים — איז פישלען אפילו אויף די געדאַנקען נישט געקומען, ווארום מע זאָל אפילו, דאַכט זיך, געהן צופוס נאָכ'ן וואָגען פון בּאַלטע בּיז חאַשטשעוואַטע און מאַכען קליינע טריט, ווי בּשעת מע שטעהט אוים שמונה-עשׂרה, קאָן מען אויך אין אַ וואָך צייט אָנקומען אויף יום-טוב אַהיים.

אַרויסגעפאָהרען פון שטאָדט האָט פישעל שוין בּאַלד חרטה געקריגען אויף דער פוהר, חאָטש ס'איז געווען גראָם, איינער אַליין אויפ'ן גאַנצען וואָגען, ווי אַ גראַף. ער האָט אַרויסגעזעהען בּאַשיינפערליך, אַז מיט אַזאַ שלעפּען זיך, ווי דעם ערל'ס פערדיל שלעפּט זיך, וועט ער ווייט נישט איינפאָהרען, ווארום ער איז געפאָהרען און געפאָהרען אַ גאַנצען טאָג און איז נאָך געווען גאָר פון פאַרינט, און וויפיעל ער האָט נישט געמוטשעט דעם ערל, ער זאָל איהם זאָגען, צי ס'איז נאָך עפּעס ווייט, האָט איהם דער ערל נישט געענטפערט קיין האַלבּ וואָרט, אַ חוץ: „אַ חטאָ יאַהאָ זנאַ?“ [3]. ערשט העט-העט, שוין אַרום פאַרנאַכט, האָט איהם אָנגעיאָגט מיט אַ הוק און מיט אַ פייף און מיט אַ קנאַק יענקיל שיינעץ מיט זיינע פיער בּרענעדיגע אָדלערס, בּעהאַנגען מיט גלעקלעך, און מיט דער גרויסער בּויד, אָנגעפּאַקט מיט פאַרשוינען אינעווייניג, פון פאָרענט און פון הינטען אויף דער רעשטעוואַניע. דערזעהען דעם מלמד

---

1) עי, הער נאָר, רבי! אפשר פאָהרען מיר קיין חאַשטשעוואַטע?
2) גוט, וויפיעל, למשל, וועט דאָס קאָכטען?
3) וואָר ווייסט דאָס?

זיצען ביים ערל אין וואָגען , האָט יענקיל שייגעץ געגעבען אַ קנאַק מיט דער בייטש אין דער לופטען און האָט אויסגעשאָלטען ביידען , דעם בעל-עגלה מיט'ן פאַרשוין , אויף אַלע זייטען , אויסגעלאַכט זיי מיט'ן פערדיל , ווי יענקיל שייגעץ קאָן , און אַז ער איז אָבגעפאָהרען אַ ביסעל ווייטער , האָט ער בעוויזען דעם ערל אויף איינע פון זייערע רעדער .

— עי , טשעלאָוויטשע , דיוויס ! אָן אַ טעבע קאָלעסע דרעהט זיך ! 1)

— טפררררררו ! — האָט זיך דער ערל אָבגעשטעלט , אַראָבגעקראָכען אינאיינעם מיט'ן מלמד פון וואָגען , גענומען קוקען אויף די רעדער , אויף די פלעקלעך , אַרונטערגעקראָכען אונטער'ן וואָגען , געזוכט , און נישט געפונען גאָרנישט .

פערשטאַנען , אַז יענקיל האָט איהם געפיהרט אין באָד אַריין , האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער פּאָטיליצע פון אונטען אונטערן קאָלנער , און האָט אָנגעהויבען שעלטען יענקלען און אַלע יודען מיט אַזעלכע קללות , וואָס פישעל האָט נאָך אויף זיין לעבען אַזעלכעס נישט געהערט ; דאָס קול איז געגאַנגען אַלע מאָל העכער , דער כעס איז געוואָרען אַלע מאָל שטאַרקער :

— אַ שאָב טובי דאָברא נע בולאָ ! שאָב טי נע דאָזשדאַוו ! שאָב טובי ליחאָ חאָדינאַ ! שאָב טי נע דאָיחאַוו ! שאָב טי פּראָפּאַוו ! אי טוואָיאַ סקאָטינאַ ! אי טוואָיאַ זשינקאַ ! אי טוואָיאַ דאָטשקאַ ! אי טיטקי ! אי דיאַדקי ! אי טובי ! אי-אי-אי-אי ווסי וואַשי זשידי נעווירנעיע , נעחריסטי פּראָקלאַטיע ! ! ! 2)

עס האָט לאַנג געדויערט ביז דער ערל האָט זיך געזעצט אויפ'ן וואָגען און האָט זיך אַלץ נישט בערוהיגט , אַלץ נישט אויפגעהערט לייגען די תוכחה אויף יענקיל בעל-עגלה און אויף אַלע יודען , ביז מע איז

1) עי , מענשעל , זעה נאָר ! אַ ראָד דרעהט זיך ביי דיר !

2) אַ , קיין גוטס זאָלסטו נישט האָבען ! זאָלסט נישט דערלעבען ! זאָל דיר זיין אַ שלעכט יאָהר ! זאָלסט נישט דערפאָהרען ! זאָלסט די כפרה ווערען ! דו און דיינע פערד , און דיין ווייב , און דיין טאָכטער , און דיינע מומעס , און דיינע פעטערס , און דיינע מחותנים , און און און אַלע אייערע יודען די פאַרשאָלטענע ! ! !

געקומען מיט גאָטס הילף אין אַ דאָרף אויף נאַכטלעגער.

אין דאָרף האָבען זיי אונטערגענעכטיגט און אויף מאָרגען האָט זיך פישעל געפעדערט כאור הבקר, אָבגעדאַווענט, אָבגעזאָגט אַ פּאָרציע חק לישראל, אַ ביסעל תהלים, איבערגעביסען מיט אַ בייגעל און איז פאַרטיג געווען צו פאָהרען ווייטער, איז אָבער דער חסרון, וואָס חוועדאָר (אַזוי האָט מען גערופען דעם בעל-עגלה זיינעם) איז נישט געווען פאַרטיג; חוועדער האָט זיך פאַרזעסען מיט זיינעם אַ מחותן (אַ „קאום”), פאַרטרונקען און פאַרהוליעט זיך, און איבערגעשלאָפען דעם טאָג מיט אַ שטיק נאַכט, און ערשט דעמאָלט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

— סטייטש — האָט איהם פישעל געזאָגט מוסר, שוין זיצענדיג אויפ'ן וואָגען — סטייטש, חוועדאָר! משאָרטבע טוואָיאַ מאַמע היתכן? יאַ טובי נאַימאַיעט בפירוש נאַ פּראַזניק!... דע באָג? דע יושר? 1)

און נאָך מוסר-ווערטער האָט איהם פישעל אַריינגעזעצט, נישט אויפגעהערט איהם צו זעגען און צו פּײַלען אויף זיין שפּראַך, ווי ווייט ער קאָן, האַלב אויף גוי'עש, האַלב אויף לשון קודש, דאָס איבעריגע איהם מסביר געווען מיט די הענד. חוועדאָר האָט, נישקשה, גוט פערשטאַנען, וואָס פישעל מיינט, נאָר געענטפערט האָט ער איהם גאָרניט, קיין האַלב וואָרט אפילו. מסתמא האָט ער געפיהלט, אַז פישעל איז גערעכט, האָט ער געשטומט ווי אַ קעצעלע, ביז ער האָט זיך אויפגעהערט, פערטען טאָג בעגעגענט אויף יענער זייט פעטשאַני מיט יענקיל שיי-געץ, וואָס איז געפאָהרען שוין צוריק פון חאַשטשעוואַטע מיט אַ ווק און מיט אַ קנאַק, און האָט אַנגעזאָגט אונזער פישלען מיט זיין בעל-עגלה אַ גוטע בשורה:

— איהר מעגט זיך שוין „איבערקערען” צוריק קיין באַלטע, דער בוג האָט זיך „אָבגעריסען”.

ביי פישלען האָט זיך אָבגעריסען אין הארצען פונ'ם וואָרט „אָב-געריסען”. און חוועדאָר האָט גערעכענט, אַז יענקיל מאַכט וויצעד אַמאָל פון איהם אַ בער, האָט ער איבערגעחזר'ט די קללות מיט די חרמות, אויסגעבטל'ט אַלע בייזע חלומות אויף יענקיל'ס קאָפּ און אויף

---

1) סטייטש, חוועדאָר, דער רוח דער מאַמע דיינער, היתכן? איך האָב דיך בעשטעלט בפירוש אויף יום-טוב! וואו איז גאָט? וואו איז יושר?

זײַנע הענד און פּיס, און עס האָט זיך איהם נישט צוגעמאַכט דאָס מויל, ביז ער איז דאָנערשטאָג פאַרנאַכט געקומען צום בוג. צוגע־פאָהרען גלײַך צו פראָקאָפּ באַראַניוק דעם פאַרזשמשטשיק, פרעגען וועןָ לאָזט ער דעם פּאַראָם, און דערווײַל האָבען בײדע ערלים, חוועדאָר און פּראָקאָפּ, גענומען צו ביסלעך בראָנפען און פישעל האָט זיך גע־שטעלט דאַוונען מנחה.

ד.

די זון האָט געהאַלטען בײַ זעצען זיך און האָט בעגאָסען מיט איהרע רויטע שטראַהלען די הויכע בערג, וואָס פון בײדע זײַטען טײַך, ערטערווײַז נאָך בעדעקט מיט שנײ און ערטערווײַז שוין גע־גרינט, דורכגעשניטען מיט קלײנע ריטשקעלעך, וואָס האָבען זיך גע־שלענגעלט באַרג־אַראָב און מיט אַ זשומען זיך אַרײַנגעגאָסען אין טײַך אַרײַן, בעגעגענט זיך מיט רינענדיגע וואַסערן פונ׳ם נאָר־וואָס צע־שפּאָלטענעם אײַז און פון דער געהענדיגער קריהע. ווי אויף אַ טעלער איז איהם געלעגען גאַנץ חאַשטשעוואַטע מיט׳ן שפּיץ קלויסטער, וואָס האָט פון דער פערגעהענדיגער זון אויסגעזעהען, ווי אײַן אָנגעצונדען ליכט. געשטעלט זיך שמונה־עשרה מיט׳ן פּנים צו חאַשטשעוואַטע, האָט פישעל פערשטעלט די אויגען, געטריבען פון זיך די מחשבות־זרות, וואָס זענען איהם געקראָכען אין קאָפּ אַרײַן: בת־שבע מיט דער נײַער זײַדענער פאַטשײַלע, פרויקע מיט דער גמרא, רײַזעל מיט׳ן צע־פּעל און די הײסע באָד מיט דער אויבערשטער פּאָליצע, און פרישע מצה מיט גוטע געפעפערטע פיש מיט האַרבען חרײן, וואָס פערגעהט אין נאָז אַרײַן, מיט פסח׳דיגען באָרשט מיט מצה, וואָס איז טעם גן־עדן, מיט נאָך גוטע זאַכען, וואָס דעם מענשענ׳ס יצר־הרע קאָן אויס־טראַכטען... און וויפיעל פישעל האָט זײ נישט געטריבען, די מחשבות זרות, זענען זײ אַלץ מעהר געקראָכען אין מח אַרײַן, ווי זומער־פּלי־גען, נישט געלאָזט איהם דאַוונען, ווי סע געהער צו זײַן.

אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה און אויסגעשפּיגען צו עלינו, האָט זיך פישעל אַוועקגעלאָזט צו פּראָקאָפּען און האָט זיך אַרײַנגעלאָזט מיט איהם אין אַ שמועס מכּח פּאַראָם און מכּח ערב־יום־טוב, געגעבען איהם צו פערשטעהן, האַלב אויף גוי׳עש, האַלב אויף לשון־קודש און

דאָס איבעריגע מסביר געווען איהם מיט די הענד, וואָס פאַר אַ יום-טוב פסח איז בײַ יודען און וואָס הײַסט שבת ערב-פסח, אַז טאָמער, חלילה, פאַהרט ער נישט אַריבער ביז מאָרגען אין דער צײַט דעם בוג, איז ער אַ פערפאַלענער. ווארום אַ חוץ, וואָס מע קוקט אויף איהם אַרוים אין דערהײם, זײַן ווײַב און קינדער (דערבײַ האָט פישעל געטאָן אַ טיעפען זיפץ, אַז עס האָט אויסגעריסען אַ שטיק האַרץ), וועט ער, חלילה, גאַנץ טאָג כסדר נישט טאָרען נישט עסען, נישט טרינקען, חאָטש נעהם וואַרף זיך אַרײַן אַ לעבעדיגער אין טײַך אַרײַן. (דאָ האָט זיך פישעל אָבגעקערעוועט אין אַ זײַט, מע זאָל נישט זעהען, ווי עס שטעהען איהם טרערען אין די אויגען).

פראָקאָפּ באַראַניוק האָט פערשטאַנען אין וואָס פאַר אַ לאַגע נעבאַך פישעל איז און האָט איהם דערויף געענטפערט, אַז ער ווײַסט אַז מאָרגען איז בײַ זײ אַ יום-טוב, ער ווײַסט אפילו ווי אַזוי דער יום-טוב הײַסט בײַם נאָמען; ער ווײַסט אפילו, אַז מע טרינקט בײַ יודען ווײַן און שטאַרקען בראָנפען, אַז סע קומט דער דאָזיגער יום-טוב; ער ווײַסט אפילו, אַז עס איז פאַראַן נאָך אַ יום-טוב בײַ יודען, וואָס מע דאַרף טרינקען בראָנפען, און ער הײַסט „האַמאַנע אוחאַ"; ער ווײַסט, אַז ס'איז פאַראַן נאָך אַ יום-טוב, וואָס אַלע יודען דאַרפען זײַן שכור, נאָר ווי אַזוי מע רופט איהם דעם דאָזיגען יום-טוב, האָט ער שוין פערגעסען...

— דאָברע, האַרנע! — האָט איהם פישעל איבערגעשלאָגען אין מיטען די רייד מיט אַ ווײַנענדיגע שטימע — אַלע שאָ בודע איז נאַשע פראַזניק? טאָמער זאַווטראַ, חלילה, אַל תפתח פה לשטן, שאָב טאָי טשאַס נעבולאָ? 1)

דערויף האָט איהם פראָקאָפּ גאָרנישט געענטפערט. ער האָט איהם נאָר אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויפ'ן טײַך, ווי אײַנער רעדט: „נאַ, זעה, וואָס עס טוט זיך!"

און פישעל האָט אויפגעהויבען די אויגען אויפ'ן טײַך און האָט דערזעהען דאָס, וואָס זײַנע אויגען האָבען נאָך קײנמאָל אויף זײַן לעבען נישט געזעהען, און ער האָט דערהערט דאָס, וואָס זײַנע אויערען

---

1) גוט און פײַן; וואָס וועט אָבער זײַן מיט אונזער יום-טוב? טאָטער מאָרגען, חלילה, אל תפתח פה לשטן, די שעה זאָל גאָר נישט זײַן?...

האָבען נאָך קיינמאָל אויף זיין לעבען נישט געהערט. ווארום כמעט קאָן מען זאָגען, אז פישעל דער מלמד האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהען דעם אמת'ען „אין דרויסען”, און אז ער האָט איהם געזעהען, האָט ער איהם געזעהען נאָר בדרך הלוכו, דורכלויפענדיג פאַרביי פון חדר אין בית-מדרש, און פון בית-מדרש אין חדר אריין. דער שענער בלויער בוג צווישען די צוויי גרויסארטיגע בערג, דאָס זשומען פון די שלענגעלדיגע ריטשקעלעך, וואָס קאַטשען זיך אראָב פון באַרג, דאָס פוישען פון דער געהענדיגער קריזע, דאָס בעלייכטען פון דער פייערי-גער פערגעהענדיגער זון, דער ברענענדיגער קלויסטער, דער פרישער געזונטער ריח פונ'ם ערב-פסח'דיגען אין דרויסען, און ועל-כלם דאָס זיין אזוי נאָהענט צו דער היים און נישט קאָנען גרייכען, — די אַלע זאַכען אינאיינעם האָבען אונטערגעחאַפּט אונזער פישלען, ווי אויף פלי-גלען, און האָבען איהם אַוועקגעטראָגען אין אַ נייער וועלט אריין, אין איין „עולם הדמיון”, און עס האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, אַז אַרי-בער דעם בוג איז אזוי גרינג, ווי אַ שמעקטאַבאַקע, אבי דער אויבער-שטער וויל נאָר טאָן אַ שטיקעל נס, מצליח זיין...

אַזעלכע און כדומה אזעלכע מחשבות האָבען געווידמעט זיך אויף און אָב ביי פישלען אין קאָפּ, איהם געטראָגען אין דער לופטען און פערטראָגען איהם אזוי ווייט אויפ'ן ברעג טייך, אַז ער האָט זיך גאָרנישט ארומגעקוקט, אַז ס'איז שטאָק-נאַכט, און דער הימעל האָט זיך אויסגעשטערענט, און אַ קיהל ווינטעל האָט זיך פערגנב'עט צו איהם אונטער דער קאַפּאָטע און פון דאָרט ביז'ן טלית-קטן, — און פישעל האָט זיך פערטראַכט אין אזעלכע זאַכען, וואָס האָבען זיך איהם נאָך קיינמאָל נישט געחלומ'ט: אין הויות העולם, אין הימעל-זאַ-כען, אינ'ם גרויסקייט פון דער שענער וועלט, אינ'ם בורא שמים וארץ, וכדומה...

ה.

אַ שווערע נאַכט האָט פישעל דער מלמד איבערגעלעבט ביי פראָקאָפּ דעם פּאראָמשטשיק אין שטיבעל — אזא נאַכט זאָל זיך שוין נישט אומקעהרען — און ס'איז געקומען דער פריהמאָרגען מיט אַ פריי-דליך שמייכעל פון דער ליכטיגער פרעהליכער זון. אַ שענער, אַ זעל-

טעֶנער טאָג האָט זיך געשטעלט מיט אַ זים וואַרעמקײַט, וואָס דוּרך דעם איז פונ'ם איבעריגען ביסעל שנײ געוואָרען קאַשע, און פון דער קאַשע — וואַסער, און דאָס וואַסער האָט זיך פון אַלע זײַטען אַרײַנגעגאָסען אין בוג אַרײַן, און דער בוג איז געוואָרען לויטער, העלבלוי, הויך און משופּע'דיג, און נאָר זעלטען האָט מען בעגעגענט יענע גרויסע שטיקער אײַז, וואָס זעהען אויס, ווי לעבעדיגע מורא'דיגע חיות, ווײַסע עלעפאַנטען וואָס יאָגען, לויפען, אײַלען זיך, האָבען מורא, זיי זאָלען נישט פערשפעטיגען. פישעל דער מלמד האָט אָבגעדאַוועט, פאַרביסען מיט'ן לעצטען ביטעל חמץ, וואָס האָט זיך געפונען בײַ איהם אין טלית-זאַק, און איז אַרויסגעגאַנגען צום טײַך אַ קוק טאָן, וואָס הערט זיך מיט'ן פאַראָם, — און ווי נבהל ומשתומם איז ער געוואָרען, אַז ער האָט דערהערט פון פראָקאָפּען, אַז דעם פאַראָם וועט מען קענען לאָזען געהן ערשט הלואי זונטאָג נאָך האַלבען טאָג! פישעל האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענד בײַם קאָפּ, געמאַכט מיט אַלע אברים, געבײזערט זיך אויף פראָקאָפּען און געזידעלט איהם אויף זײַן לשון, האַלב אויף גוי'עש האַלב אויף לשון קודש, דאָס איבעריגע מיט די הענד: למאי האָט ער איהם נעכטען געגעבען האָפנונג, אַז מע וועט הײַנט קאָנען אַריבער דעם טײַך מיט'ן פאַראָם? דערויף האָט איהם פראָקאָפּ גאַנץ קאַלטבלוטיג געענטפערט, אַז ער האָט איהם נישט אָנגעהויבען צוזאָגען איבערפיהרען מיט'ן פאַראָם; ער האָט איהם נאָר צוגעזאָגט *אַריבערפיהרען*, און אַריבערפיהרען קאָן ער איהם, אויב ער וויל, מיט אַ שיפעל, אויף אַ לאָדקע, אויף אַ מולטער, און קאָסטען וועט דאָס איהם נישט וועניגער ווי אַ פּאָלטינעק (אַ חצי-רו"כ).

— נעחאַ בודע לאָדקע, נעחאַ בודע מולטער, אַבי נע פּראָזנעקאָוואַטע, חלילה, נאַ דוויר! [1]

אַזוי האָט איהם פישעל געזאָגט און איז גרייט געווען אין דער מינוט בעצאָהלען איהם צוויי קאַרבּוֹניס, אָדער גאָר זיך לאָזען איבערשווימען דעם טײַך, זיך מוסר נפש זײַן צוליעב דעם הײליגען יום-טוב, און ער האָט גענומען אונטערטרײַבען פראָקאָפּען, ער זאָל

1) לאָז זײַן אַ לאָדקע, לאָז זײַן אַ מולטער, אַבי ניט יום-טוב האַלטען, חלילה, אין דרויסען.

שוין גיכער נעמען די לאדקע אדער דעם מולטער און אריבערפיהרען איהם שוין אויף יענער זייט בוג קיין חאשטשעוואטע, וואו בת־שבע, פרויקע און רייזעל קוקען שוין ארויס אויף איהם. סע קאן זיין, אז זיי שטעהען אויף יענער זייט בוג, דארט אויף יענעם בארג און זעהען איהם, ווינקען צו איהם, מאכען צו איהם מיט די הענד, רופען צו איהם, נאר מען זעהט זיי נישט און מען הערט נישט זייער קול, ווייל דער טייך איז ברייט, מורא׳דיג ברייט, ברייטער ווי תמיד!

די זון האט שוין געהאלטען העכער האלב וועג אין טיעפען, לויטערן, בלויען הימעל, בשעת פראקאפ האט געהייסען פישלען, ער זאל שפּרינגען אין מולטער אריין. און אז פישעל האט דערהערט די דאזיגע ווערטער, האט ער מיט אמאל אבגעלאזט הענד און פיס און האט נישט געוואוסט, וואס ער זאל טאן. זינט ער לעבט איז ער נאך נישט געפאהרען אויף קיין מולטער; זינט ער לעבט האט ער זיך נאך נישט געשיפט אין א שיפעל. און עס האט זיך איהם אויסגע־דאכט: אט אט טוט זיך עס א בייג אין א זייט — איז מען דאך א קדוש!

— שפּרינג אין מולטער אריין, וועלען מיר שווימען! — האט איהם פראקאפ נאך אמאל געזאגט און מיט איין מאך מיט דער האנד איז ער צוגעשוואומען צום ברעג נאך נעהנטער און צוגענומען ביי פישלען דאס פעקיל פון די הענד.

פישעל דער מלמד האט גאנץ פיין פערקאטשעט די פאלעס, אנגעהויבען דרעהען זיך אויף איין ארט, זיך געישוב׳ט, צי זאל ער שפרינגען, צי זאל ער נישט שפרינגען? פון איין זייט שבת ערב־פסח, בת־שבע, פרויקע, רייזעל, מרחץ, סדר, מלך... פון דער אנדערער זייט — סכנת נפשות, מלאך המות, „המאבד עצמו לדעת", — איז דאך עליו־השלום, אוים פישעל!... פישעל האט זיך מיט די פער־קאטשעטע פאלעס אזוי לאנג ארומגעדרעהט אויף איין ארט, ביז פרא־קאפ האט זיך צעשריגען אויף איהם, געזאגט, אז אט טוט ער א שפּיי און פאהרט אליין אריבער אויף יענער זייט קיין חאשטשעוואטע. דערהערט דאס ליבע ווארט „חאש—טשע—ווא—טע", דערמאנט זיך פישעל אן זיינע אייגענע און געטרייע, נעמט זיך אן מיט אלע כוחות און פאלט אריין אין מולטער אריין. איך זאג „ער פאלט אריין", ווייל פונ׳ם ערשטען שטעל מיט׳ן פוס טוט זיך דאס שיפעל א בייג אויף איין זייט, מיינט ער, אז ער פאלט, טוט ער זיך א חאפ

צוריק, און פון דעם „חאַפּ צוריק" טוט ער אַ פּאַל מיט'ן פּנים אַראָב, ציהט זיך אויס אויפ'ן דנאָ, און סע געדויערט עטליכע מינוט ביז ער קומט צו זיך, און דאָס פּנים איז איהם טויט, הענד און פיס ציטער-ען, און דאָס האַרץ ווי אַ זייגערל: טיק-טיק-טאַק! טיק-טיק-טאַק!

ו.

ווי ביי זיך אין דערהיים אויפ'ן בענקעל זיצט פּראָקאָפּ אויפ'ן שפּיץ מולטער, אַ מאַך מיט דער וועסלע פון איין זייט, אַ מאַך מיט דער וועסלע פון דער אַנדערער זייט — דאָס שיפעל גליטשט זיך איבער'ן שפּיגעלדיגען וואַסער און ביי פישלען דרעהט זיך דער קאָפּ, קוים וואָס ער זיצט. ער זיצט? ניין, ער הענגט, ער הענגט אין דער לופטען; אָט-אָט טוט ער זיך אַ שלעכטען ריהר, אָט-אָט רייסט ער זיך אָב, איין ביג אויף אַ זייט — און פליוך אין וואַסער אַריין, אויס פישעל!... און ביי דעם געדאַנק קומט איהם אויפ'ן זינען דער פּסוק פון דער שירה: „צללו כעופרת במים אדירים" — פערזינקען ווי בליי אין די שטאַרקסטע וואַסערן — און עס שטעלען זיך איהם די האָר קאַפּויר פון אַזאַ מין טויט; סטייטש, נישט קומען אפילו צו קבר-ישראל! און ער איז מנדר... וואָס זאָל ער מנדר זיין? צדקה? האָט ער נישט וואָס; ער איז נעבאַך אַ גרויסער, גרויסער אָרימאַן! — איז ער מנדר, אַז באָם גאָט וועט איהם ברענגען בשלום אַהיים, וועט ער זיצען גאַנצע נעכט און לערנען, און וועט דורכגעהן דורכ'ן יאָהר גאַנץ ש"ס, אם ירצה השם, מיט גאָט'ס הילף...

פישעל וואָלט אַ בעלן זיין וויסען, צי ס'איז נאָך ווייט ביז צו יענעם ברעג. און ווי אויף צו להכעים האָט ער זיך געזעצט מיט'ן פּנים צו פּראָקאָפּ'ען און מיט'ן הינטען צו חאַשטשעוואַטע. פרעגען פּראָקאָפּען האָט ער מורא אַרויסלאָזען אַ וואָרט פונ'ם מויל; עס ווייזט זיך איהם אויס, אַז פונ'ם קול אַליין וועט זיך דאָס שיפעל געבען אַ הוידע, און לאָז זיך דאָס שיפעל געבען אַ הוידע — איז אויס פי-שעל! נאָר פּראָקאָפּ אַליין עפענט דאָס מויל און הויבט אָן רעדען. ער זאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין ערגערע נסיעה אויפ'ן וואַסער, ווי בשעת קריהע געהט נאָך; מע קאָן, זאָגט ער, נישט פאָהרען גלייך,

מע מוז זיך קלינגען, דרעהען זיך אַרום און אַרום, אומקעהרען זיך אַלע מאָל צוריק.

— אָט געהט אַ שטיק אייז גלייך אויף אונז.

אַזוי זאָגט פּראָקאָפּ און טוט זיך אַ נעהם צוריק און לאָזט דורך פאַרביי אַ גאַנצע מאַלינע, וואָס שווימט דורך פאַרביי מיט אַ משונה מאָדנעם הילך, וואָס פישעל האָט נאָך אַזעלכעס קיינמאָל נישט געזעהען און נישט געהערט, און ער הויבט ערשט אָן פערשטעהן, ווי ווייט די דאָזיגע נסיעה איז אַ משונה׳דיגע זאַך! ער וואָלט אַוועקגעגעבען מי יודע וואָס, אַבי ער זאָל שוין גיכער קומען צום ברעג, אָדער אומקעהרען זיך צוריק.

— אָ! דו זעהסט? — מאַכט צו איהם פּראָקאָפּ און ווייזט איהם אָן אַהין אַרויף.

פישעל הויבט אויף די אויגען פאַוואָלינקע, האָט מורא זיך אַ שטאַרקען ריהר טאָן, קוקט, קוקט, און זעהט נישט גאָרנישט; ער זעהט נאָר וואַסער, וואַסער און וואַסער.

— דאָס געהט אויף אונז אַ גרויסע קריהע, מע דאַרף איבערלויפען גיך, וואָרום צוריקנעהמען זיך איז שוין שפּעט.

אַזוי זאָגט פּראָקאָפּ און אַרבייט מיט ביידע הענד גאַנץ געשמאַק און דאָס שיפעל גליטשט זיך, שוועבט ווי אַ פיש אין וואַסער, און פישעל פיהלט, אַז עס ווערט איהם קאַלט אין אַלע אברים; ער וויל עפּיס אַ פרעג טאָן, נאָר ער האָט מורא איינשטעלען זיך. פּראָקאָפּ רעדט אָבער אַליין.

— אויב מיר וועלען נישט פערחאַפּען פריהער מיט אַ מינוטקעלע איז שלעכט.

דאָ קאָן זיך פישעל נישט איינהאַלטען און פרעגט איהם איבער:

— דהיינו, וואָס הייסט שלעכט?

— שלעכט הייסט, אַז מיר זענען פערפאַלען — זאָגט פּראָקאָפּ.

— פערפאַלען?

— פערפאַלען!

— דהיינו וואָס הייסט פערפאַלען? פרעגט איהם איבער נאָך אַמאָל פישעל.

— פערפאַלען הייסט, עס וועט אונז „פערדרייבען“.

— פערדרייבען?

— פערדרייבען!

פישעל פערשטעהט נישט רעכט, וואס בעדייטען די ווערטער „פערפאלען”, „פערריבען”; נאר פיהלען פיהלט ער, אז עס שמעקט מיט „מעבר-יבק”, מיט „יענער וועלט”, — און א קאלטער שווייס טרעט איהם ארויס אויפ'ן לייב, און דער פסוק פון דער שירה קומט איהם נאך אמאל ארויף אויפ'ן זכרון: „צללו כעופרת במים אדירים”, פערזינקען ווי א בליי אין די שטארקסטע וואסערן...

און בכדי צו בערוהיגען אונזער פישלען, דערצעהלט איהם פראקאפ א שענע מעשה פון פאראיאהרען אין דער צייט: דער בוג האט זיך „אבגעריסען”, און דעם פאראם האט מען נישט געקאנט לאזען, האט זיך איהם געטראפען אויך א פארשוין, אנ'אקציזנער טשינאווניק פון אומאן, א וואוילער פארשוין, צוגעזאגט בעצאהלען א גאנצען „קארבאוואנעץ”, האבען זיי געהאט א ביז באגעגעניש מיט צוויי מורא'דיגע שטיקער אייז, האט ער זיך גענומען רעכטס, ארײן צווישען ביידע קריהעס אין מיטען, געוואלט דורכשניידען ארויף, האט ער זיך אומגערן א בוצקע געטאן מיט'ן שיפעל און — באץ אין וואסער ארײן! א גליק וואס ער קאן שווימען, נאר דער אומאנער טשינאווניק איז קאפוט געגאנגען, און פערפאלען דאס קערביל.

— פראפאוו קארבאוואנעץ! — אזוי האט פראקאפ אויסגעלאזט זיין שענע מעשה מיט א זיפץ, און ביי פישלען איז דורכגעגאנגען א פראסט איבער'ן לייב און ס'איז איהם טרוקען געווארען אין מויל: נישט געקאנט אויסרעדען קייןווארט, ארויסלאזען קיין קול, קיין פיפס פונ'ם מויל.

ז.

סאמע אין מיטען טייך, סאמע אין רעכטען שווימען, האט זיך פראקאפ אבגעשטעלט, געקוקט — געקוקט ארויף וואסער; נאכדעם האט ער אוועקגעלעגט די וועסלע, ארויסגענומען פון דער טיעפער קעשענע א פלעשעל, איבערגעקעהרט דאס פלעשעל און געגעבען א צוויי דריי זופען און צוריק פערשטעקט דאס, און ארײן אין קעשענע און פערביסען מיט עטליכע גאנצע פעפערלעך, און פערענטפערט זיך פאר פישלען, אז ער מוז, ער מוז געבען האטש א צוויי זופ פונ'ם „ביטערען טראפען”, אנדערש פיהלט ער זיך נישט גוט אויפ'ן

וואַסער ... און ער האָט זיך אויסגעווישט דאָס מויל און גענומען די וועסלע אין האַנד , נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אַרויף וואַסער און אַ זאָג געטאָן :

— טעפער טרעבאַ טיקאַטי ! 1)

וואוהין אַנטלויפען ? פאַר וועמען אַנטלויפען ? — דאָס האָט פישעל נישט פערשטאַנען און מורא געהאַט פרעגען ; נאָר געפיהלט האָט ער , אַז דאָ שמעקט מיט מלאך-המות , וואָרום פראָקאָפּ האָט זיך געשטעלט אויף די קניע , גענומען אַרבייטען מיט דער וועסלע אויף אַלע כלים און אַ זאָג געטאָן צו פישלען און בעוויזען מיט דער האַנד אויפ'ן דנאָ :

— ראַבין ! ליאַהאַיי נאַ ספּיד ! 2)

און פישעל הו"ט באַלד פערשטאַנען , אַז מע הייסט איהם זיך לעגען , האָט ער זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטען. ער האָט דערזעהען פון דער ווייטען, ווי אַ גאַנצע הכ׳אַרע רוקט זיך אָן אויף זיי, סע געהט אַ וועלט מיט אייז, האָט ער צוגעמאַכט די אויגען, איז צוגעפאַלען מיט'ן פנים צום דנאָ פון דער שיף און געציטערט ווי אַ לעמעלע , און אויסגעשריגען שטילערהייד אויף אַ קול : „שמע ישראל !” אָבגעזאָגט די קורצע ודוי , געטראַכט פון „קבר-ישראל !” און פאָרגעשטעלט זיך , אַז אָט-אָט ליגט ער אויפ'ן אָבגרונד פון די וואַסערן , אָט-אָט לויפט צו אַ פיש און שלינגט איהם איין , ווי דעם נביא יונה בשעת ער איז אַנטלאָפען קיין תרשיש , און ער דערמאָנט זיך אָן דער תפלה פון דעם נביא יונה און ער זינגט שטילערהייד און וויינט, וויינט מיט טרערען : אפפוני מים עד נפש — מיך האָבען אַרומגערינגעלט די וואַסערן ביז דער נשמה , תהום יסובבני — דער אָבגרונד טוט מיך אַרומרינגלען ! ! !...

אַזוי זינגט פישעל דער מלמד שטילערהייד און וויינט , גיסט מיט טרערען , האָט רחמנות אויף בת-שבע'ן , נעביך איין אלמנה , און די קינדער יתומים , און פראָקאָפּ אַרבייט אויף אַלע כלים און זינגט בשעת מעשה זיינס אַ ליעדעל :

1) אַצינד בעדאַרף מען אַנטלויפען .

2) לעג זיך אַראָב .

אָי ווי האַלקי!
אָי, ווי טשאָרני קרילע!
טשאָרנאָ קרי־י־י־ילע 1).

און פּראָקאָפּ פּיהלט זיך דאָ אויפ׳ן וואסער, ווי אויף דער יבשה, ווי בּיי זיך אין דער היים. און פּישעלס „אפפוני״ מיט פּראָקאָפּ׳ס „האַלקעס״, און פּישעלס „יסובבני״ מיט פּראָקאָפּס „טשאָרנאָ קרילי״ גיסען זיך צונויף אינאיינעם, און עס לאָזט זיך הערען אויפ׳ן בוג אַ מאָדנע געזאַנג, אַ מין דועט, וואָס איז נאָך דאָרט קיינמאָל אַזעלכעס נישט געהערט געוואָרען; עס קאָן זיין, זינט דער טייך הייסט „בּוג״, האָט ער נאָך אַזאַ מין דועט נישט געהערט...

— וואָס האָט ער אַזוי מורא פאַר׳ן טויט, דער דאָזיגער יוד? — אַזוי טראַכט זיך פּראָקאָפּ בּאַראַניוק, נאָכדעם אַז ער האָט אויסגע־פּעהלט די גרויסע שטיק קריהע, אַרויסגעצויגען נאָך אַמאָל דאָס פלע־שעל פונ׳ם אָבגרונד פון זיין טיעפער קעשענע, געטאָן אַ צוויי דריי זופּ און פערביסען מיט עטליכע גאַנצע שווארצע פּעפּערלעך — דאַכט זיך אַזאַ קליין יודעל איין אָרעמס, איין אָבגעריסענס, וואָס איך וואָלט פאַר איהם נישט אַוועקגעגעבּען אָט דאָס שטיקעל מולטער. און צי־טערט אַזוי פאַר׳ן טויט!...

און פּראָקאָפּ טוט איהם אַ טאַרקע מיט׳ן שטיוועל אין זייט אַריין און פּישעל טוט אַ ציטער. אויף פּראָקאָפּען פאַלט אָן אַ געלעכטער, נאָר פּישעל הערט נישט, פּישעל טוט תפלה, פּישעל זאָגט ודוי, זאָגט קדיש נאָך זיין איינענער נשמה און טראַכט מכח „קבר־ישראל״...

— ווסטאַוואַי דורני ראַבּין, ווזשע פּריעחאַטי! ווזשע טי אַ חאַש־טשעוואַטע! 2)

אַזוי רופט זיך אָן פּראָקאָפּ בּאַראַניוק צו זיין פּאַרשוין, צו פּישעל דעם מלמד, וועקט איהם אויף ווי פונ׳ם שלאָף! און פּישעל

1) אוי, איהר האַלקעס!
אוי, איהר שווארצע פליגעלדיגע!
שווארצע פליגעלדיגע!

2) שטעה אויף, דו נאַרישער רבי, שוין געקומען צופאָהרען, שוין אין האַשטשעוואַטע.

הויבט אויף דעם קאָפּ פּאַוואָלינקע, פּאַמעליך, קוקט זיך אַרום מיט די רויטע פערוויינטע אויגען אויף אַלע זייטען:

—חאַ—שטשע—וואַ—טע???...

— חאַשטשעוואַטע! דאַוואַי, ראַבין, פּיווקאַרבאָוואַנצאַ! 1)

און פישעל קריכט אַרויס פונ׳ם מולטער און דערזעהט, אַז ער איז שוין אין דער היים, ווייסט ער נישט, וואָס ער זאָל טאָן: צי זאָל ער לויפען אין שטאָדט אַריין? צי זאָל ער געהן טאַנצען? צי זאָל ער פריהער דאַנקען און לויבען גאָט, וואָס ער האָט איהם מציל געווען פון אַזאַ סכנה? ער בעצאָהלט דעם ערל דאָס האַלבע קערביל, חאַפּט דאָס פּעקעל אונטער דער האַנד און לאָזט זיך לויפען וואָס גיכער אַהיים, נאָר ער בלייבט שטעהן אויף אַ רגע, דרעהט זיך אוים מיט׳ן פּנים צום פּאַראָמשטשיק.

— סלוחאַי נאָ, פּראָקאָפּע סערדצע. טי פּריהאָדעט, אם ירצה השם, זאַווטראַ נאַ טשאַרקו פּייסאַחאָווקע אי פּראַזנעקאָוואַ ריבאַ דאָ פישעל ספּעקטער, טשויעש? למען השם! 2)

— אַ יאַק זשע? חיבאַזש יאַ טאַקיי דורנעיי? 3)

ענטפערט איהם פּראָקאָפּ באַראַניוק און בעלעקט זיך שוין בע־צייטענס פון פּסח׳דיגען בראָנפען, וואָס ער וועט מאָרגען פערזוכען און פון די יום־טוב׳דיגע פיש, וואָס ער וועט פערבייסען: — פּייסאַחאָוואַ הורילקאַ? זשידיוווסקאַ ריבאַ? דאָברע, ראַבין, דאָברע! 4).

* *

*

פישעל דער מלמד אַז ער איז געקומען אַ היים, האָט איהם בת־שבע, רויט ווי פייער מיט איין אָנגערוקט טיכעל, אַ פרעג געטאָן: „וואָס מאַכסט דו?“ האָט ער איהר געענטפערט: „וואָס מאַכסט דו?“

---

1) גוט, רבי אַ האַלב קערביל!

2) הער נאָר, פּראָקאָפּ, הארצעניו, זאָלסט קומען, אם ירצה השם, מאָרגען אויף אַ גלעזעל פּסח׳דיגען בראָנפען מיט יום־טוב׳דיגע פיש צו פישעל מלמד. למען השם.

3) ווי דען־זשע? צי בין איך דען אַזאַ נאַר?

4) פּסח׳דיגען בראָנפען? יודישע פיש? גוט, רבי, גוט!

האָט זי איהם געפרעגט: „וואָס עפּיס אַזוי שפּעט?" האָט ער איהר געענטפערט: „בעדאַרף בענשען גומל, אַ נס מן השמים"... און נישט מעהר אַ וואָרט, נישט געוואָלט דערצעהלען גאָרנישט פון דער שענער נסיעה, נישט געוויזען קיין צייט; ער האָט אפילו קיין צייט נישט גע-האַט פערהערען פרויקען, וואו ער האַלט אין דער גמרא, און אָבגעבען רייזלען די מתנה און בת-שבע'ן די זיידענע פאַטשיילע. דאָס אַלכדינג איז אָבגעלעגט געוואָרען אויף שפּעטער, פישעל האָט געוואָלט נאָך פערחאַפּען אַ באָד. קוים-קוים פערחאַפּט! און אַז ער איז געקומען פון מרחץ, האָט ער אויך נישט דערצעהלט גאָרנישט. ער האָט דאָס אָב-געלעגט אויף שפּעטער, אויף נאָכ'ן סדר, ער האָט נאָר געזאָגט אַלע מאָל: „אַ נס מן השמים... בענשען גומל... דער איבערשטער פיהרט מיט אַ מענשען... אַ נס מן השמים... געלויבט איז השם יתברך...

און ער האָט גענומען מיט זיך פרויקען און איז אַוועק אויף גיך אין שול אַריין.

בלינצעם.

בלינצעס.

אַראָמאַן לכבוד שבועות.

פון

שלום-עליכם.

ערשטעס קאַפּיטעל.

(א געהיימער פּאַרשוין אין אַ קאַרעטע, מיט אַ צילינדער און מיט אַ רעגענשירם).

אויף איינער פון די זייטיגע גאַסען פון דער גרויסער שטאָדט נ. דעם ערשטען טאָג שבועות אין דער פריה, פליהט אַ קאַרעטע, אין וועלכער עס זיצט איין עלעגאַנטער פּאַרשוין אין אַ צילינדער, דאָס פּנים פערשטעלט מיט אַ רעגענשירם, האָטש דער הימעל איז ריין ווי גאָלד. צוגעפאָהרען צו איינעם פון די גרעסטע שענסטע מויערן, שפּרינגט דער פּאַרשוין אַרויס פון דער קאַרעטע, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, צעצאָהלט זיך אויף דער גיך מיט'ן קוטשער און טהוט איהם אַ מאַך מיט דער האַנד אָהן ווערטער, ווי איינער רעדט: איך דאַרף דיך מעהר נישט, קאָנסט פאָהרען ווייטער". די קאַרעטע פאָהרט אַוועק, און דער פּאַרשוין נעהמט זיך דוקא צוריק, צעהלט אָב דריי נומערען, און ביי איין אַלט הויז מיט שוואַרצע פערריכערטע ווענד, נומער B 21, בלייבט ער שטעהן און נעהמט אַרויס פון קעשענע אַ וויים עלעגאַנט ביכעלע פון עלעפאַנט-ביין און לייענט שטילערהייד:

— נומער B 21., אין הויף, דריטער שטאָק, ליבס...

אַנגעקלונגען אין טויער, טרעט ער אַריין אין אַ גרויסען פיער-עקעכיגען הויף, ווי אַ קאַסטען, און נעהמט בעטראַכטען די ווענד און די טהירען און די פענסטער, און דערזעהט אַ וויים ברעטעל מיט שוואַרצע אותיות „כשר".

— אָ! אָט דאָ איז דאָס! — זאָגט דער פּאַרשוין צו זיך אַליין און אין זיינע אויגען בעווייזט זיך אַ פייערל און אויף די ליפּען — אַ צופריע-

דען שמײַכעלע פון א מענשען, וואס האט געפונען דאס, וואס ער זוכט, מיט גיכע טריט קלעטערט ער ארויף אויפ׳ן דריטען שטאק, און טרעפט דרײַ טהירען: אײנע אקעגען, אײנע רעכטס, אײנע לינקס. אויף דער לינקער טהיר דערזעהט ער ווידער א מאל איין אויפשריפט „כשר״. נאכדעם ווי ער האט א ביסעל אבגעאטהעמט און אויסגעווישט זיך דעם שטערן, נעהמט ער זיך ענדליך צום גלעקעל.

אט דא מוזען מיר זיך אבשטעלען אויף א ווײַלע און אויפקלערען דעם לעזער: ווער איז אט דער געהײמער פארשוין? וואס איז ער דאס געפאהרען אזוי פערשטעלט? צוליעב וואס האט ער אבגעצעהלט דרײַ נומערען צוריק? און וואס האט ער זיך אזוי דערפרעהט, אז ער האט דערזעהען דאס ווארט „כשר״? — מײַנע ליעבע פרײַנד! דאס איז נישט שערלאק האלמס; דאס איז דער העלד פון אונזער ראמאן — מארקוס ביבער, פארשטעהער פון דער פירמע „ביבער, שפאק עט קאמפ.״.

צווייטעס קאפיטעל.

(רעדט פון זײַטיגע ענינים, פון טענץ, פון עסענ׳ס, פון עולם-הזה וכדומה אזעלכע זאכען).

איך קאן אײַך ניט זאגען אקוראט, מיט וואס די פירמע בעשעפטיגט זיך, איך ווײס נאר אז מארקוס ביבער, דער פארשטעהער פון דער פירמע „ביבער, שפאק עט קאמפאניע״, איז א רײַכער סוחר און א געזונדער יונג און א זעלטענער פארשוין און א ליעבער מענש און איז נאך א בחור.

לאזען זיך אקארשט די שדכנים אזוי ניט פרעהען — מארקוס ביבער האט געגעבען דאס ווארט, ער זאל ניט חתונה האבען קײנמאל.

די, וואס קענען איהם פונ׳ם ארט, דערצעהלען, אז אין דער יוגענד איז מארקוס ביבער געווען איין עלעגאנטער קאוואליער, געהײסען „קראסאווטשיק״ און האט זיך געמאכט בעריהמט מיט זײַן טאנצען. בײַ די מאמזעלען פון שטאדט איז געווען א גאנצער יחוס, אז „קראסאווטשיק״ האט מיט זיי געטאנצט. טאנצען מיט א שענעם קאוואליער האבען אלע מיידלעך ליעב. פאר וואס ניט? עס איז גאר קיין עולה ניט. מיט וועמען דען זאלען זיי געהן טאנצען? איך און איהר זענען שוין צו אלט דערויף, און אגב זענען מיר שוין לאנג בעווײַבט און האבען שוין פערגעסען

די שפראך פון טאנצען. די טאנצען־שפראך — דאס איז א בעזונדער מין לשון, וואס מען דארף עס קאנען. אונזער העלד, מארקום ביבער, האט געקאנט אוועקטאנצען א שעה כסדר און ניט אויפהערען שיטען מיט פראַזען, ווי מיט בלומען: איינס־צוויי־דריי — איהר זענט גרינגער פון א פעדער״ . . . „איינס־צוויי־דריי — אייער טאליע איז א חלום״ . . .

איא, ס׳איז ביי אייך „תרגום״? מען דארף דאס קאנען און מען דארף וויסען, ווי אזוי זיך מיט מאמזעלען צו בעגעהן און ווי זיך צו האלטען און וואס מיט ועמען מען דארף רעדען. איך ווייס עס פון מיין אייגענעם ערפאהרען. איך בין געווען אמאל אין א געזעלשאפט, מען האט מיך פארגעשטעלט פאר די שענסטע דאמען און מאמזעלען פון שטאדט, אלס שרייבער און אלס הומאריסט. א בוקעט פון דאמען און מאמזעלען האבען מיך ארומגערינגעלט פון אלע זייטען. געוואלט הערען פון מיר א גוט ווארט. איך האב געמאכט א שמועס פון . . . ליטעראַטור. תחלת האבען מיינע דאמען צו מיר זעהר זיס געשמייכעלט. נאכדעם האבען זיי זיך אנגעהויבען איבערקוקען איינס מיט דאס אנדערע. א ביסעל שפעטער האב איך בעמערקט, אז זיי פערשטעלען זיך די מיילער, מען זאל ניט זעהען, ווי זיי גענעצען. געענדיגט האט זיך עס דערמיט, וואס איך בין גיך געבליבען איינער אליין, ווי ראבינזאן־קרוזע, און מיינע דאמען און מאמזעלען האבען זיך צונויפגעשלאגען אין א ווינקעלע עפיס ארום א שענעם, א הויכען מאנספארשוין און האבען אזוי געשמאק און הילכיג געלאכט, אז ס׳איז געווען א פערגעניגען צו הערען פון דער ווייטען. איך האב געבעטען, מען זאל מיך פארשטעלען פאר דעם דאזיגען מאנספארשוין. מען האט מיך פארגעשטעלט. זיין נאמען איז געווען מארקום ביבער („קראסאווטשיק״).

איצט איז דאס שוין נישט דער מארקום ביבער, וואס אמאל, אויס „קראסאווטשיק״. דאס הייסט, ער איז נאך היינט אויך א פיינער יונג. עלעגאנט געקליידעט, שטענדיג אויסגעפוצט, גוט ארומגעראזירט און רעכט אנגעפארפומירט, האט מיט זיך שטענדיג א קליין בערשטעלע אויף צו פערקעמען די וואנסעס ארויף און א שפיגעלע אויף צו חאפען א קוק. אין זיין גרינעם שניפס — א רויטע שפילקע, אויפ׳ן פינגער שעמערירט א בריליאנט. דאס וואלט אלסדינג געווען גוט, ווען נישט דאס ווייסע טעלערל אויפן שפיץ קאפ, וואס ווערט אלע טאג גרעסער און גרעסער, און ווען נישט אט דאס בייכעל, וואס ווערט אלע טאג העכער און העכער, און אליין פיהלט ער זיך אויך פון טאג צו טאג אלץ

שווערער, גארנישט דאס וויזס אמאל. ווער רעדט פון דאמען? מאמזועלען? טענץ? טשעפעט זיך אב, איהם גלוסט זיך שוין נאר רוהען, חאפען א דרעמעל נאכ'ן עסען. אבי ס'זאל נאר זיין גוט געגעסען. גוט עסען און געשמאק שלאפען—וואס מיינט איהר? ס'איז איז נישט אזא גרויס נארישקייט. איך וויים נישט, מיט וואסער א פילאזאפיע מיין העלד בענוצט זיך, — און אפשר איז ער גאר דערגאנגען מיט זיין אייגענעם שכל, אז דאס לעבען פונ'ם מענשען איז אזוי קורץ און די וועלט איז אזוי נאריש, אז א שאל שווארצע קאפע מיט א האוואנע-ציגאר נאך א רעכטען מיטאג שמעקט זעהר גוט און העלפט דעם מאגען קאכען . . . אז וואויל איז צו דעם, וואס קומט צו דער אידעע בעצייטענס, כל-זמן דער מאגען קאכט נאך און דער שלאף לאזט זיך נישט לאנג בעטען. איהר קאנט אייך אפילו זאגען, אז דאס איז בורזשואזנע, א געדאנק פון איין עולם-הזה'ניק, אבער דאס וועט איהר ניט אבלייקענען, אז א געדאנק איז דאס.

מיר געפעלט, וואס איך האב מיך ארויסגעחאפט מיט'ןווארט „עולם-הזה'ניק". דאס איז דאס ריכטיגע ווארט פאר אונזער העלד. מארקום ביבער איז איין עולם-הזה'ניק, א מורא'דיגער עולם-הזה'ניק. ער געהט מיט דעם גאנג, אז אלע קאנען זיך נישט בעשעפטיגען מיט איין זאך. פארהאן מענשען, וואס געבען זיך אב מיט עולם-הבא, דאס איז זייער עסק. ביבער, אז ער קומט אויף א ניי ארט, זעהט ער זיך קודם א ריינע, א רוהיגע סטאנציע אינ'ם בעסטען האטעל, און טאקי באלד טהוט ער א טראכט מכח עסען. אין דער צייט, ווען די אנדערע אנגעקומענע פאסאזשירען לויפען ארום, דער—אנקוקען די שטאדט און דער—וועגען געשעפט, וועט איהר ביבער'ן זיכער געפינען אדער מיט א גאפעל אין האנד אין בופעט, ביי די פלעשלעך מיט די פערבייסענס, אדער מיט א ווייסער סערוועטקע אויפ'ן האלז, ביי א טישעל אין רעסטאראן, פערטיעפט אין דער שפייזקארטע און שטודירענדיג די אויסגערעכענטע מאכלים.

זענט איהר שוין, אלזא, א ביסעל בעקענט מיט מיין העלד, שוין צייט זיך בעקענען אויך מיט דער העלדין פונ'ם ראמאן.

דריטעס קאַפּיטעל.

(שטעלט פאָר די העלדין פונ׳ם ראָמאַן)

זי איז נאָך גאָר אַ יונגע פרוי און הייסט פּײַן, און האַלט אַ גאַסטהויז, און האָט צוויי קינדערלעך, וואָס געהען אין גימנאַזיע, מיט איין אַלטער מוטער, וואָס זיצט מיט זילבערנע ברילען איבער אַ גרויסען סדור און דאַווענט, און מיט אַ קליין שוועסטערל, וואָס העלפט איהר אין געשעפט. אַ גאַסט, אַז ער שטעלט זיך נור איין מאָל אָב ביי דער מאַדאַם פּײַן, נעכטיגט איבער איין נאַכט, אָדער עסט אָב איין אָנבייסען אָדער רעדט מיט איהר צוויי ווערטער, ווערט ער שוין דאָס צווייטע מאָל זיך ניט אָבשטעלען אין ערגיץ. און אַז ער ווערט אַוועקפאָהרען, וועט ער איהר פּנים, מיט איהר געשטאַלט, מיט איהרע אויגען, מיט אַלע איהרע בעוועגונגען לאַנג־לאַנג טראָגען ביי זיך אין זכרון. ס׳איז אונמעגליך זי צו פערגעסען. אַז איהר זעהט זי צום ערשטען מאָל, ווייזט זיך אייך אויס, אַז זי איז אייך קענטליך, אַז איהר האָט זי שוין ערגיץ אַמאָל געזעהען. רעדענדיג מיט איהר און קוקענדיג איהר אין די אויגען אַריין, קומען אייך אויפ׳ן זינען אַלע שענהייטען פונ׳ם חומש, ווי איהר האָט אייך זיי פאָרגעשטעלט אַמאָל אין אייער יונגער ריינער פאַנטאַזיע, און איהר קומט מיט אַ פּרעטענזיע צום רבונו של עולם:

„וואָס וואָלט דיך געאַרט, גאָט, אַז אַלע ווייבער, למשל, וואָס דו האָסט בעשאַפען, זאָלען זיין אַזוי, ווי די מאַדאַם פּײַן? דיין וועלטעל וואָלט דעמאָלט געהאַט גאָר איין אַנדער אויסזעהן. עס וואָלט געווען אַ פריידע, וואָס מען לעבט אויף דער וועלט...

יאָ, אַ פריידע. עס איז אַ פריידע צו רעדען מיט דער פּײַן, צו קוקען איהר אין די אויגען אַריין, צו הערען איהר קול, צו זעהען איהרע הענד. אַך, איהרע הענד! צו וואָס זי ריהרט זיך צו, איז גאָלד. אַלעס גלאַנצט, אַלעס שעמערירט, אַלעס לעבט אויף ביי איהר אין די הענד. און וואו זי געהט, און וואו זי שטעהט איז ליכטיג. און טהוט זי אָן אויף זיך אַ קלייד, זינגט דאָס. און געהט זי דורך די שטוב, לאַכען די ווענד, אַלעס אַרום איהר לעבט, אַלעס זינגט, אַלעס פרעהט זיך.

אָט דאָס איז אונזער העלדין, די ווירטהין פונ׳ם גאַסטהויז און יודישען רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך אין איינער פון די זייטיגע גאַסען פון דער גרויסער שטאָדט ג„., אין הויז נומר B 21., אין הויף, דריטער שטאָק, לינקס.

אַצינד, רעכען איך, וועט מײַן לעזער זײַן פערענטפערט אַ כך קשיות, און מיר קאָנען פאָרטזעצען אונזער ראָמאַן.

פיערטעס קאַפּיטעל.

(יודישע פיש, מילכיגע בלינצעס און אַ יונגערמאַן מיט איין ענגען קאָלנער).

נאָך אַז ער איז געוועזן אויף יענער זײַט טהיר, האָט אונזער העלד דערפיהלט אַ געשמאַקען ריח פון פיש, פון יודישע פיש, וואָס האָבען אַ טבע זיך לאָזען הערען אויף אַ קוואַדראַטנע מײַל אַרום און אַרום. זיי בעריהמען זיך פאַר דער גאַנצער וועלט: „דרך=ארץ! מיר, יודישע פיש, זענען נישט גלײַך צו אַלע אַנדערע פיש; אונז עסען יודען, וואָרום מיר זענען געפילט מיט געווירצען און שמעקען מיט פעפער!“ . . . אַרײַנגעקומען אינוויינינג, האָט ער געטראָפען אַ גרויסען, אַ ליכטיגען, אַ ריינעם זאַל. די ווײַסע וועגד זענען בעהאָנגען מיט גרינס. אַ לאַנגער ווײַסגעדעקטער טיש איז בעפוצט מיט בלומען, און אַרום טיש זיצען אַלערליי יודען, מיט היטלען און אָהן היטלען, מיט בערד און אָהן בערד, אַזעלכע, וואָס רעדען יודיש, אַזעלכע, וואָס רעדען רוסיש, און אַזעלכע וואָס רעדען דײַטש, דאָס הייסט נישט אינגאַנצען דײַטש, נאָר העכער האַלב כמעט אויף דײַטש. אויסגעטהון דעם אויבערראָק און אָבגעלעגט דעם צילינדער, האָט אונזער העלד פערנומען אַ ליידיגען פּלאַץ, וואָס איז נאָך פערבליבען ביים טיש, אַקעגען עפּיס אַ פּאַרשוין מיט אַ רויט פּנים, מיט אַ רויטען שניפּס און מיט איין ענגען קאָלנער. דער קאָלנער קוועטשט איהם אַזוי שטאַרק, אַז ער ווערט שיער ניט דערוואָרגען, עס שפּאַרען איהם די אויגען פון שטערן, נאָר אַ מכה וועט עמיצער וויסען. ער וועט בעסער ליידען שטילערהייד, אָבקומען חבוט=הקבר, פיהלען דעם טעם פון גיהנם, איידער אַראָבוואַרפען דעם קאלנער און אויסטהון אַזאַ שענעם שניפּס. פערנומען זײַן פּלאַץ, פערנייגט זיך מאַרקוס ביבער, ווי דער עטיקעט פאָדערט עס, פאַר זײַן וויז=אַ=ווי, דאָס הייסט, פאַר'ן יונגערמאַן מיט'ן ענגען קאָלנער. און עס ווערט דורך דעם געשלאָסען צווישען זיי אַ שטיקעל קענטשאַפט. מאַרקוס ביבער גיט איהם צו וויסען, אַז ער איז דאָ דעם ערשטען מאָל אינ'ם דאָזיגען . . . . דאָזיגען יודישען רעסטאָראַן. שטעהן—שטעהט ער, איינגענטליך, אין „גראַנד=האָטעל“ און געקומען איז אַהער צוליעב שבועות. דאָס הייסט, ניט אַזוי צוליעב'ן

שבועות, ווי צוליעב די שבועות'דיגע בלינצעם, חע־חע.

— חע־חע! — גיט איהם נאך דער יונגערמאן מיט'ן קאלנער און ווערט נאך רויטער און קוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין.

ביי די פיש ווערט אונזער העלד נאך מעהר בערייערוודיג:

— אויסגעצייכענטע פיש! איך האב שוין לאנג נישט געגעסען אזעלכע יודישע פיש. יודישע פיש האבען גאר איין אנדערן טעם. לעבען זאלען די יודען מיט יודישע מאכלים. איך בין, ווי איהר קוקט מיך אן, עפעס ניט אזא כשר'ער יוד, נאר פון כשר'ע עסענס האלט איך. ווער שמועסט—יום־טוב. יום־טוב עס איך נאר כשר'ס. איך וועל אייך ניט אוועקגעבען א יודיש שטיקעל פיש פאר אלע זייערע מארינאדען און מאיאנעזען, און, צווישען אונז רעדענדיג, וועל איך אייך ניט פערבייטען איין יודיש ראסעל־פלייש פאר צוואנציג גויעשע ביפשטעקסען, רומשטעקען, האזבראטען און ראסטביפען. ווארום לאמיר זיך נישט נארען: וואס קאן זיין בעסער פון א יודיש העלזעל, געפילט מיט מעהל? אדער א טייגעכץ מיט לעבערלעך? אדער ניערלעך, איבערגעטרייסעלט מיט פארפעלעך? צי, אשטייגער, וואס געהט אב א יודישע יויך מיט מאנדלען, מיט לאקשען, אדער גאר מיט קרעפלעך? הא, וואס זאגט איהר?

דער יונגער מאן מיט'ן קאלנער זאגט גארנישט; וואס זאל ער זאגען? אז אך און וועה איז איהם, קוים וואס ער האפט דעם אטהעם. און ביבער קעהרט זיך אום צו יודישע פיש, רעדט אלע מאל העכער, ווארום אלע רעדען, דער גאנצער עולם רעדט פון פיש, זיי קאנען זיך ניט אבלויבען פון די פיש. זיי לויבען די פיש און די בעל־הבית'טע פון די פיש, די מאדאם פיין.

— אז מען וויל א גוט שטיקעל פיש, זאל מען טאקי געהן נאר צו דער מאדאם פיין, — זאגט א יוד מיט גראבע ליפען.

— אז מען וויל הנאה האבען פונ'ם עסען, זאל מען עסען ביי דער מאדאם פיין, — האלט איהם אונטער א יוד, וואס שוויצט מיט סכנות־נפשות.

— איך עס שוין באלד פיער יאהר ביי דער מאדאם פיין — זאגט א יונגערמאן, וואס, אז ער עסט, שאקעלט זיך ביי איהם דער קאפעליש.

מיט איינעם ווארט — פון אלע זייטען טיש הערט זיך נאר „פיין", און „פיין", און פיין און אט איז זי אליין אויך, די מאדאם פיין.

פינפטעס קאפּיטעל:

(ברוך-הבא, בלינצעס!).

אַרײַנגעקומען איז די מאַדאַם פײַן מיט אַ גאַנצער סוויטע. פון איין זײַט די אַלטע מוטער, פון דער אַנדערער זײַט איהר יונג שוועסטערל און פון הינטען איהרע צוויי קינדער, די גימנאַזיסטלעך. אַלע געהען זיי אָנגעטהון יום=טוב׳דיג און אַליין זעהען זיי אויס יום=טוב׳דיג און זענען אָנגעלאָדען מיט גרויסע פּאָלומיסקעס מיט הייסע בלינצעס, וואָס לאָזען זיך הערען מיט זייער מילכיגען ריח איבער׳ן גאַנצען זאַל.

מיט׳ן אַרײַנקומען פון דער מאַדאַם פײַן האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אַ בעזונדערער שײַן פון דער זון האָט זיך מיט אַמאָל אַרײַנגעריסען אַהער אין שטוב אַרײַן, און אויף אַלע פּנים׳ער האָט זיך בעוויזען ווי אַ שמייכעלע. אַלע, ווי איין מענש, הויבען זיך אויף און בעגריסען די מאַדאַם פײַן.

און די מאַדאַם פײַן? ווייך, פּראָסט און פרײַנדליך, היימיש, ווי איין אייגענע, ווי אַ שוועסטער, געהט זי צו צו יעדען איינציגען פון די געסט, יעדען בעזונדער האָט זי וואָס צו זאָגען עפּיס אַזעלכעס, וואָס יענעם ווערט גוט אויפ׳ן האַרצען און וואַרים אויף דער נשמה, און איהרע אויגען לאַכען, און אַלעמענס אויגען לאַכען, און אַלעס אַרום איהר לאַכט און פרעהט זיך.

אונזער העלד, וואָס איז, ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין, אַזאַ ליעב=האָבער פון יודישע מאכלים, האָט איצטיגעס מאָל שטאַרק גענומען אויפ׳ן אויג די בעל=הבית׳טע פון די בלינצעס און נישט געקאָנט אָבריי=סען פון איהר די אויגען. ער פערשטעהט נישט, פון וואַנען האָט זיך גענומען מיט אַמאָל אַזאַ ליכטיגקייט אין שטוב און פון וואַנען איז געקו=מען צו איהם פּלוצים אַזאַ וואַרימקייט און אַזאַ פרייד? גערעדט האָבען זיי צווישען זיך, דאַכט זיך, קיין איינציג וואָרט. ער האָט זיך נאָר אויפ=געהויבען פון אָרט און זי האָט איהם געשענקט אַ קוק, מעהר נישט ווי איין קוק פון איהרע ליכטיגע, חנ׳עוודיגע אויגען, לאַכענדיגע אויגען, און ער האָט דערפיהלט, אַז עפּיס האָט אויפגעוואַכט ביי איהם אין דער נשמה, עפּיס אַ אונגעוועהנליכע זאַך, וואָס ער האָט נאָך ביז אַהער נישט בייגעוואוינט און וואָס ער קאָן דאָס אפילו ניט אָנרופען ביים נאָמען.

— ברוך=הבא, בלינצעס! — רופט ער זיך אָן צו זיין וויז=אַ=ווי און

פיהלט, אַז ניט דאָס האָט ער געוואָלט זאָגען. ער קוקט שוין מעהר נישט אויפ'ן יונגערמאַן מיט'ן קאָלנער און אויף זיינע אידיאָטשע אויגען. ער עסט די בלינצעס און לאָזט נישט אַראָב קיין אויג פון דער מאַדאַם פיין און הערט נישט אויף אין איינוועגס צו רעדען ווייטער:

— געפעלט אייך, אשטייגער, די בעל-הבית'טע פון די בלינצעס? וועט איהר זאָגען אין איינער לעבען, אַז דאָס איז אַ ווירטהין פון אַ גאַסט-הויז, פון אַ רעסטאָראַן? זעהט זי נישט אויס ווי אַ גרעפין? ווי אַ קייזעריניע? האַ? וואָס זאָגט איהר?

נאָר דער יונגערמאַן מיט'ן קאָלנער זאָגט גאָרנישט. ער ווערט נאָך רויטער ווי פריהער און הויבט אָזש אָן צו שוויצען. און אונזער העלד גיט זיך דאָס וואָרט, אַז זיין נאָמען זאָל ניט הייסען ביבער, אויב ער וועט זיך ניט בעקענען מיט דער דאָזיגער מאַדאַם אַ ביסעל נעהנטער נאָך היינטיגען טאָג.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

(דער העלד בייט איבער זיין קוואַרטיר פון „גראַנד-האָטעל" אויף נומער B 21, „דריטער שטאָק, לינקס).

איך מיין, אַז עס וועט קיינעם נישט זיין פּריקרע, וואָס מיין העלד, מאַרקוס ביבער, דער פאָרשטעהער פון דער פירמע „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע", האָט זיך באַלד נאָך שבועות אַריבערגעטראָגען מיט'ן גאַנצען געפּעק פון „גראַנד-האָטעל" אויף נומר B 21., דריטער שטאָק, לינקס. אוּדאי איז אין „גראַנד-האָטעל" מעהר גרויסאַרטיג, מעהר שיק, וואָס איז דאָ צו רעדען? דערפאַר האָט ער זיך אָבער נאָך קיינמאָל אין ערגעץ נישט געפיהלט אַזוי גוט און אַזוי היימיש, ווי אָט דאָ, צווישען גוטע מענשען. מאַרקוס ביבער איז גיך געוואָהר געוואָרען, ווי אַזוי מען רופט די צוויי גימנאַזיסטלעך. איינער הייסט הערצעל, דער אַנדערער מישאַ. און ער שליסט מיט הערצלען און מיט מישאַ'ן גוטברודערשאַפט, שפּיעלט מיט זיי אין „ציגען-וואָלף" און אין „פעטשערלעך". מיט'ן קליינעם שוועסטערל איז ער אויך געוואָרען אַ שטיקעל מחותן, און אפילו פאַר דער אַלטער מאַמען, וואָס זיצט מיט זילבערנע ברילען איבער אַ גראָבען סדור, האָט ער אויך וואָס צו זאָגען:

— באַבעניו, איהר הערט ניט אויף צו דאַווענען?

— איך דאַווען שוין פאַר מײַנע קינדער און פאַר מײַנע אײניקלעך.

— אַז ס׳איז יאָ אַזוי, טאָ דאַווענט שוין, באַבעניו פאַר מיר אויך.

די „באַבעניו" הויבט אויף איהם די זילבערנע ברילען און ענטפערט נישט גאָרנישט אויף דער חכמה.

הקצור, אונזער העלד איז דאָ געוואָרען אַזוי היימיש, אַז עס גלוסט זיך איהם גאָרנישט אַוועקצופאָהרען פון דאַנען, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס פון דערהיים זעצט מען מיט בריעף, ער זאָל קומען צופאָהרען, די געשעפטען רופען איהם. געשעפטען? וואָס פאַר געשעפטען קאָנען איהם אַוועקנעהמען פון דאַנען, וואו ער האָט ענדליך געפונען זײַן אמת׳ן אײנציגען אידעאַל אין לעבען? ווי אַזוי און ווען איז דאָס בײַ איהם פאַר־טיג געוואָרען — ווײסט ער אַליין נישט. אָט אַזוי, פון זיך אַליין, ווי־פיעל שדוכים מען האָט איהם איבערגערעדט! וויפיעל מיידלעך האָבען זיך נאָך איהם געיאָגט!... בעשערט אײן אָרימער, עלענדער פרוי מיט צוויי קינדער מיט אַ קלײן שוועסטערל און מיט אײן אַלטער מאַמע אַזאַ גליק? די קינדער וועט ער צושרײַבען צו זיך, איבערגעבען זײ זײַן נאָ־מען „ביבער", דאָס קלײנע שוועסטערל וועט ער חתונה מאַכען און די אַלטע באַבעניו לאָז זיך זיצען און דאַווענען געזונדערהייד.

אַזוי טראַכט זיך אונזער העלד, און ער שטעלט זיך פאָר, ווי די אָרימע פרוי פײַן וועט דאָס ווערען איבערראַשט, אַז ער, מאַרקוס ביבער, דער פאָרשטעהער פון דער פירמע „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַ־ניע", וועט איהר ערקלערען, אַז ער וויליגט אײַן צו געבען איהר זײַן נאָמען און צעטײלען מיט איהר זײַן פערמעגען! „איך האָף, אַז איהר מײנט דאָס ערנסט?"— וועט זי איהם זאָגען און די גאַנצע פאַרב וועט זיך צעגיסען איבער איהר פנים, וואָס איז ווײַסער פון מילך, און איהרע שענע אויגען וועלען זיך אָנצינדען מיט אַ נײַ פײַערל!... דערווײַל לעגט ער איהר פאַר בילעטען, אפשר וועט זי געהן מיט איהם אין טהע־אַטער?... אָך, פאַר וואָס נישט?... די מאַדאַם פײַן דאַנקט איהם זעהר, זי מוז איהם אָבער זאָגען, אַז אָהן די קינדער קאָן זי נישט געהן. זי האָט שוין לאַנג צוגעזאָגט נעהמען זײ אין טהעאַטער אַרײַן, און ווי באַלד די קינדער, מוז מען שוין נעהמען די שוועסטער אויך... געוויס. ער האָט גאָר אַנדערש ניט געטראַכט! און מאַרקוס ביבער נעהמט אַ לאָזשע, און געהט מיט דער מאַדאַם פײַן און מיט איהרע קינדער און מיט איהר שוועסטערל אין טהעאַטער אַרײַן.

זיעבענטעס קאַפּיטעל.

(אַ ביסעל טעלעגראַפען-ליטעראַטור).

זיצענדיג מיט דער מאַדאַם פיין און מיט איהר משפחה אין דער לאָזשע, טראַכט זיך ביבער: ווי קומט דאָס צו דער דאָזיגער פרוי אַזאַ האַלטען זיך מיט אַזאַ בענעהמען זיך? אַ גרעפין דאַרף ניט זיצען שענער, ווי עס זיצט אָט די ווירטהין פונ׳ם רעסטאָראַן. אַך, ווי שען עס וועט איהר פּאַסען דער נאָמען „מאַדאַם ביבער“!... אַז ער וועט זי ברענגען צו זיך, אין שטאָדט, וועט זי פערשטעלען, פערטונקלען אַלע שענסטע דאַמען. נאַטירליך, וועט ער קיינעם ניט דערצעהלען, אַז זי האָט וועןן געהאַלטען אַ גאַסטהויז, אַ רעסטאָראַן... ער וועט זאָגען, אַז זי שטאַמט פון דעם גרעסטען אַדעל, געהער זיך אָן אַ שטיקעל אייגענע מיט די פּאָליאַקאָוו׳ס, האָט אַ פעטער אַ מיליאָנער אין מאָסקווע און צוויי ברידער אינזשעניערען אין פּעטערבורג...

די דאָזיגע חלומות פערטראָגען אונזער העלד אַזוי ווייט, אַז ער הויבט אַליין אָן גלויבען אין די פּעטערבורגער אינזשעניערען, און ער נעהמט זיך אונטער מיט זיי צו בויען אַ נייע ליניע, און אַז ס׳וועט ניט האַפּען קיין געלד, וועט מען אַ נעהם זיך טהון צום פעטער צום מיליאָנער. נישקשה, דאָס קוויטעל „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע“ איז אַ גוט קוויטעל...

— וואָס זאָגט איהר, מאַדאַם פיין?

וואָס זאָל זי זאָגען? זי איז איהם זעהר דאַנקבאַר פאַר דער לאָזשע, ניט אַזוי פאַר זיך אַליין, ווי פאַר די קינדער. זי האָט זיי שוין לאַנג צוגעזאָגט נעהמען אין טהעאַטער. אַ גוטע נאַכט, העדר ביבער!

— אַ גוטע נאַכט, מאַדאַם פיין! אַ גוטע נאַכט, הערצעל! אַ גוטע נאַכט, מישענקע! מאָרגען זעהען מיר זיך. אַ גוטע נאַכט!

און מאַרקוס ביבער געהט אַרויף צו זיך אין צימער און פיהלט, אַז עס ווילט זיך איהם זינגען, עס ווילט זיך איהם טאַנצען. נאָר ניט ער זינגט, ניט ער טאַנצט. ער שפּאַנט אַרום הין און צוריק און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. ער עסט זיך אויף אַ לעבעדיגען, פאַר וואָס ער האָט נאָך ביז איצט מיט איהר קיין האַלב וואָרט נישט גערעדט, נישט וועגען זיינע פּלאַנען, נישט וועגען זיינע געפיהלען. שוין פון עטליכע טעג, אַז ער קלויבט זיך מיט איהר וועגען דעם צו רעדען און קאָן נישט. ער קאָן נישט! ער האָט נישט פאַר איהר קיין ווערטער, קיין

שפראַך. די אַלטע טאַנצען-שפראַך, פֿיהלט ער, איז דאָ נישט אויפ'ן פּלאַץ. איבערצורעדען וועגען אַזאַ וויכטיגע זאַך דאַרף מען האָבען אַ מענשען אַ געניטען, אָט, למשל, ווי זיין עלטערער שותף שפּאַק. שפּאַק האָט שוין אַליין חתונה געמאַכט קינדער. ער וואָלט דאָס דורכגעפיהרט בעסער ווי אַלע. און אַגב דאַרף מען דאָך טאַקי פריהער געבען צו וויסען אַהיים פון אַזאַ ערנסטען שריט, וואָס ער געהט מאַכען. לאָז זיך די אַלטע מוטער אויך פרעהען. (ביבער האָט אַ רייכע מוטער, וואָס איז דער קאָפּ פון דער פירמע, און ער, מאַרקוס, איז איהר איינציגער יורש.) און עס בלייבט ביי איהם, ער זאָל אוועקשרייבען אַהיים אַ בריעף און בעטען דעם שותף, ער זאָל קומען צופאָהרען וואָס גיכער, און נישט לאַנג געטראַכט, גענומען אַ בויגען פּאַפּיר און אוועקגעזעצט זיך צום טיש און...

דאָ מוזען מיר אָבער איבעררייסען און זאָגען אַ פּאָר ערנסטע ווערטער. אונזער העלד, עס זאָל איהם צו קיין חרפּה נישט זיין, איז אין דער מלאכה פון שרייבען עפּעס נישט אַזאַ שאַרפער בריה. דאָס הייסט, ער איז, חלילה, נישט קיין עם-הארץ, וואָס קאָן קיין פּען נישט האַלטען, נאָר ער איז מעהר געוועהנט צו שרייבען געשעפטליכע מעמאָראַנדומס, חשבונות, וועקסלען וכדומה... אַזאַ מין ליטעראַטור... יעדענפאַלס, נישט אַזעלכע בריעף, וואו מען דאַרף אויסניסען אַזוי פיעל געדאַנקען מיט אַזעלכע טיעפע געפיהלען, וואָס לאָזען זיך גאָרנישט אַרויסשרייבען אויף פּאַפּיר. איז נישט גלייכער אפשר אַרויסרופען אַהער דעם שותף דורך אַ דעפּעשע?...

און עס הויבען אָן פליהען דעפּעשען פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער צווישען ביידע שותפים, פון ביבער'ן צו שפּאַק'ן און פון שפּאַק'ן צו ביבער'ן. מיר זעצען איבער אויף אַ טשיקאַוועסט די דאָזיגע טעלעגראַפען-ליטעראַטור.

1) פון ביבער'ן צו שפּאַק'ן:

„קומט צופאָהרען. ערנסט געשעפט. „ביבער".

2) פון שפּאַק'ן צו ביבער'ן:

„טעלעגראַפירט וואָסער אַ געשעפט? שפּאַק".

3) פון ביבער'ן צו שפּאַק'ן:

„קומט צופאָהרען, וועט איהר זעהען. ביבער".

4) פון שפּאַק'ן צו ביבער'ן:

„פאָהרען אונמעגליך. טעלעגראַפירט וויפיעל דאַרף מען

זאַלאַג? שפּאַק״

5) פון ביבער׳ן צו שפּאַק׳ן:

קײן שום זאַלאַג. קומט צו פאָהרען. ביבער״.

6) פון שפּאַק׳ן צו ביבער׳ן:

„כ׳קום מיט׳ן קוריער=צוג.

און שפּאַק קומט צופאָהרען מיט׳ן קוריער צוג

אַכטעס קאַפּיטעל.

(וואו דער לעזער האָט אַ געלעגענהײט צו בעקענען זיך מיט אַ נײַעם פּאַרשױן — שפּאַק).

אויף וויפיעל מאַרקוס ביבער איז אײַן עולם=הזה׳ניק, אַזוי פיעל איז זײַן עלטערער שותּף, שפּאַק, אויסגעטהון פון דער וועלט מיט אַלע איהרע תּענוגים און פערגעניגענס. שפּאַק האָט פערקויפט די נשמה זײַנע צום שוואַרצען יאָהר און האָט זיך אָבגעגעבען מיט לײַב און לעבען צום געשעפט. ניט עסען, ניט טרונקען, ניט שלאָפען, נאָר געשעפט און געשעפט און געשעפט. זײַן ווײַב און קינדער זאָלען אויף איהם ניט אַכטונג געבען, נאָכלויפען מיט געוואַלד, ער זאָל עפּעס עסען, וואָלט ער אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. ער האָט אַזוי אויך אַ פּנים פון אַ רוח, אַלײן איז דאָס אַ קלײנס און אַ דאַרס און אײַן אײַנגעבויגענס, און אַ טבע האָט דאָס אַלע מינוט אָדער אַ פּינטעל מיט די אויגען, אָדער אַ מאַך מיט דער נאָז, אָדער אַ הויב מיט די פּלײצעס. די געדאַנקען בײַ איהם תּמיד פליהען, די געשעפטען פליהען, און אַלײן פליהט ער אויך. און רעדען רעדט ער אַזוי גיך, אַז ער מוז איבערהאַפּען עטליכע מאָל דאָס אײַנגענע צוריק, און איז שטענדיג אין כּעס, ער ווײסט ניט אויף וועמען, ער ווײסט ניט פאַר וואָס, שמיצט זיך און וואַרפט זיך און שפּײַעט — אַ שטיק משוגענער; נאָר אין עצם, ניט קײן שלעכטער מענש, האָט פײַנד כּבוד, קאָן ניט זעהען קײן טרעהרען און האָט ניט מורא פאַר קײן זאַך, נאָר פאַר אַ הונגער — אָט האָט איהר אײַך דעם גאַנצען פּאַרשױן.

געקומען צופאָהרען פון באַהן, ניט געשלאָפען אַ נאַכט, האָט שפּאַק געהאַט אַ שטיקעל סכסוך מיט׳ן קוטשער, זיך געשמיצט און געוואָרפען און געשפּיגען און צום סוף געמוזט בעצאָהלען צוויי מאָל אַזוי פיעל, און אפילו ניט אָבגערוהט, נישט אײַנגעוואַשען זיך, נישט איבערגעביסען,

האָט ער אַ נעהם געטהון ביבער'ן אויף אַ זייט:

— וואָס איז דאָס געשעפט וואָס? גיבער, ווען געהט צוריק דער קוריער ווען? וויפיעל האַלט דער זייגער איצטער, גיך?

— האָט ציַיט לאָמיר קאָרשט פריהער עפּיס נעהמען אין מויל אַרײַן בעט זיך בײַ איהם ביבער, און שפּאַק ווערט אין כעס, וויל נישט הערען פון קיין זאַך: אָדער געשעפט, אָדער אָט זעצט ער זיך אויף און פאָהרט צוריק אַהיים! אויף שפּאַק'ן איז צו גלויבען! מע זעצט זיך אַוועק און ביבער דערצעהלט דעם שותף זײַנעם באריכות מיט אַלע אײַנצעלהײַטען אַ גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט זיך אָבגעשטעלט אין „גראַנד-האָטעל", ווי אַזוי ס'איז געקומען שבועות, ווי אַזוי ער האָט זיך אָנגעהויבען נאָכפרעגען אויף אַ יודישען רעסטאָראַן, וואו מע קאָן עסען מילכיגע בלינצעס, און אַזוי ווײַטער, ניט דורכגעלאָזט קיין ברעקעל, אפילו דאָס קלײַנע שוועסטערעל, די אַלטע מיט'ן כדור, די צוויי קינדער, הערצעל און מישאַ, די לאָזשע אין טהעאַטער... די גאַנצע צײַט, וואָס דער יונגערער שותף האָט דערצעהלט. איז דער עלטערער געזעסען ווי אויף הײַסע קויהלען, געפינטעלט מיט די אויגען, געמאַכט מיט דער נאָז און געהויבען מיט די פּלײַצעס אין געטריבען האַלז און נאַקען: גיבער-גיבער! — ביז ס'איז געקומען צום רעכטען פונקט און מאַרקוס ביבער האָט געפיהלט, אַז ס'איז איהם אַראָב אַ שטיין פון האַרצען.

זאָל איך אײַך געהן דערצעהלען, וואָס ס'איז פאָרגעקומען, אַז שפּאַק איז געוואָהר געוואָרען פון דער גאַנצער מגילה דעם רעכטען שפּיץ אַז זײַן יונגערער שותף, מאַרקוס ביבער, פאָרשטעהער פון דער פירמע „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע", וויל חתונה האָבען פאַר דער רעסטאָראַטאָרשע פון דער דאָזיגער אכסניה, וואָס האָט אַ שעהן פּנים און קאָן מאַכען בלינצעס?... אײַן אַנדערער אויף שפּאַק'ס אָרט וואָלט געוויס אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער און אויסגעבטל'ט אַלע חלומות אויף די שונאים'ס קעפּ. נײַן, שפּאַק איז ניט אַזאַ מענש, וואָס לאַכט. שפּאַק'ן האָט מען ניט געזעהען לאַכען שוין העכער פינף און צוואַנציג יאָהר. שפּאַק האָט זיך געכאַפּט מיט בײדע הענד בײַ'ם קאָפּ און אָנגעהויבען לויפען הין און צוריק, ווי אַ משוגענער, אָהן ווערטער. נאָכדעם ערשט האָט ער אָנגעהויבען רעדען, נײַן, נישט רעדען. נאָר שפּריצען, שיטען מיט פײַער. געשוואָרען זיך, אַז ווען ער האָט צײַט, נעהמט ער איהם, ביבער'ן הײַסט דאָס, און פיהרט איהם אָב צום דאָקטאָר. נאָר אַזוי ווי ער האָט קיין צײַט ניט, די געשעפטען לאָזען ניט, טהוט ער אַ שפּײַ

און פאהרט אוועק אהיים און לאזט איהם איבער דא, ביבער'ן הייסט דאס, לאז ער זיך אנצינדען מיט זיינע אכסניות און מיט די רעסטאראַטארשעס און מיט די בלינצעס. לאז אלסדינג געהן קאפוט, אין דער ערד אריין אלע געשעפטען, אין דער ערד אריין!!...

שפאק האט אזש צעשפילעט דעם קאלנער און פערוואָרפען דאס שניפסעל פונ'ם האלז ארויף אויף דער שאפע—אזוי אויפגעבראכט איז ער געוואָרען אויף זיין שותף, און זיין שותף וואס האט געטהאן גארנישט. געזעסען און געשוויגען, ביבער קען איהם. ער ווייסט, אז שפאק'ן דארף מען לאזען אוסשרייען זיך איבער קאָכען זיך, נאָכדעם קאָן מען מאכען מיט איהם וואס מען וויל.

— שוין? — זאגט צו איהם ביבער,— אצינד קומט אראָב אין רעסטאראן, וועלען מיר עפּיס נעהמען אין מויל אריין.

און ביידע פארשטעהער פון דער פירמע „ביבער, שפאק עט קאמפאניע" לאזען זיך אראב אין רעסטאראן עפּיס נעהמען אין מויל אריין, זעצען זיך אוועק צום טיש און ביבער שטעלט פאר דער מאדאם פיין זיין עלטערען שותף הערר שפאק,—און עס געשעהט א נס...

נייענטעס קאפיטעל.

(די געשעהענישען ענטוויקלען זיך און א נייע פערזאן ערשיינט אויף דער סצענע).

אין כשוף גלויבט איהר? מע מוז אמאל גלויבען אין כשוף אויך ווארום וואס דען איז דאס געשעהען מיט שפאק'ן? וואו איז אהינגעקומען זיין כעס, זיין משוגעת? גאר נישט דער שפאק! שאט, ער האט גאר אויפגעהערט פינטלען מיט די אויגען! א שעה צוויי איז ער אבגעזעסען מיט דער פיין ביי'ם טיש, גערעדט מיט איהר פון אלסדינג אין דער וועלט, גאר נישט בעמערקט, וואו די צייט איז אהינגעקומען. און אז ער איז ארויפגעקומען ארויף, האט ער א ביסעל ארומגעשפאנט הין און צוריק מיט גיכע טריט, ווי זיין שטייגער איז, נאכדעם האט ער זיך אוועקגעשטעלט קעגען ביבער'ן, אויפהויבענדיג דעם קאפ צו דער סטעליע, ארייננעלייגט די האנד אונטער'ן קאלנער און א זאג געטהאן צו איהם גיך, איבער'חזר'ענדיג דריי מאל א ווארט:

— דארפסט נישט מאכען קיין לאנגע שהיות דארפסט דו נישט

מאַכען דו, און אַרויסרופען די מאַמע מיט אַ דעפּעש דאַרפסט דו אַרויס־רופען.

ביבער פּראָטעסטירט. וואָס איז ער עפּיס? אַ יונגעלע? אַ חתנ׳דעל, וואָס די מאַמע וועט קומען איהם אָנקוקען אַ כלה? שפּאַק׳ן איז אָבער שווערליך איבערצושפּאַרען. לשון־געשעפט — לאָזט איהם, אַ געשעפט פערשטעהט ער בעסער. און עס פליהט אַ דיפּלאָמאַטישע דעפּעש צו מאַדאַם ביבער:

„געשעפט פאָדערט אייער אַנוועזענהייט, קומט צופאָהרען. שפּאַק“.
אויף דער דעפּעש קומט באַלד צוריק אַ דעפּעש:
„וואָס איז געשעהען? טעלעגראַפירט געזונד מאַרקום. אונרוהיג“.
אויף דער דעפּעש פליהט נאָך אַ דעפּעש:
„מאַרקום פאָלקאָם געזונד, קומט צופאָהרען, שפּאַק“.
אויף דער דעפּעש קומט צוריק אַ דעפּעש:
„כ׳פאָהר מיט׳ן קוריער־צוג“.

נישט טויט נישט לעבעדיג, קומט צופאָהרען די פרוי ביבער, די מוטער פון אונזער העלד, אַ בעיאָהרטע, נאָך גאָר אַ שענע פרוי, מיט אַ רידיקיול אין האַנד. פאַלט דעם זוהן אויפ׳ן האַלז, דאַנקט גאָט, וואָס זי האָט געטראָפען „מאַרקוסלען“ אַ לעבעדיגען, אַז זי איז נישט געשטאָרבען אין וועג נאָר פון איבערטראַכטען אַליין, איז אַ סימן, אַז זי וועט נאָך, אם־ירצה־השם, לאַנג לעבען!

צעהנטעס קאַפּיטעל.

(אַלע דריי פּאַרשוינען נעהמען זיך צו זייער דיפּלאָמאַטישע אַרבייט).

שפּאַק, חאָטש ער איז אַ טרוקענער נפש, איז דאָך מעהר דיפּלאָ־מאַטיש, ווי ביבער. ער האָט נישט דערצעהלט דער פרוי ביבער פון מאַרקוס׳עס ראָמאַן, פערשוויגען די גאַנצע מעשה. ער האָט נאָר צונויפ־געפיהרט בײדע פרויען אונטען אין זאַל בײם עסען — און גענוג. ס׳איז שוין געוועזען נישט אַזוי גרינג זיי צו שיידען זיך. די אַלטע פרוי ביבער האָט זיך געטראַכט: „זעהט נאָר! ווען גאָט שיקט מיר צו אַזאַ שנור, וואָס וואָלט איך וועלען נאָך פון זיין ליעבען נאָמען?“... מען קאָן זיך שוין פאָרשטעלען די טרעהרען, וואָס האָבען זיך איהר געשטעלט אין די

אויגען, אַז שפּאַק האָט זי נאָכדעם דיפּלאָמאַטיש צוגעגרייט, אין וואָס דאָ האַנדעלט זיך, און אַז „מאַרקוסעל“ אַליין האָט איהר אַנטפּלעקט דעם סוד, אַז ער איז שטערבליך פערליבט אין דער מאַדאַם פּײַן און אַז ער וואַרט נאָר, וואָס זי די מאַמע זײַנע וועט זאָגען?... די אַלטע פרוי ביבער איז ווידער אַמאָל געפאַלען איהר זוהן אויפ׳ן האַלז, געדאַנקט גאָט, וואָס זי האָט דערלעבט דיי״ה נחת, אוף וועלכען זי קוקט אַרוים שוין לאַנג, שוין גאַנץ לאַנג... אמת, דער שידוך איז ניט פון זייער גראַד, נאָר ווער קוקט דערויף? ס׳איז הײַנט אײַן אַנדער וועלט געוואָרען... לאָז גאָט געבען, ס׳זאָל זײַן מיט גליק.

— אָמן! — רופט זיך אָב שפּאַק. — אַציִנד איז געבליבען נאָר אײַן זאַך איז געבליבען אַציִנד, מעדאַרף איבערעדען דאַרף מען מיט איהר מכח דעם דאָזיגען געשעפט מכח, און טאַקי, באַלד טאַקי מאַרקוס, וואו האַלט דער זייגער וואו?...

דעם פשט פון שפּאַקס ווערטער האָט מען בעדאַרפט פערשטעהן אַזוי: „מיט אײַן אַלטען בחור טאָר מען לאַנג ניט שפּעקולירען“... און אַלע דרײַ פּאַרשוינען קוקען אײַנס אויף דאָס אַנדערע, פערשטעהען זיך אָהן ווערטער...

עס איז שוין געווען שפּעטליך אין דער נאַכט, אַז אונזערע דרײַ פּאַרשוינען, בײדע שותפים און די אַלטע פרוי ביבער. מיט׳ן גרויסען רידיקיול, האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אונטען אין רעסטאָראַן אַרײַן עפּיס עסען, און טאַקי דאָרטען שוין איבערעדען מיט דער מאַדאַם פּײַן מכח אַלטצעהן און דרײַצעהן. אין זאַל איז נישטאָ קײנער. נאָר אין אַ ווינקעלע, ווי אַלע מאָל, זיצט די אַלטע מאַמע מיט די זילבערנע ברילען איבער איהר גראָבען סדור. בײדע שותפים זעצען זיך אַוועק צום טיש, און די מאַדאַם ביבער רוקט זיך צו אויף אַ ווײַלע צו דער אַלטער, פערגעהט צו איהר מיט דער פריהער וועגען גלאַט אַזוי שטובזאַכען, ווירטהשאַפט, נעכטיגע טעג, ביז זי קומט אַרויף אויף קינדער, טאַפּט אוים בײַ דער אַלטער, וויפיעל ס׳איז מעגליך, אַלע מעלות פון איהר טאָכטער און פערגעסט ניט בעת־מעשה אויסצורעכענען פאַר איהר די מעלות פון איהר זוהן, ניט ווײַל ער איז איהרער אַ זוהן און נאָך אַ בן־יחיד דערצו, — אַלע וועלען דאָס אויף איהם זאָגען, אַז ס׳איז דער צווייטער צו איהם נישטאָ אין דער וועלט, אַ מענש אָהן אַ גאַל. אײַן אָפּענע האַנד, איהם אַז עמיצער געפעלט, איז די זעל מיט דער נשמה. גליקליך וועט זײַן יענע׳ וואָס וועט אַרײַנפאַלען צו איהם, אין זײַן גורל אַרײַן דאָס

טעלערל פונ'ם הימעל! . . .

די אלטע מיט'ן גראָבען סדור האָט אפילו ניט רעכט פערשטאַנען, צוליעב וואָס יענע לויבט אַזוי אין טאָג אַריין איהר זוהן, דאָך האָט זי אַנגעשטעלט אויף איהר די זילבערנע ברילען און הערט זי אויס ביז'ן סוף. דאָס הייסט, ביז די פרוי ביבער שלאָגט זיך אַליין ניט איבער די רעדע, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען און טהוט אַ פרעג:

— וואו איז אייער טאָכטער?

די אַלטע טהוט אויס די זילבערנע ברילען:

— איהר דאַרפט זי? אָט געה איך זי אַרוף טהון. זי איז ביי זיך מיט די קינדער, מאַכט מיט זיי די „אוראָקעס“.

— ניין, ניין. לכאי זאָל איך אייך מטריח זיין? אָט וועל איך בעסער אַליין אַריינגעהן צו איהר אויף אַ ווייַלע. ווייזט מיר נאָר וואו דאָס איז?

און די פרוי ביבער נעהמט איהר רידיקיול און לאָזט זיך אַראָב אויף אַ ווייַלע צו דער מאַדאַם פיין.

לאָמיר אַקאָרשט איבערלאָזען די ווייבער אויף שפּעטער און זיך אומקעהרען צו אונזערע מאַנסבילען. זיי זענען בילכער: מאַנספערשוינען!

עלפטעס קאַפּיטעל.

(עס שווימט אַרויף אַ בעקאַנטער פּאַרשוין און אונזערע צוויי שותפים ווערען שטאַרק איבעררַאשט).

אונזערע צוויי שותפים ביבער און שפּאַק, ביידע פאָרשטעהער פון דער פירמע „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע“ זענען זיך דערווייל געזעסען ביים טיש זעהער געהויבען און יום-טוב'דיג געשטימט, און געשמועסט וועגען געשעפט. דאָס הייסט שמועסען, האָט געשמועסט אייגענטליך נאָר שפּאַק, ווארום שפּאַק, אַז ער רעדט פון געשעפט איז נישט נאָר ער רעדט מיט אַלע זיינע צוויי הונדערט אַכט און פערציג אברים, נאָר עס רעדען מיט איהם די ווענד, שפּאַק האָט ליעב געשעפט ניט דערפאַר ווייל ער איז אַזוי להוט נאָך געלד, געלד — מהיכי-תיתי, ווער האָט עס נישט ליעב קיין געלד; דער עיקר איז אָבער ביי איהם געשעפט! געשעפט איז ביי שפּאַק'ן ווי אַ שטייגער. ביי אַ שאַכשפּיעלער — שאַך, ווי ביי אַ שכור — ווייַן, אָדער, איך בעט איבער אייער כבוד, ווי ביי

איין אויסגעלאסענעם עולם־הזה׳ניק — שעהנע מיידלעך... מען קאן זא־
גען אז שפאק איז פערליעבט אין געשעפט — און א סוף! אין דעם ווי
שפאק רעדט קומט אריין אין זאל א פארשוין און פערנייגט זיך צו די
שותפים גאנץ העפליך. אונזער העלד, מארקוס ביבער, הויבט אויף די
אויגען און קוקט אן דעם אריינגעקומענעם פארשוין, א? דאס איז זיין
וויז־א־ווי פונ׳ם טיש, דער יונגערמאן מיט׳ן ענגען קאלנער. ווי קומט
ער אהער? און אזוי שפעט אין דער נאכט? דערזעהען, אז מען קוקט
אויף איהם זעהר שטארק, איז דער יונגערמאן מיט׳ן ענגען קאלנער גע־
בליבען שטעהן ניט נישט אהין אהער, פערשוויצט רויט ווי פייער אין
די אויגען — אט־אט שפרינגען זיי ארויס! פאר רחמנות בעט איהם
ביבער זיצען.

שטעלט זיך איהם פריהער פאר:

— מיר זענען דאכט זיך שוין בעקאנט... מארקוס ביבער. און
דאס איז מיין קאמפאניאן, שפאק, דער יונגערמאן פונ׳ם ענגען קאלנער
פערנייגט זיך נאך אמאל גאנץ העפליך און שטעלט זיך אויך פאר פאר
די שותפים:

— פיין.

— פיין?

— פיין.

— קעהרט איהר זיך נישט אן עפעס א פריינד מיט דער מאדאם
פיין?

דער יונגערמאן פון דעם קאלנער זאל דאס אייך בעווייזען אפילו
א סימן פון א שמייכעל. ער קוקט מיט א פאר קיילעכיגע קעלבערנע
אויגען גלייך ביבער׳ן אין פנים אריין:

— די מאדאם פיין איז מיין פרוי, דאס הייסט איך בין איהר מאן.

ווי אזוי האט זיך געפיהלט אונזער העלד אז ער דערהערט אזא
מין בשורה, דארף דער לעזער דאכט מיר, שוין אליין טרעפען. ווי
באלד אז לוט׳ס ווייב איז געווארען א שטיק זאלץ, איז פון ביבער׳ן
געווארען א שטיין. גאנץ אנדערש האט אויסגעזעהן דער שותף זיינער,
שפאק האט אנגעהויבען מיט אמאל שטארק פינטלען מיט די אויגען,
מאכען מיט דער נאז, הויבען די פלייצעס, שפייען און שפריצען און
איבערזעצען זיך פון איין ביינקעל אויפ׳ן אנדער׳ן. א פייער האט זיך
אנגעצונדען אין שפאק׳ן און א מורא׳דיגע שנאה צום יונגערמאן פונ׳ם
קאלנער. מען זאל איהם לאזען, וואלט ער איהם אויפגעהאנגען אט

דאָ, אין מיטען זאל אויפ'ן ענגלאָמפּ. און דער יונגערמאַן נעבעך, גאָט די נשמה שולדיג, זעצט זיך אַ קעגען ביידע שותּפים און קוקט זיי, ווי אַ זינדיגער מענש, גלייך אין די אויגען אַריין. לאָמיר איבער־לאָזען אַקאָרשט די מאַנספּאַרשוינען און אַ קוק טהון אויף אַ טשיקאַווען װאָס טהוט זיך דאָרטען, ביי די ווייבער?

לעצטעס קאַפּיטעל.

(דאָס רעדיל וואָס האָט זיך מאָדנע אַ דרעה געטהון, מאַכט אַ סוף צום ראָמאַן).

די פרוי ביבער אַז זי איז אַריינגעטראָטען מיט'ן רידיקיול אין האַנד צו דער מאַדאַם פיין, האָט זי געטראָפען זי זיצען מיט איהרע צוויי קינדער די גימנאַזיסטלעך איבער אַ ביכעל. די פרוי ביבער בלייבט שטעהן אַ ווייַלע אויף דער טהיר, אפשר שטערט זי זיי? מאַדאַם פיין שטעהט אויף, זי האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ גאַסט. זי בעט זי זיצין. אפשר וועט זי טרינקען טיי? ניין, די פרוי ביבער דאַנקט, זי דאַנקט פאַר דער טיי. אַך וואָסערע שענע, וואָסערע ליעבע קינדערלעך ביי איהר? אַזעלכע קינדער אַז מען האָט, איז אַ ברכה פון גאָט. זי האָט גאָט געשראָפט. נישט געגעבען איהר קיין סך קינדער. נאָר אייגעם. אַ בן־יחיד. מאַרקוס — דאָס איז איהר איינציגער טרייסט. איין אויג אין קאָפּ. איינער — אָבער אַ געראָטענער, ווי געפעלט ער איהר?

— ווער?

— מאַרקוס. מיין זוהן מיין איך.

— דער הער ביבער? אַ! זעהר־זעהר אַ פיינער מענש. און אַ ליעבער מענש, מיינע קינדער זענען פערליעבט אינ'ם הער ביבער. דער הער ביבער באַלעוועט זיי צופיעל. אַנומאָלטין זיי גענומען אין טהעאַטער...

— אין טהעאַטער? חאַ־חאַ! דאָס איז אַ קלייניגקייט. איהר קענט איהם נאָך ניט, אַ מענש אָהן אַ גאַל. און אַ אָפענע האַנד. איהם, אַז עמיצער געפעלט, איז די זעל מיט דער נשמה. גאָט מעג איהם העל־פען פאַר זיין גוט האַרץ, ער פערדיענט אַז מען זאל איהם ליעב האָבען, גליקליך וועט זיין יענע, וואָס וועט אַריינפאַלען צו איהם אין גורל אַריין. דאָס טעלערל פונ'ם הימעל!... וואָרום זיין גוטסקייט זיין געטריישאַפט

און זײַן ליעבשאַפט האָט דען אַ גרונד? איך בין אַ מאַמע, און ווער ווייס נאָך אַזוי איהר קינד ווי אַ מאַמע? אָט בין איך דאָ נאָך נישט קיין טאָג אפילו, און קאָן אייַך זאָגען, הערט איהר, אַז זײַן האַרץ און זײַן נשמה און ער אַליין געהער אינגאַנצען, אינגאַנצען צו אײַך.

— צו מיר?

צו אײַך, צו אײַך מײַן קינד, איך פערשטעה אײַך, איך געה אַרײַן אין אײַער לאַגע, איך פיהל אײַער האַרץ און עס וואונדערט מיך נישט, וואָס איהר זענט רויט געוואָרען...

— מאַדאַם ביבער...

— איהר דאַרפט זיך ניט פערענטפערן איך פערשטעה אײַך גאַנץ גוט איך בין אַליין אויך אַ פרוי. איך בין אויך געוועזען אַמאָל יונג און שעהן מען האָט אויך אַמאָל ליעב געהאַט, שעמען זיך פאַר מיר דאַרפט איהר ניט. וואָרום איך בין אַ מאַמע און בין איהם געטרײַ און וויל איהם זעהען גליקליך איך ווייס אַז אין אײַך וועט ער געפינען דאָס אמת'ע גליק, וואָרום נישט איך און ניט ער אַליין ווינשט זיך נישט קיין בע־סער'ן זיווג' קיין בעסערע פרוי ווי איהר...

— מאַדאַם ביבער! גאָט איז מיט אײַך!...

לאָז גאָט זײַן מיט אונז אַלעמען, קינד מײַנס! רוף מיך נישט מאַ־דאַם ביבער, רוף מיך בעסער מוטער, וואָרום איך בין דיר אַ מוטער גלײַך ווי איהם. איהר זענט מײַנע קינדער, איך בין אײַער מוטער. אויב ס'איז דיר נישט שטאַרק פריקרע, קום אַהער, וועלען מיר זיך צעקושען אין די פיסקעלעך, און לאָמיר נאָך היינט אויף דער נאַכט ברעכען טעלער,

די מאַדאַם פיין שטעהט אויף, נאָר אָנשטאָט דעם, זי זאָל צו געהן צו דער פרוי ביבער, טרעט זי אָפּ צוריק. איהרע אויגען ברענען פאַר כעס, נאָר דאָס פנים לאַכט. זי חאַפּט ביידע קינדער פאַר די הענטלעך, גלײַך ווי עמיצער וואָלט זיי וועלען בײַ איהר אַוועקנעהמען...

— מאַדאַם! איהר רעדט נאַרישקייטען! איך האָב אַ מאַן;

— האַ! וואָס?... איהר? איהר האָט אַ מאַן...

— ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר.

— וואו?... ווער?...

— ווער. ער איז אין אַ געשעפט, ער איז אַ בוכהאַלטער...

די פרוי ביבער איז געוועזען אויף געשטאַנען, זעצט זי זיך אַוועק צוריק אויפ'ן בײַנקיל, עפענט אויף דעם רידיקיול, פערמאַכט איהם צו־

ריִק און עֶפֶענט איהם אויף נאָך אַמאָל זיִ וויַיסט ניִשט צוליִעב װאָס.
עֶס האָט זיִ בעֶשלאָגעֶן אַ קאַלטעֶר שוויַיס.

* *
*

איִן אַ בעֶזונדעֶר קוּפּעֶ, עֶרשטעֶר קלאַס, זיִצעֶן דריַי פּאַרשוינעֶן. דעֶר צוג פליִהט, די רעֶדעֶר קלאַפּעֶן, די פּאַסאַזשיִרעֶן שוויַיגעֶן, איַינעֶ, אַ בעֶיאָהרטעֶ, נאָך אַ שעֶהנעֶ פרוי, מיִט אַ ריִדיִקיול איִן האַנד און מיִט אַ קיִשעֶלעֶ צוקאָפּעֶנס האַלט צו געֶמאַכט די אויגעֶן, מאַכט זיִך, וויִ זיִ שלאָפט, אַ קעֶגיִן זיִצט איַינעֶר אַנ׳אויסגעֶטרוקעֶנטעֶר נפש איִבעֶר אַ גאַנצעֶן פּאַק מיִט חשבונות, פיִנטעֶלט מיִט די אויגעֶן, מאַכט מיִט דעֶר נאָז און הויִבט מיִט די פּליַיצעֶס, רעֶכעֶנט כלומר׳שט, רעֶדט שטיִלעֶר־היַיד מיִט זיִך אַליַין.

מיִט׳ן פּנים צום פעֶנסטעֶר, די העֶנד אַרונטעֶר, שטעֶהט דעֶר דריִטעֶר און עֶלעֶגאַנטעֶר פּאַרשוין, און קוקט, וויִ סלופּעֶס, שטיִבעֶר, בוימעֶר, װעֶלדעֶר, פעֶלדעֶר פליִהעֶן פאַרביַי־פאַרביַי און ווערעֶן פעֶר־שוואונדעֶן.

אָט אַזוי לויפעֶן, פליִהעֶן טעֶג, די יאָהרעֶן — טראַכט עֶר זיִך — די בעֶסטעֶ יונגעֶ יאָהרעֶן...

אגרינגער תענית.

אַ גְרִינְגֶער תַּעֲנִית.

אַ בִּילד לִכְבוֹד תִּשְׁעָה־בְּאָב.

דאָס, וואָס ס'האָט נִישט געקאָנט אויספִירען דער בעריהמטער דאָקטער טאַנער, האָט דורכגעפִירט חיים חייקין, אַ קליין אָרים יודעל פונ'ם קליינעם אָרימען כתרילעווקע.

דער דאָקטאָר טאַנער האָט געוואָלט ווייזען, אַז אַ מענש קאָן פאַסטען פערצִיג טעג, און האָט זִיך אָבגעמוטשעט בסך־הכל אויב נִישט אַ טאָג אַכט און צוואַנצִיג, נִישט מעהר, שִיער נִישט געשטאָרבען, אִי דאָס האָט מען איהם אונטערגעגאָסען מִיט לעפעלעך וואַסער, געגעבען שלִינגען שטִיקלעך אייז, צוגעהאַלטען דעם דופק — אַ גאַנצער טאַרעראַם!

חיים חייקין האָט באַוויזען, אַז מען קאָן פאַסטען אַ סך מעהר ווי פערצִיג טעג, געוועהנטלִיך נִישט רצופים, נִישט איין טאָג נאָכ'ן אַנדערען נאָר דורכ'ן יאָהר זאָל זִיך אָנגעהמען אַ מאה טעג — אויב נִישט מעהר.

נאָר פאַסטען!

וואָס מִיר טראָפּענס וואַסער? ווער מִיר שטִיקלִיך אייז? פאַסטען הייסט: נִישט געגעסען נִישט געטרונקען אַ מעת־לעת, אמת'ע פִיער און צוואַנצִיג שעה.

און קיין דאָקטוירים זיצען נישט בּיי דער זייט, און האַלטען נישט בּיים דופק. שאַ, שטיל!

וואָס איז די מעשה? —

חיים חייקין איז נעבּעך אַ גרויסער אביון און אַ מטופל מיט קינדער — און פון זיי, פון די קינדער, איז ער זיך מפרנס.

קינדער האָט ער מיינסטענס מעדלעך, זיין זיי זענען אויף דער „פאַבּריקע", זיי אַרבּייטען גילזען, און פערדינען וועך אַ גילדען און וועך אַ האַלבּען גילדען אַ טאָג. אי דאָס נישט אַלע טאָג: וואו איז שבּתים? יום-טובים? וואו זענען די טעג פון „שטרייק"? דאַנקען גאָט אומעטום, אַפילו דאָ אין כתרילעווקע ווייס מען שוין: שטרייק!

און דערפון דאַרף מען צאָהלען דירה-געלד, — אַ נאַס ווינקעל ערגיץ אין אַ קעלער.

און דערפון דאַרף מען קליידען אַלעמען און שוכען, מ'שטיינס-געזאָגט! — קליידלעך האָבּען אַלע, נאָר שיך — אַ פּאָר אויף צווייען.

און דערפון דאַרף מען עסען, מ'שטיינסגעזאָגט! — מכּות עסט מען, בּרויט אַ שטיקעל אָנגעשמירט מיט קנאָבּעל, אַמאָל אַ קרופּניק, אַמאָל טאַראַן אַ שטיקעל, וואָס בּרענגט אַרויס דאָס האַרץ, קאָן מען נאָכדעם טרינקען, טרינקען אַ גאַנצע נאַכט.

קומט צום עסען דאַרף מען טיילען, אַלעמען אַרויסטיילען דאָס שטיקעל בּרויט, ווי לעקעך.

— אוי דאָס עסען! אוי דאָס עסען זייערס!

אַזוי זאָגט חייקע, חיים חייקינ'ס ווייבּ, אַ קראַנקע נעבּעך, הוסט, הוסט גאַנצע נעכט.

— קיין עין הרע, — זאָגט דער פאָטער חיים חייקין, און ער קוקט, ווי די קינדער שלינגען גאַנצע שטיקער בּרויט, און אַליין וואָלט ער אויך עפּיס אַ בּעלן זיין נעהמען אין מויל אַריין, נאָר אַז ער וועט נעהמען — וועלן די צוויי קליינינטשקע, פריידקע און בּיילקע, בּלייבּען אָהן וועטשערע.

און ער צעשניידט זיין חלק בּרויט אויף צווייען און גיט אַוועק די צוויי קליינינטשקע, פריידקע און בּיילקע.

— פריידקע! בּיילקע! נאַט אייך נאָך צו שטיקלעך בּרויט, וועט זיין אויף וועטשערע.

פריידקע און בּיילקע ציהען אויס די דאַרע שוואַרצע הענטלעך, קוקען דעם פאָטער אין די אויגען אַריין, גלויבּען נישט: אפשר

טרייבט ער דאָס קאַטאָוועס?... קינדער זענען נאַשערס; שפּילען זיך מיט'ן טאַטענס חלק ברויט אַזוי לאַנג ביז זיי בייסען אָב אַלע מאָל אַ שטיקעל, דערזעהט די מוטער און הויבט אָן שרייען און הוסטען בשעת מעשה:

— רק מע עסט, רק מע עסט!

דער פאָטער קאָן דאָס נישט האָרכען, וויל איהר אָבענטפערען, נאָר ער שווייגט; ער קאָן נישט רעדען, ער טאָר נישט רעדען. וואָס איז ער דאָ? אַ צעבראָכענער שאַרבען, ער איז דאָ דער לעצ־טער שבלעצטער, איבעריג ביי אַלעמען, איבעריג ביי זיי, איבעריג ביי זיך אַליין.

וואָס, מ'שטיינסגעזאָגט, אַז טאָן טוט ער גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט; נישט מחמת ער וויל נישט, אָדער מחמת עס שטעהט איהם נישט אָן, נאָר ווייל ס'איז נישטאָ וואָס צו טאָן! נישטאָ און גענוג! דאָס גאַנצע שטעדטיל קלאָגט זיך, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו טאָן! צענויפגעטריבען קיין עין הרע אַ ביסעל יודען, אַ שמחה, נו־נו!

„גם זו לטובה!" — אַזוי טראַכט חייקין. גוט, וואָס ער האָט האָטש קינדער, אַנדערע האָבען דאָס אויך נישט. נאָר אַרויסקוקען אויף קינדער!?

הערט איהר? נישט גוט, אַז מע דאַרף אַרויסקוקען אויף קינדער, נישט מחמת זיי זשאַלעווען איהם, — חלילה! נאָר ער אַליין קאָן נישט, ער קאָן נישט!

ער ווייסט, ווי אַזוי די קינדער האָרעווען זיך אָן דעם טאָג; ער ווייסט אַז מע קוועטשט פון זיי אַרויס דעם שווייס ביז'ן לעצטען טראָ־פען, ער ווייסט!

יעדער ביסען ברויט איז ביי איהם אַ טראָפּען בלוט; ער טרינקט די קינדערס בלוט; איהר הערט? ער, חייקיל, טרינקט זייער בלוט; ער קאָן נישט!

— טאַטע, פאַר וואָס עסט דו נישט? פרעגען איהם די קינדער.

— ביי מיר איז היינט... אַ תענית — ענטפערט זיי חיים חייקין.

— ווידער אַ תענית? וויפיעל תעניתים האָסט דו דאָס?

— ווינציגער, וויפיעל טעג אין וואָך.

און חיים חייקין זאָגט נישט קיין ליגען, ביי איהם איז אָפט אַ תענית. און דאָך איז פאַראַן טעג אַזעלכע, וואָס ער עסט.

און דער טאָג, וואָס חיים חײַקין פאַסט, איז בײַ איהם דער בעסטער טאָג.

ראשית, איז דאָך דאָס אַ מצוה פאַר גאָט, מעהר מיט אַ שטי־קעל עולם הבא, וואַקסט פּראָצענט, ווערט גרעסער דאָס קאַפּיטאַל...

והשנית—געהט נישט אַוועק אויף מיר קיין פּרוטה, איך דאַרף פאַר קיינעם נישט אָבגעבען קיין דין וחשבון. אמת, קיינער פרעגט טאַקי נישט בײַ מיר; נאָר צו וואָס דאַרף איך דאָס, אַז איך קאָן זיך בע־געהן אַזוי?...

און וואָס איז ווערט אָט דאָס, וואָס איך פיהל זיך עטוואָס העכ־לער פון אַ בהמה? אַ בהמה עסט אַלע טאָג, איך קאָן מיך בעגעהן אַ טאָג איבער אַ טאָג. אַ מענש דאַרף שטעהן העכער פון, להבדיל, אַ בהמה.

— אַך, ווען אַ מענש זאָל קאָנען דערגעהן צו דער מדרגה, אַז מע זאָל זיך בעגעהן גאָר אָהן עסען!... איז אָבער די קשיא צו אַלדע שווארצע יאָהר! אַזוי זאָגט חיים חײַקין צו זיך אַליין, און מחמת הונגער הויבט ער אָן צו חקירה'ן, זיך אַרײַנלאָזען אין פילאָ־זאָפיע.

— איבער דער קשיא, איבער דער תאוה פון עסען נעהמען זיך אַלע צרות אויף דער וועלט. איבער דער קשיא, איבער דער תאוה פון עסען בין איך אַ קבצן און מײַנע קינדער בעדאַרפען האָרע־ווען מיט'ן בלוטיגען שווייס, ריזיקירען מיט'ן לעבען פאַר'ן שטיקעלע ברויט.

— וואָס וואָלט זיין, למשל, ווען אַ מענש זאָל נישט בעדאַר־פען עסען? אי-אי-אי! מײַנע קינדער וואָלטען דעמאָלט זײַן אַלע אין דערהיים! אוים האָרעווען! אוים שוויצען! אוים סטרײַקעווען! אוים ריזיקע! אוים פאַבריקען! אוים פאַבריקאַנט! אוים נגיד! אוים קבצן! אוים קנאה! אוים שנאה! אוים, אוים, אוים! — אַ גן-עדן! אַ גן-עדן!

— אַזוי טראַכט זיך חיים חײַקין און פערטיפעט זיך ווײַט אין חקירות און בעדויערט די וויסטע וועלט, און עס טוט איהם באַנג, זעהר באַנג, פאַר וואָס גאָט האָט בעשאַפען אַזוי דעם מענשען, אַז ער איז גאָר נישט ווײַט פון, להבדיל, אַ בהמה...

דער טאָג, וואָס חיים חײַקין פֿאַסט, זאָג איך אײַך, איז דער בעסטער טאָג פֿאַר איהם, און דער טאָג פֿון איין אמת'ען תענית, פֿון תשעה באב, למשל, — איז פֿאַר איהם (ער שעמט זיך מודה זײַן) אַ יום-טוב!

איהר פֿאַרשטעהט? אי נישט געגעסען, אי נישט קײן בהכ״ה, אי נישט נהנה געווען די קינדערם בלוט, אי פֿאַרדינט אַ מצוה, אי רעכט אויסגעווײנט זיך אויף חורבן בית המקדש.

וואָרום ווי קאָן מען וויינען אז מע איז זאט? ווי קאָן אַ זאטער פֿיהלען צרות? צו פֿיהלען צרות בעדאַרף חלש'ען דאָס האַרץ!

— דער גוטער יאָהר ווײס זײ! גיבען נאָך דער קישקע, האָבען מורא פֿאַסטען — שענקען זײ חאַבאַר דעם רבונו של עולם — אַ גראַשען!

אזוי פֿלעגט זאָגען חיים חײַקין און האָט געפײַערט אויף די, וואָס קויפֿען זיך אויס פֿון תענית און וואַרפֿען אַרײַן אין צדקה-פּושקע אַ האַרטען דרײַער.

דער שווערסטער פֿון אַלע תעניתים איז תשעה באב. אזוי זאָגט די תעלם.

חיים חײַקין פֿאַרשטעהט נישט, פֿאַר וואָס? דער טאָג איז גרויס? איז די נאַכט קלענער. ס'איז הײס אין דרויסען? ווער הײסט אײַך אַרומדרעהען זיך אויף דער זון? זיצט אין שוהל און זאָגט. פֿאַרהאַן, דאַנקען גאָט, וואָס צו זאָגען.

— און איך זאָג אײַך — אזוי דרינגט חיים חײַקין, — אז תשעה באב איז דער גרינגסטער פֿון אַלע תעניתים, ווײל ער איז דער בעס-טער. דער בעסטער תענית!

למשל: יום-כפּור אַ תענית. „ועניתם את נפשותיכם״. שטעהט געשריבען: „און איהר זאָלט פּײַניגען אײַערע לײַבער״. בכדי וואָס? בכדי איהר זאָלט אײַך אויסבעטען אַ גוט קוויטעל, אַ גוט יאָהר.

תשעה באב שטעהט נישט, איהר זאָלט פֿאַסטען, נאָר איהר פֿאַסט אַלײן, וואָרום ווי קאָנט איהר עסען דעם טאָג, וואָס ס'איז חרוב געוואָרען דאָס בית המקדש און יודען האָט מען געהרג'עט, ווײַבער צעשניטען, קינדער געקוילעט?...

תשעה באב שטעהט נישט, מע זאָל וויינען, נאָר עס ווײנט זיך אַלײן, וואָרום ווי קאָן מען זיך אײַנהאַלטען פֿון טרערען, אז מע דערמאָנט זיך, וואָס מיר האָבען יענעם טאָג פֿאַרלוירען?...

— אײַן עבירה, וואָס נאָר איין תשעה באב! — זאָגט חיים חײַקין, — אײַן עבירה וואָס נאָר איין יום כפור...

— נו, און שבעה עשר בתמוז? — רופט זיך אָב אײנער פון דער זײַט.

— מעהר נישט אײַן שבעה עשר בתמוז! ענטפערט איהם חיים חײַקין מיט אַ זיפץ.

— נו, און צום גדליה? און אסתר תענית? פרעגט איהם יענער ווײַטער.

— מעהר נישט, אַז אײַן צים גדליה! אײַן תענית אסתר! ענטפערט חיים חײַקין ווידער מיט אַ זיפץ.

— ע, רב חיים! איהר זענט דאָך עפּעס גאָר אַ זולל וסובא'ניק אויף תעניתים!

— קאַרג תעניתים, קאַרג תעניתים! זאָגט חיים חײַקין, און ער נעמט אויף זיך פון איצט אָן און ווײַטער פאַסטען ערב תשעה באב אויך, צוויי טאָג רצופים אײנס נאָכ'ם אַנדערע.

אַ וואוילע זאַך צוויי טאָג כסדר פאַסטען, הערט איהר? מחיה נפשות!

שווער איז נאָר דאָס טרינקען! דאָס הײסט שווער איז דאָס, וואָס מע קאָן נישט טרינקען! חיים חײַקין נעמט זיך אונטער: מיט אײן גלאָז וואַסער אַלע טאָג, פאַסט ער אײַך אַ גאַנצע וואָך ביז שבת.

איהר מײנט, ס'איז נאָר געזאָגט? בלאָטע! חיים חײַקין איז אַ מענש, וואָס בײַ איהם איז אומר ועושה — געזאָגט און געטאָן.

די גאַנצע וואָך, וואָס פאַר תשעה באב, האָט ער שוין אויפגעהערט עסען, געלעבט מיט אַ ביסעל וואַסער.

ווער האָט זיך אויף איהם אַרומגעקוקט? אַז חײַקע זײַן ווײַב איז נעבאַך קראַנק, די עלטערע קינדער זענען בײַ די גילזעס, די קלענערע פאַרשטעהען נאָך נישט. פראַדקע און בײַלקע ווײסען נאָר, אַז זײ זענען הונגעריג (און הונגעריג זענען זײ תמיד), ציהט זײ נעבאַך דאָס האַרץ און זײ ווילען עסען.

— הײַנט האָט איהר נאָך אַ חלק ברויט — זאָגט זײ דער פאָטער און צעשנײַדט זײ אויף צוויי'ען זײַן חלק ברויט, און פראַדקע און בײַלקע ציהען אויס די דאַרע שוואַרצע הענטליך און קוועלען.

טאַטע, דו עסט נישט? זאָגען איהם די עלטערע אויף דער-נאָכט בשעת וועטשערע — הײַנט איז דאָך קײן תענית!

— אסור אויב איך פאַסט! זאָגט זײ דער פאָטער און טראַכט

זיך: „אי אָבגעגאַרט, אי קיין ליגען נישט געזאָגט, וואָרום וואָס איז א טרונק וואַסער? וואַסער איז נישט געגעסען און נישט געפאַסט".

און אַז ס'איז געקומען ערב תשעה באב, פיהלט זיך חיים אַזוי גוט און אַזוי גרינג, ווי נאָך קיין מאָל נישט. ער פיהלט, אַז נישט נאָר ער דאַרף פאַרפאַסטען זיך, אַז נישט נאָר ער וויל עפּעס נעמען אין מויל אַריין, פאַרקעהרט — ער פיהלט, אַז ווען ער נעמט עפּעס אַ האַרטע זאַך קריכט דאָס נישט אין האַלז. עס קריכט נישט — נו!

דאָס הייסט: עס חלש'ט טאַקי דאָס האַרץ זעהר גוט, און הענט און פיס ציטערען טאַקי; עס ציהט, עס ציהט צו דער ערד, די כחות געהען אויס, און עס מלאָסנעט, און עס נודעט אויף צו חלש'ען — נאָר פע! וואָס הייסט? אַ גאַנצע וואָך געפאַסט און געקומען ערב תשעה באב — נישט אויסגעהאַלטען!?

און חיים חייקין נעמט זיין חלק ברויט מיט בולבעס, רופט צו די קליינע פראַדקע מיט דער קליינער ביילקע און זאָגט זיי שטילערהייד:

— קינדער, נאַט אייך, עסט און די מאַמע לאָז נישט זעהען.

און פראַדקע און ביילקע נעמען דעם טאַטענס חלק ברויט מיט בולבעס, קוקען אויפ'ן פּאָטערס פּנים, ווי ס'איז טויט און אויף די הענט, ווי זיי ציטערען און טרייסלען זיך.

און חיים קוקט ווי די קינדער האַפּען, עסען, שלינגען, און ער שלינגט די שליים, מאַכט צו די אויגען, הויבט זיך אויף פון אָרט, קאָן זיך נישט דערוואַרטען אויף די קינדער, וואָס זענען ביי די גילזעס, נעמט מיט זיך די קינות, טוט אויס די שיך, געהט אַוועק אין שוהל קוים וואָס ער שלעפּט די פיס.

אין שוהל איז ער כמעט דער ערשטער, פערחאַפּט ער איין אָרט נעבען חזן, אויף דער איבערגעקעהרטער באַנק, וואָס ליגט מיט די פיסלעך אַרויף, בעוואַרענט זיך מיט אַ שטיקעל שנויץ, וואָס ער שמעלצט דאָס צו צום פיסעל פון דער באַנק, און אַליין שפּאַרט ער זיך אָן צום ווענטעל פון דער בימה, עפענט אויף די קינות: „אלי ציון ועריה — קלאָג ציון מיט אַלע אַלע שטעדט"... און ער פאַרמאַכט די אויגען און זעהט: „ציון", אַ פאַרשוין, אַ בילד פון אַ נקבה, שטעהט אָנגעטאָן אין שוואַרצען, מיט אַ שוואַרצען שלייער אויפ'ן פנים, קלאָגט

און וויינט און ברעכט די הענד, בעדויערט איהרע קינדער, וואס פאַלען אַלע טאָג, אַלע טאָג, אויף פרעמדע ערדען, פאַר פרעמדע זינד.

. . . .

צו ווילסט דו, ציון, דען ביי מיר נישט פרעגען
אויף דיינע עלענדע, וואס זיפצען אַזוי שווער?
אָט טראָג איך זייערע גרוסען דיר אַקעגען
דיין רעשטעל, וועה! דו האסט דאך שוין נישט מעהר!...

און ער עפענט אויף די אויגען און זעהט שוין נישט מעהר ציון, די בילד-שענע נקבה. ער דערזעהט:

פונ'ם פאַרפאַראָשעטען שטויביגען פענסטער מיט די פערברודיגטע שויבען קוקט אַריין אַ שאַרפער שטראַהל פון דער זון, וואס האלט ביי אונטערגעהן אויף יענער זייט שטעדטיל. און האָטש ער מאַכט די אויגען צו, דאך זעהט ער דעם שטראַהל, און נישט נאָר דעם שטראַהל אַליין, די גאַנצע זון, די שענע ליכטיגע זון, וואס קיינער קאָן זי נישט זעהען, קיינער, נאָר ער אַליין! חיים חייקין קוקט אויף איהר און זעהט זי — און גאָר נישט! פאַר וואָס? דערפאַר, אַ פנים, וואס ער איז אויסגעטאָן פון דער וועלט מיט אַלע איהרע תאוות... איהם איז גוט... איהם איז גרינג... ער קאָן שוין אַלעם איבערטראָגען... ער וועט האָבען אַ גרינגען תענית... איהר ווייסט, ער וועט היינט האָבען אַ גרינגען, גרינגען תענית!

און חיים חייקין האלט די אויגען צו און זעהט פאַר זיך אַ מאָדנע וועלט, אַ נייע וועלט, אַזעלכע, וואס ער האָט נאָך קיינמאָל, קיינמאָל נישט געזעהען. מלאכים עפּיס שוועבען איהם פאַר די אויגען און ער קוקט אויף זיי און דערקענט אין זיי זיינע קינדער, אַלע, די גרויסע און די קליינע, און ער וויל זיי עפּיס זאָגען, און ער קאָן נישט רעדען... ער וויל זיך פאַרענטפערן פאַר זיי, אַז ער איז נישט שולדיג... נישט ער איז שולדיג!... וואס איז ער, חיים, שולדיג, אַז קיין עין-הרע אַזוי פיעל יודען האָבען זיך צונויפגעקאָמפּאַניעט אַלע אויף איין שטיקעל אָרט, קוועטשען, בריקען, עסען איינס דאס אַנדערע? וואס איז ער שולדיג, אַז מענשען דאַרפען יענעמס שוויים, אַז מענשען דאַרפען מענשענס-בלוט? וואס איז ער שולדיג, אַז מענשען זענען נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה, אַז אַ מענש אַ מענשען זאָל נישט טרייבען ווי מע טרייבט אַ פערד צו דער אַרבייט? אַז אויף אַ פערד איז אויך אַ רחמנות, גאָט'ס בעשעפעניש, צער בעלי חיים?...

און חיים חייקין האלט צו די אויגען און זעהט, זעהט אלסדינג, די גאנצע וועלט, אלע וועלטען, און אלץ איז העל און גרינג, און עס קויקעלט זיך ווי א רויך, און ער פיהלט, אז עס געהט עפּיס פון לייב ביי איהם, פון אינעווענינג, פון הארצען, און ציהט זיך, ציהט זיך גלייך ארויף, און טיילט זיך אב פון גוף, און ער פיהלט זיך גרינג, זעהר — זעהר גרינג, און לאזט ארויס א טיפען זיפץ, א לאנגען — לאנגען קרעכץ. און עס ווערט איהם גרינג. און נאכדעם פיהלט ער — גאר נישט, גאלע גאר נישט...

אז בערע דער שמש, א רויטקאלטענוואטע יודיל מיט א בולבעוואטע ליפּ, איז געקומען צוגעהן אין שוהל אריין אין די זאקען מיט די אויסגעטרעטענע פיאטעס און דערזעהען ווי חיים חייקין זיצט אנגעשפּארט דעם קאפּ ארויף, די אויגען אפען, האט דאס איהם פערדראסען. גערעכענט, אז ער דרימעלט, און האט אנגעהויבען וואָרטשען, בייזערען און ווארפען זיך:

— איין עזות פון א יודען... זיך צעלעגט א ביסעל... דער גראף פּשאנגוצקי דארף אזוי נישט זיצען... א פנים רעכט פערביסען... אהער געקומען שלאפען... רב חיים, זייט זשע מוחל, עי רב חיים!... רב ח—יי—ם!...

די לעצטע שטראהלען פון דער זון האבען אריינגעשאסען דורכ'ן שוהל-פענסטער און געפאלען גלייך אויף חיים חייקינ'ס רוהיג פנים מיט די שווארצע גלאנצענדיגע גרייזעלדיגע האהר, מיט די שווארצע געדיכטע ברעמען, מיט די האלב-אפענע גוטע, שווארצע, הונגעריגע אויגען, און האבען דורכגעלייכט דאס טויטע, בלאסע, שטענדיג הונגעריגע פנים דורך און דורך.

❀ ❀

❀

יא. חיים חייקין האט געהאט א גרינגען-גרינגען תענית.

א ווייסע כפרה.

אַ ווייסע כפרה.

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ „מאַדאַם“).

איבערגעגעבען

פון

שלום־עליכם.

— איך ווייס ניט ווי אַזוי איהר; ביי מיר — עס מעגען פאַלען שטיינער פון'ם הימעל — אַ ווייסע כפרה אויף ערב יום כפור דאָס מוז זיין! איך וועל אייך זאָגען דעם ריינעם אמת: איך פאַרשטעה גאָרניט, ווי אַזוי וואָלט איך געקאָנט שלאָגען כפרות ניט מיט קיין ווייסער כפרה? עס מאָלט זיך מיר אויס איך וואָלט אַ גאַנץ יאָהר מורא געהאַט פאַר שטאַרבען. איך בין שוין אַזוי געוואוינט געוואָרען פון קינדווייז אָן. ס'איז אַלסדינג אַ געוואוינהייט. מיין מאַמע, מוזט איהר וויסען, איז אויך נישט קיין גרויסע צדיקת, נאָר פון די דאָזיגע זאַכען האַלט זי גראָד; צום ביישפּיל: אויף פסח — פסח'דיגען באָרשט, אויף שבועות — ליובימסטיק, אַ כפרה — אַ ווייסע, חנוכה — לאַטקעס, פורים — שלח־מנות, וכדומה אַזעלכע מצוות היט זי אָפּ ווי אַיין אמת'ע רביצין. „הזכרת נשמות“ איז ביי איהר דאָס שוואַרצאַפּעל פון'ם אויג, און חלילה ניט הערען שופר בלאָזען איז פאַר איהר אַ סך אַ גרעסערער אומגליק ווי ביי מיר למשל נישט הערען להבדיל שאַליאַפּינען... פון דעסטוועגען איהר זאָלט זי קענען, וואָלט איהר זיכער מיינען, אַז דאָס איז אַ גרויסאַרטיגע געבילדעטע דאַמע. געטע און שיללער לאָזט זי עד היום ניט אַרויס פון מויל, און מיט טשאָקקען שלאָפט זי נאָך ביז היינטיגען טאָג. אונ קומט ראש חודש אלול, זאָלט איהר זעהן, דעקט זי זיך איבער דעם קאָפּ מיט אַ ווייס טיכעל און האָט

צו טהון מיט די „יענטעס"; איך האָב מורא אויב זי שמועסט ניט מיט זיי מכּח קנײטלעך לייגען . . . און נאָכדעם, אַוועק די ווייענדיגע טעג — אַראָפּגעוואָרפען דאָס טיכעל, פונ'ם קאָפּ, און ווידער געטע, ווידער שיללער, ווידער טשאַקקע. אָט אַזאַ מין יודענע איז די מאַמע מיינע, און אָט אויף דעם אייגענעם יודישען שניט האָט זי געפיהרט אונז אויך, די טעכטער איהרע. פינף זענען מיר געוועזען און אַלע האָבען מיר חתונה געהאַט „פּאָ־ליובווי", דאָס הייסט שענע מיידלעך זענען מיר געוועזען, און געבילדעט אַוראַי, און נדן האָבען מיר געהאַט אויף זיך צו פופצעהנטויזענד אין באַנק אויף אַ טאָכטער, הײַנט פאַר וואָסזשע זאָל מען אונז פײַנט האָבען? מיר האָבען גע'שמ'ט, דאַרפט איהר וויסען. אויף דער וועלט ניט אַזוי מיט אונזער שענקײַט און מיט אונזער בילדונג ווי מיט אונזער גוט אויפגעצויגען ווערען. ערציהונג, הערט איהר, איז אַ גרויסע, אַ גרויסע זאַך! למשל אַזוי אין אַנדערע פאַכען זענען מיר ערצויגען געוואָרען בײַ אונזער מוטער דוקא פראַנק און פרײַ: געקאָנט רעדען מיט וועמען מיר האָבען געוואָלט, געקאָנט געהן וואָהין מיר האָבען געוואָלט און געקענט טהון וואָס מיר האָבען געוואָלט; נאָר דאָרט וואו עס האָט זיך אָנגעקעהרט מיט לשון יודישקײַט איז געוועזען חיות ניט זיבער! צום בײַשפּיעל, נעמט מיר אַראָפּ דעם קאָפּ איך זאָל אײַך אויסטהון דעם לינקען שוך פריהער פאַר'ן רעכטען. וואַלאָדי לאַכט פון מיר און מאַכט חוזק; נאָר איך זאָל וועלען קוקען אויף וואַלאָדין וואָס וואַלאָדי לאַכט, וואָלט בײַ מיר פּסח געוועזען גאָלע פאַסקע מיט געפאַרבטע אייער, אָהן אַ ברעקיל מצה. מײַן וואַלאָדי איז אין יודישקײַט אַ ביסעל נו — ני . . . דאָס הייסט אַזוי, פאַרקעהרט, אַ יודען האָט ער אדרבה מיט'ן גרעסטען כּבוד, דערהערט ער ערגיץ אויף יודען אַ צרה, אַ פּאָגראָם, געהט ער אַרום אָהן אַ קאָפּ: סטײַטש אַ יוד, יודיש בלוט . . . פײַנט האָט ער נאָר די יודישע תּנועות מיט די יודישע גענג; אַ יוד, זאָגט ער, איז אײן עזות פּנים, אַ יוד איז אַ „נאַחאַל" . . . לאָז אָבער אַ פרעמדער פּרובען זאָגען אויף יודען אַ שלעכט וואָרט, וועט ער איהם די אויגען אַרויסרײַסען. אַ מאָרנע בריאה אָט דער וואַלאָדי! איך האָב וויפיל מאָל איהם געהערט באַריהמען זיך פאַר די פּריצים וואָס קומען זיך אַ מאָל צענויף בײַ אונז שפּילען אין פּרעפערענס, אַז מיר האָבען אונזער אייגענעם יודישען דיפּלאָמאַט הערצל, וואָס איז אַ גאַנצער בן בית בײַם טערקישען סולטאַן; און אַז די ציוניסטען זענען געקומען אַנומעלטען צו איהם נאָך געלד, האָט ער מיט זיי געהאַט אַ לאַנגען ויכּוח, זיי באַוויזען אַז זיי טראָגען זיך אַרום

מיט חלומות, זיך אײַנגערעדט אַ לונג און לעבער אויף דער נאָז; נו, און געלד? איהר מײנט ער האָט זײ נישט געגעבען? געגעבען! אָט אַזאַ מין נפש איז מײַן װאָלאָדי. װיפיל האָב איך צו טהון מיט איהם פאַר די קינדער! מײַנע קינדער זענען קײן עין הרע געראָטענע קינדער, שענע, געזונדע, פרישע, לוטערע, װאָס נאָך דאַרף מען? װיל ער, װאָלאָדי הײסט דאָס, זײ זאָלען אַלסדינג קענען, קענען? מהכתיתי, איך װיל אויך זײ זאָלען אַלסדינג קענען, װער װיל דאָס ניט, אַז קינדער זאָלען קענען? דאָס געזונד זײערס איז אָבער בײַ מיר טהײַערער. איך בין אַ מוטער ניט אַזאַ הײסע, נאָר דאָך אַ מוטער; װײס איך װאָס הײסט געזונד. מײַן סאַשקע מיט מײַן סאָניקע אײדער זײ זענען אויסגעװאַכסען עהע־הע! קומט ער צוגעהן און מוטשעט זײ — ער װיל זײ זאָלען אַלסדינג קענען, אַלסדינג װיסען, אַפילו יודיש, זאָגט ער, דאַרפען זײ אויך קענען. קאַרג װאָס זײ האָבען אויף זיך די גימנאַזיע, מיט מוזיקע, מיט טאַנצען, מיט שלעק, בעדאַרפען זײ נאָך האָבען אויף זיך נאָך אײן אומגליק: יודיש לערנען! מע זאָל חאָטש לערנען יודיש װי מע לערענט למשל דײַטש, אָדער פראַנצויז, אָדער אײנגעלש. צי דער יודישער לעהרער זאָל חאָטש זײַן אַ לעהרער װי אַלע לעהרערס. איז ער אָבער, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רעד, איך װײס אלײן ניט װאָס. װאָלאָדי אַלײן קאָן ניט לײַדען דעם ריח פונ'ם יודישען לעהרער; אַלע מאָל נאָך זײַן אַװעקגעהן עפענט ער אויף דאָס פענסטער. „צו װאָס טויג ער דיר?“ טענה איך מיט איהם. — „ס'איז הײַנט, זאָגט ער, אַ מאָדע יודיש, דאַרפען זײ לערנען יודיש“. איהר פאַרשטעהט? ס'איז אַ מאָדע! אַלסדינג איז אַ מאָדע. קאָרטען איז אויך אַ מאָדע. מײַן װאָלאָדי האָט אַמאָל געװאוסט אַ פרעפעראַנס, אַ דערדע, אַ זעכס און זעכציג; הײַנט קאָן ער זיך שוין אַװעקזעצען אויף אַ גאַנצער נאַכט און שפּיעלען ביז דאָס אַנדערן אויף דערנאַכט. ער קאָן זיך שוין כמעט אָהן קײן קאָרטען נישט באַגעהן. נאָר כל זמן ער האָט געשפּיעלט אין דערהײם האָט מיך ניט געאַרט; איך אַלײן האַלט אויך פון אַ פרעפעראַנס, און אײן אָקעלע האָב איך אַלײן אויך ניט פײַנט. בײַ מײַן מאַמען פלעגען מיר אַלע שפּיעלען גאַנץ אָפט אין אָקע. אַרען אַרט מיך נאָר למאי ער שפּיעלט אין קלוב. אוי, דער קלוב! דער קלוב! פאַרברענט זאָלען װערען אַלע קלובען אויף דער װעלט! ערשטענס אײן עבירה טאַקי דאָס געלד. שפּיעלען שפּיעלט ער אויף צו געװינען, נאָר ער פאַרשפּיעלט, ער פאַרשפּיעלט אַ סך געלד! איך װײס װען ער פאַרשפּילט און װען ער געװינט. קומט ער נערװעז, דאָס הײסט רײן משוגע, לאָזט אוים צו מיר

זײַן ביטער הארץ, זוכט חסרונות אויף יעדען טריט, — איז א סימן אז ער האט פארשפיעלט. הײַנט די צײַט וואס געהט אוועק! די נעכט! די נעכט! די ערשטע צײַט, איידער איך בין געוואָהר געוואָרען וואו ער ווערד פארשוואונדען אלע נאכט, בין איך געוועזען אויס מענש, שיער ניט משוגע געוואָרען, אלע מאָל האָט ער מיר צוגעטראכט א נײַעם תירוץ. דאָס א בוררות דרײַ נעכט כסדר, א „זאסעדאניע”, אָדער גלאַט א גוטער ברודער האָט איהם פארשלעפּט צו זיך אויף א פרעפערענס. נאָר וואָס דען? איך קען וואלאָדין; איך ווײס ווען ער לײַגט און ווען ער זאָגט אײן אמת. שווערט ער זיך און איז בשעת מעשה רעכט אין כעס איז א סימן אז ער זאָגט א ליגען. האָב איך אָנגעהויבען מסתמא נאָכצושמעקען און אויסצוטאַפּען און בין געוואָהר געוואָרען, אז ער געהט אין קלוב. א שטײַן פונ'ם הארצען! דאַנקען גאָט וואָס חאָטש ניט ערגיץ אַנדערש... „וואלאָדי! — טענה איך מיט איהם — קאָרטען קאָנסט דו דען ניט אויספיהרען אין דערהײם? ענטפערט ער מיר: „אין קלוב זעהט מען זיך מיט דעם מיט יענעם. מע הערט וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך”... בלאָטע! דאָס איז, ווי זאָגט מען, א תירוץ פאַר די בענשליכט. „וואלאָדי — טענה איך מיט איהם ווײַטער — באַרעכען דיך, דו לאָזט מיך זיצען אײנע אלײן גאַנצע נעכט, קוקסט ניט אָן, זאָג איך, קײן קינד אין די אויגען, גזלן, האָסט קײן מורא ניט פאַר גאָט, וואלאָדי”? זאָגט ער אז ער האָט פײַנט סצענעס, קאָן ניט הערען, אז איך רעד מיט גאָט. הויב איך אָן ווײנען, טהוט ער א זעץ מיט דער טיר, געהט אוועק און קומט אויף מאָרגען אין דער פריה רעכט ברוגז — איהר פערשטעהט? א י ה ם קומט נאָך אַרויס! איך בעטראַכט איהם דעמאָלט, מײַן וואלאָדין הײסט דאָס, און דערמאַהן מיך אין אמאָל, אוי! בשעת ער האָט זיך אַרומגעדרעהט אַרום מיר, זיך געשדכנט, געפּאַדקעוועט, געצעהלט די טריט, געהיט דעם שאָטען; ס'איז איהם ניט אָנגעקומען גרינג, קידם כל האָט ער געזעהן ער זאָל געפעלען ווערען דער מאַמע מײַנער. אויסהערען פון איהר אויף אויסווײניג גאַנצע שטיקער פון געטע מיט שיללער מיט טשאָקקע, נאָכדעם האָט ער איהר געלײַענט ביכער און דוקא ראָמאַנען, און דוקא אַזעלכע וואָס א שטײַן קאָן צוגאָסען ווערען, געהאַלטען איהר בשעת מעשה די בײַוועלעך, זומער איהר געהאָלפען פרעגלען אײַנגעמאַכטס, ווינטער געשפּיעלט מיט איהר איז „קאָנטשעניע”. גוט פערשוואַרצט געוואָרען, און אלץ צוליב מיר. נאָך מיר און ער געשטאָרבען, אויסגעגאַנגען נאָך מײַנע טריט! א קניע ערד האָט ער אויסגעשלאָגען ביז ער האָט דערלענט

צו הערען פון מיר דאס גוטע ווארט, ווארום איך האב געהאט דעמאלט דרײַ אזעלכע תתנים פײַנע בריה'ס ווי ער. אײנער פון זײ, ער איז הײַנט דאקטאר, איז אין מיר געווען פארליבט טאקי צום שטארבען, דאס הײסט זײ זענען אלע געווען נאך מיר די כפרה. און הײַנט? לאס איך ווען הײַנט עמיצען פערדרעהען דעם קאפ איז בײַ מיר א מלאכה? אט א שטײגער ברענהאלץ דער אפטײקער, וואס טאנצט אזוי ארום מיר, דערצעהלט ער מיר מעשיות, וויל מיר אײנרעדען, אז איך בין יונגער מיט צעהן יאהר ווי איך בין? און וואס קומט ער אקוראט דעמאלט ווען וואלאדי איז ניטא?... אמת, איך אלײן ווײַז איהם א דרך; איך וויל אז וואלאדי זאל דאס טאקי וויסען און לאז דאס איהם פארדריסען... איך אלײן דערצעהל נאכדעם וואלאדין: „דו ווײסט, זאג איך, ווער ס'איז דא געוועזען"? „ברענהאלץ"? זאגט ער און ער זאל זיך דאס אפילו פארקרימען! „מארגען, זאג איך, געהען מיר מיט איהם אויף שאליאפינען אין צווײען" — „מיט וועמען, מאכט ער, מיט ברענהאלצען"? איך קוק אויף איהם בשעת מעשה און טראכט מיר: „ווארט אויס, איך וועל דיר דערגעהן די יאהר"! און רוף מיך אן צו איהם: „ווי מײנסט דו, וואלאדי, נישקשה מיר זאלען דינגען מיט ברענהאלץ דעם אפטײקער אין דאטשע"? — „וואס זאל דא זײַן, זאגט ער, קשה"? — „ברענהאלץ, זאג איך, וויל מיט מיר פאהרען הײַנטיגס יאהר קײן מאריענבאד אינאײנעם". „געזונדערהײד" זאגט ער. געזונדערהײד? אבער גאר לא! דוקא ווײַל דו ווילסט וויל איך ניט. איך בעט אײַך, וואס איז דאס געווארען מיט מײַן וואלאדין? חברה האבען איהם גוט אריינגענומען אין קאן ארײַן...— א! חברה קען! פון קלוב קאן קײן גוטס נישט ארויס. פון קלוב געהט מען אלע נאכט... איך ווײס וואהין מע געהט. איך האב מיך שוין צעפרעגט. פון קלוב געהט מען אלע נאכט אין „פארנאס", אין „אלימפ", אין „ארקאדי" וכדומה אזעלכע פרײליכע ערטלעך און מע פארברענגט די צײַט גאנץ פרײלעך... ברענען זאל דער קלוב! ברענען זאלען די קארטען! ברענען זאל די קאמפאניע! אמאל פלעגען מיר מיט וואלאדין אויסזיצען גאנצע נעכט און רעדען און רעדען, קײן מאל ניט אויסגעלאזט זיך קײן שטאף; און הײַנט קאנען מיר קײן האלבע שעה ניט זיצען אינאײנעם. אויסגעגאנגען בײַ אונז מאטעריאל. דערפאר געפינט זיך בײַ אונז רעד מיט דעם דאזיגען אפטײקער, מיט ברענהאלצען, פון דער וועלט רעד. פוסטע דבורים, חכמות, לידלעך, אנעקדאטען. אוי האט ער אנעקדאטען ברענהאלץ, ברענען זאל ער אויפן פײַער! און דוקא יודישע אנעקדאטען, חי — חי,

פֿון דער וועלט אַנטקראָטען! איך האָב ליעם אַ שענעם אַנעקדאָט; הערען אַנעקדאָטען ווערד מיר קיין מאָל נישט נמאס. זיצט ער, ברענהאָלץ הייסט דאָס, גאַנצע נעכט און דערצעהלט מיר אַנעקדאָטען... איך ווייס אַז די גאַנצע שטאָדט האַלט מיך אין די מיילער. איך ווייס גאַנץ גוט וואָס מען זאָגט אויף מיר, נאָר עס זאָל מיך אָנהויבען צו אַרען! מיך אַרט נאָר, למאי עס אַרט ניט וואָלאָדין אַרט דאָס ניט!.. וועה וועה! אַמאָלינגע יאָהרען למשל ווען מע קומט און מע דערצעהלט וואָלאָדין, אַז סע זיצט ביי מיר גאַנצע נעכט איין אַפּטייקער און דערצעהלט מיר אַנעקדאָטען —, האַ האַ האַ! און היינט? גאָרניט. ער קומט אַמאָל צו געהן שפּעט ביי נאַכט, טרעפט ער איהם ביי מיר זיצען אויפֿן באַלקאָן און גאָרניט. „וואָס הערט זיך עפּעס נייעס פֿאַניע ברענהאָלץ"? און פֿאַניע ברענהאָלץ דערצעהלט איהם נייעס; וואָלאָדי רויכערט, מאַכט זיך ווי ער הערט מיט קאָפּ און האָט אין זינען בשעת מעשה ווייס איך וואָס, וואָרום דער קאָפּ איז איהם גאָר דאָרטען. איהר ווילט וויסען וואו דאָרטען? ע! איך זאָל וויסען וואו איז דער „דאָרטען" וואָלט דאָך גוט געווען! איך וויל שוין לאַנג וויסען. איך האָב שוין אפילו אָנגעשמעקט אַ שטיקעל „סליד" אויך. דאָ ניט לאַנג האָב איך אויסגעטרייסעלט אַ בריוועלע ביי איהם ניט אויסגערעדט זאָל זיין אין די הויזען־קעשענע, זעהר אַ שיין בריוועלע, אויפֿן רויזענפּאַפּיר, דורכגעשפּי־ געוועט מיט פּאַרפֿומען און געחתמט „מאַשאַ"... מאַשאַ? מאַשאַ? ווער קאָן זיין די דאָזיגע מאַשאַ?.. שוין צוויי וואָכען אַז איך ברעך מיר דעם קאָפּ, איך קאָן גאָר אַזוי קלוג ניט זיין... אָ! לאָס איך נאָר געוואָהר ווערען אַקוראַט וועט ער זיך ביי מיר נישט נאַרען! און וועט ביי מיר האָבען אַ מאַשע!!! סע וועט איהם שוין זיין מאַשעדיג אין די אויגען!.. שאַ, וואָהין בין איך דאָס פֿאַרפֿאָהרען? פֿון וואָס האָב איך אייך אָנגעהויבען? יאָ, כפּרות. איך ווייס ניט ווי אַזוי איהר; ביי מיר — עס מעגען פֿאַלען שטיינער פֿונ'ם הימעל — אַ ווייסע כפּרה אויף ערב יום כפּור דאָס מוז זיין! „ווי די כפּרה איז ווייס, בין איך ווייס פֿון זינד". אַזוי האָט מיך די מאַמע געלערענט. איך געה נאָך דער מאַמעס שניט. דערפֿאַר מוז איך האָבען אַ כפּרה אַ ווייסע. און נישט נאָר פֿאַר מיר, פֿאַר וואָלאָדין, פֿאַר די קינדער, און אפילו פֿאַר מיין קליין ליאָליטשקע קויף איך אַ קליין ווייס היהנעלי, אַ קליין ווייס כפּרה'לע, מיר פֿאַר איהרע שענע אויגעלעך און שלאָג מיט איהר כפּרות. איך שלאָג פֿאַר זיי אַלעמען כפּרות. אָך און וועה אַז איך בין די איינציגע יודישקע אין שטוב וואָס פֿאַרשטעהט אַ יודישען דין און וואָס האַלט פֿון יודישקייט... נעם איך דעם כרוך,

זאָג איך דעם בני אדם און דרעה, און דרעה די כּפּרה: זה חליפתי, זה תמורתי, זה כּפּרתי און איך פּיהל אַז עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונד, ווארום ס'איז אַ ווייסע, אַ ווייסע כּפּרה, — אַ זוי ווי גאָט האָט געבאָטען!..

עֶנדעֶ.

כל נדרי.

כָּל נִדְרֵי.

(פֶערְלָארֶענֶע נְשָׁמוֹת).

א.

די נאַכט פון כל נדרי איז דער „פּאַרנאַס" געווען שוין באַלייכטעט מיט אַלערליי־פאַרביגע לאָמפען און לעמפּלעך, דעקאָרירט און צונעקליבען אויפ'ן שענסטען אופן. די מוזיק האָט געשפּילט, די אָפּענע סצענע איז געווען גרייט צו בעווייזען דער וועלט אַלע איהרע אַנטיקלעך, חדושים ונפלאות — משונה מאָדנע גרינגע דינע גאַז־קאָלירענדיגע קליידלעך, אַ סך בריליאַנטען, משוגענע טואַלעטען, נאַקעטע לייבער און פּיס, פּיס אָהן אַ שעור!...

— וואָס איז דאָס? — פרעגט דער פרומער לעזער — משוגע צי חסר דעה? וואָס איז דאָס פאַר אַ הפקירות געוואָרען! עשרת ימי תשובה אין אַ קאַפע־שאַנטאַן! ערב יום כפור — מוזיק מיט קליידלעך מיט נאַקעטע לייבער!...

איך ווייס, ליעבער פריינד, גלויבט מיר, איך ווייס, אַז ס'איז ערב יום־כפור; איך ווייס, אַז דאָס אָרט, וואוהין מיר געהען אַצינד — איז נישט אַזוי כדאי אַריינצוטרעטען אין די טעג, וואָס מע רופט זיי „ימים נוראים", און די פאַרשוינען, וואָס מיר וועלען זיך דאָרט מיט זיי באַגעגענען, געהערען זיך אָן ווייניג וואָס מיט'ן כל נדרי און מיט'ן היילינען טאָג יום־כפור, וואָס ער הייסט ביי אונז „שבת שבתון", דער שבת פון אַלע שבתים; נאָר פון וואַנען ווייסען מיר, אֶפשר געפינען זיך אויך דאָ אין'ם דאָזיגען זינדיגען אָרט זינדיגע יודישע נשמות, און צווישען זיי אויך פאַרגעסענע, פאַרוואָגעלטע, פאַרוואָרפענע, אומגליקליכע נפשות נעבעך, וואָס קומען אָב אויף דער וועלט מעהר פאַר פרעמדע זינד ווי פאַר איינענע? פון וואַנען ווייסען מיר, ווער ס'איז מעהר שולדיג אינם נידעריג פאַלען פון די דאָזיגע פערלאָרענע נשמות? פון וואַנען ווייסען מיר, וועלכעס איז כדאי און וועלכעס איז ניט כדאי?...

נאָך אזא מין שטיקעל הקדמה, וואָס שמעקט אביסעל מיט „על חטא", (און אַ יוד שלאָגט זיך אָב „על חטא" און זינדיגט ווייטער) קאָנען מיר דאכט זיך שוין אומקעהרען זיך צוריק צו דער מעשה.

דער „פּאַרנאָס" איז דעקאָרירט און צוגעקליבען אויף'ן שענסטען אופן; די מוזיק שפּיעלט; מענשען דרעהען זיך אַרום הין און צוריק אויף איין איינג שטיקעל ערד, וואָס מע רופט עס „גאָרטען", וואָרום מע האָט דאָרט אַנידערגעזעצט אין זאַמד עטליכע טשאַכאָטשנע בוימלעך וואָס טשאַכנען, קוים קוים וואָס זיי דערציהען דעם זומער, און אַלץ וואָס דאָ געפינט זיך — איז פאַלש און פאַלש און פאַלש. דער גאָרטען איז ניט קיין גאָרטען, די בוימער זענען ניט קיין בוימער, די ברילליאַנטען זענען ניט קיין ברילליאַנטען, די שמחה איז ניט קיין שמחה, ס'איז נאָר געמאַכט, ס'איז נאָר געמלאכה'ט, בכדי יענער זאָל מיינען...

אַלע ווייסען דאָס, אַלע פיהלען דאָס, נאָר פון דעסטוועגען געהט מען אַהער אַלע אויף דער נאַכט, און מע ברייינגט אויס געלד, מע זיצט און מען הערט, מע געגעצט, נאָר מע זיצט... די מוזיק רימפּעלט און עס רימפּעלט אויף'ן האַרצען, נאָר מע מוז זיצען און הערען ביז'ן סוף. דאַנקען גאָט די מוזיק האָט אויפגעהערט צו רימפּלען, דאָס גלעקיל קלינגט, דער עולם געהט פאַרנעמען ערטער און דער פאָרהאַנג פון דער אָפענער סצענע הויבט זיך אויף און עס שפּרינגט אַרויס אַ נפש אינ'ם געשטאַלט פון אַ נקבה, אַנגעטהון משוגענערווייז, דאָס הייסט העכער האַלב נאַקעט, און מיט אַ קול פון אַ יונג־קינד קוויטשעט זי אויס אַ נגון, וואָס איהר ווייסט ניט, צי זי זינגט קופּלעטען צי זי בייזערט זיך אויף דער דיענסט פאַר די קאַרטאָפליס... און חאָטש דער גאַנצער עולם פיהלט, אז די קופּלעטען זענען נאַריש און דאָס זינגען טויג אויף כפרות, פון דעסטוועגען פּאַטשט מען בראַוואָ און אַ צוויי דריי ליידיגגעהערס רופען זי אַרויס פון יוצא וועגען נאָך אַ מאָל אויף „ביס", און זי לאָזט זיך לאַנג ניט בעטען, זינגט אַ נייעם נגון, נאָך ערגער פונ'ם ערשטען, און דער עולם געגעצט און פּאַטשט „בראַוואָ" און עס הערט זי ווידער אַ געשריי: „ביס!"...

— דזשוי! טהו אַ שפּרונג, ווער געוואָהר, געקומען שוין דראַגאַ מאַרישקאַ צי נאָך ניט? — אַזוי רופט זיך אָן איינער אַ גראָבער דייטש מיט אַ רויטער נאָז אונטער אַ גלאַנצענדיגען צילינדער. דאָס איז דער בעל־הבית פונ'ם גאָרטען.

— איך קום ערשט פון דאָרטען, נישטאָ זי נאָך — ענטפערט

דזשוי, אַ יונגער מאַנטשיק מיט אַ רויטען שניפּס, מיט אַ געגאָלט פּנים, נאָר מיט איין אויסגעבויגענער נאָז, וואָס זעהט אויס מזרע היהודים...

— וואָס וועלען מיר טהון, טאָמער קומט ניט, חלילה. דראַגאַ מאַרישקאַ? סע שניידט זיך איין עולם פון היפּשע מענשלעך, רייכע יונגע־לייטלעך, מע וואָלט געקאָנט לייזען שען געלד... וואו קען זיין אַזוי שפּעט דראַגאַ־מאַרישקאַ?

— למאי אָט איז פּערי־פּיטשי־פּאַוטשי אויך נישטאָ? — זאָגט דזשוי — דער רוח ווייסט זיי וואו זיי זענען ערגיץ!... מע בעדאַרף אַ לויף טהון צו זיי אַהיים!...

— נעה, געה, דזשוי, נשמהניו, ברייננ זיי צו פיהרען פאַר די צעפּ! — זאָגט די „רויטע נאָז" צו דער געגאָלטער מאָרדע און מע זעהט, אַז די רויטע נאָז האָט יסורים. „זי" עקט זיך... און דאָרט אויף דער סצענע שפּרינגט אַרוים אַ פאַרשלעפּטע קריינק, קוליעט זיך איבער דריי מאָל הין און צוריק און מאַכט אַ סך ערגערע הויות ווי די ערגסטע פּורים־שפּיעליער, און דאָס געפעלט דעם עולם אַזוי שטאַרק, אַז מע פּאַטשט איהם „בראַוואָ" נאָך איידער ער האָט אָבגעמאַכט אַלע זיינע שטיק, און מע רופט איהם אַרוים נאָך אַמאָל אויף בים.

די „רויטע נאָז" איז אין איינע צרות:

— דזשוי! וואו איז דזשוי? נישטאָ דזשוי! נישטאָ דראַגאַ מאַרישקאַ, נישטאָ פּערי־פּיטשי־פּאַוטשי, נישטאָ קיינער, קיינער!...

אַזוי זאָגט די „רויטע נאָז" און לויפט אַרום הין און צוריק ווי אַ פאַרסמ'טע מויז איבער'ן גאַנצען „פּאַרנאַס".

און אויף דער סצענע בעוויזט זיך אַ פאַרשטעלטער יוד, דאָס הייסט אַ גוי, וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט אַ קלאָטשקעוואַטע באָרד מיט ווילדע פּאות אויף איין אַרשין און קרימט זיך נאָך אַ יודען. די דאָזיגע באָרד און פּאות מיט דער שפּיצעדיגער יאַרמעלקע מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע מיט די שיך און זעקליך רופען אַרוים אַזאַ מין התפּעלות אינ'ם גאַנצען עולם, אַז זיי ווערען שיער ניט די כפּרה. איינער פון דרויסען טהוט אַ געשריי „יאַנקעל!" און דער יוד פון דער סצענע טהוט אַ פרעג: „חיים־סראָליק־קוגעל, וואָעס"? און צווישען עולם ווערד אַזאַ געלעכטער, גלייך ווי עס איז דאָ געזאָגט געוואָרען מי יודע וואָס פאַר אַ שאַרפע חכמה, און ווער שמועסט, אַז דער יוד ציהט נאָך אַרוים פון דער אונטערשטער קעשענע אַ פּישקעלי, נעמט אַ שמעק טאַבעק און מהוט אַ ניס, דעמאָלט ווערד איין איינלייגעניש אויף אַ האַלבע שעה און

אַ געשריי, בים! בים! בים!.. דערפון קאָן מען שוין פאַרשטעהן, וואָס סע טהוט זיך אָב, אז ער הויבט אָן זינגען דאָס שענע, קלוגע לידעל, וואָס צענעהט זיך אין אַלע איברים, שאָקעלט בשעת מעשה מיט'ן קאָפּ אויף און אַראָב און טרייסעלט מיט די פּאות, טאַנצט און קנאַקט צו מיט די פינגער:

„העגדיל פּענדיל מענדילסאָן,
פּייטיל טרייטיל מאַנדעלשטאַם,
שניאָר דרייער מאירבער,
שמערקאָ בערקאָ קולישער....

דער עולם ווערט מלא גדולה, ששון ושמחה; איינער שרייט: „בראַוואָ!" דער אַנדערער — „בים!" און איינער, אַ דריטער, חאַפּט זיך גאָר אַרוים מיט אַ שרעקליכען „הורררראַ!", שרייט מיט אַלע כוחות, גלייך ווי מע האָט איהם דערפאַר באַצאָהלט מי יודע וויפיל...

דאָס איז אָבער אַלץ פאַר דער „זויטער נאָז" ווינציג. „זי" געהט אַרום אין איינע צרות, בייזערט זיך. קנייפּט אונטער שטילערהייד די באַדיענטע, טרייבט זיי, זיי זאָלען געהן אַ קוק טהון, צי איז ניט געקומען שוין דראַגאַ מאַרישקאַ? וואו איז דראַגאַ-מאַרישקאַ? וואו איז פּערי-פּיטשי-פּאוטשי? וואו איז דזשוי? ווי אין דער ערד אַריין! שוין זשע זענען זיי דאָרטען אַלע דריי?...

און דער בעל-הבית פון׳ם „פּאַרנאַס" שטעלט אַוועק איינעם פון די באַדיענטע ביי דער טיר און אַליין חאַפּט ער אַ דראָשקע און היישט זיך פיהרען אויף דער „יודישער גאַס"...

ב.

ווער איז די דראַגאַ מאַרישקאַ? וואָס קוקט מע דאָ אויף איהר אַזוי שטאַרק אַרוים?

דראַגאַ מאַרישקאַ איז אַ זינגערין איינע פון די סאַמע בעליעבטעסטע אין „פּאַרנאַס"... אַליין איז זי פון בודאַפּעשט, זינגט אונגאַרישע מעלאָדיען און ציגיינער-לידער מיט אַזאַ שען קול, מיט אַזאַ מין מתיקות. אַז זי נעמט אַרויס ביי איטליכען בעזונדער דאָס חיות. אַלע איהרע לידער, חאָטש מע פערשטעהט ניט די ווערטער, זענען פול מיט טרעהרען, מיט הארץ, האָבען אין זיך אַ לעבעדיגע נשמה און דערגרייכען

ווייט, דערלאנגען טיעף אין די ביינער אריין, דערוועקען מאדנע געפיהלען, רופען ארויס טרויעריגע געדאנקען, א מאל א זיפץ פונ'ם טיעפען־טיעפען הארצען און אפט מאל א טרעהר אויף די אויגען. וואו ליגט דא דער סוד באהאלטען: צי אין דער זיסער ווייכער בוימעלדיגער שטימע? צי אין די געראטענע קלינגענדיגע ווערטער, וואס זי גיט זיי צו א בעזונדער חן בשעת זי רעדט זיי ארויס? צי אין איהרע שענע, שווארצע, טיפע פארטראכטע אויגען וואס שיינען ארויס פון איהר קלאהר־ווייס־ליכטיג פנים, וואס איז באברעמט מיט שענע, קורצע געגרייזעלטע האר? צי אין איהר קאנען האלטען זיך אויף דער סצענע? צי אין די אלע זאכען אינאיינעם גענומען? דאס איז פאר געוויס, אז קוים באווייזט זיך די דראגא־מארישקא אויף דער סצענע, ווערד נישט קיין ליארעם מיט קיין געפילדער; אדרבה, עס ווערד שטיל, אלע באקומען עפיס פאר איהר דורך־ארץ, מע פיהלט, אז עס שטעהט א מ ע נ ש אויף דער סצענע, א מעניש ווי אלע מענשען, א מענש מיט א הארץ, מיט א נשמה! און הויבט אן דראגא מארישקא צו זינגען, אזוי ווערט דער עולם ווי פארשטארבען, און אלע װאלטען װעלען, דאס זינגען זאל זיך ציהען און ציהען, עס זאל זיך גאר נישט אויסלאזען... יודען האבען ליעב געהן הארכען דראגא מארישקען דערפאר, וואס אין איהר זינגען ליעגט א סך „מאראליש”, עס שמעקט מיטען יודישען שטייגער... אין איהר זינגען הערט זיך א קלאגען, א באקלאגען זיך פון א צעבראכען הארץ, פון א באליידיגטע נשמה, און א געפיהל פון רחמנות קלעמט ארום דאס הארץ, און נישט אזוי גרינג פארגעסט איהר נאכדעם דאס דאזיגע ליכטיג פנים, מיט די טיעפע, שווארצע, פארטראכטע אויגען, און די זיסע ווערטער מיט'ן צוקער־זיסען געזאנג לאזען זיך נאך לאנג הערען ביי איך אין די אויהרען.

סע פערשטעהט זיך, אז אויף דראגא־מארישקא'ן זענען פארהאן א סך, א סך בעלנים, וואס ברייננגען אוים א סך, א סך געלד, און די „רויטע נאז” איז דערפון רעכט צופריעדען, און די אלע איבעריגע זינגעריגם און טענצעריגם זענען איהר — געוויינליך, רעכט מקנא, זיי זאלען נאר קאנען — וואלטען זיי זי דערטרייגקען אין א לעפיל וואסער. אך, ווען זיי זאלען וויסען, וואו איז איצטער דראגא מארישקע וואלטען זיי אוועקגעגעבען אלע זייערע פאלשע בריליאנטען, זיי וואלטען איהר שוין צוגעשטעלט א רעכט ביינקעלי וואו מע בעדארף און וואלטען זיך אבגערעכענט מיט איהר ווי עס געהער צו זיין...

וואו זשע איז געוועזן דראגא-מאַרישקא?
אין שוהל צו כל נדרי...

ג.

דאָרט אין אַ קליין שטעדטיל גאַליציען, וואו זי איז געבאָרען — האָט זי געהייסען דבורה-מירל, אַ יודישע טאָכטער, אַ כשר קינד, געוואַכסען ביי פרומע עלטערען פאַנאַטיקער און גאַנץ רייכע לייט, וואָס נאָכדעם האָט זיך ביי זיי דאָס רעדעל אַ דרעה געטהון צוריק, זיי האָבען אָנגעוואָרען דאָס געלד, פערארעמט געוואָרען און אַריבערגעפאָהרען קיין בודאַפעשט, געעפענט פריהער אַ קלייטיל פון ציגאַרען נאָכדעם אַ יודישען רעסטאָראַן אויף דער יודישער אַלטאָפ-גאַס. נאָר דער שלים-מזל האָט זיי נאָכגעיאָגט פוס-טריט. ווי געוויינליך אין אַ ניי אָרט און אַזאַ גרויסער שטאָדט ווי בודאַפעשט, האָבען זיי אָנגעהויבען זיך אַנדערש פיהרען, מאַכען אַ ניי מין לעבען, איבערגעביטען די יודישע נעמען אויפ'ן אונגאַרישען שטייגער, אָנגעהויבען זיך אַנדערש קליידען, די מוטער אַליין האָט מיט דער צייט אַראָב געוואָרפען דעם פאַריק און דער עלטערער זוהן האָט אָנגעהויבען שטודירען מוזיק — דאָס אַלסדינג אינאיינעם האָט דער פאָטער נישט געקענט אַריבערטראָגען און איז געשטאָרבען אין יודישען שפיטאָל און דאָס גאַנצע געזינדעל האָט זיך צעזייעט און צעשפרייט אויף אַלע זיבען ימים: דער עלטערער זוהן איז אַוועק ערגיץ מיט מוזיקאַנטען, דער אַנדערער האָט זיך גלאַט אַוועק געלאָזט אין דער וועלט אַריין, אַ סברה אַז קיין בראַזיליע און איז פאַרפאַלען ווי אין וואַסער אַריין, איינע איין עלטערע טאָכטער האָט חתונה געהאַט פאַר אַ משורר אין כאָהרשול, די אַנדערע האָט זיך געשטעלט אין אַ זאָקען פאַבריק און דראַגאַ מאַרישקאַ איז געבליבען אַליין מיט דער מוטער, איהר מיט-געהאָלפען אין רעסטאָראַן בעדינען די אורחים, געגרייט און דערלאַנגט צום טיש דאָס עסען.

שען פון דער נאַטור זענען זיי געוועזן אַלע, נאָר שענער פון אַלע איז געוועזן דראַגאַ מאַרישקאַ און די אורחים, וואָס האָבען ביי זיי געגעסען קעסט האָבען ליעב געהאַט אַז נאָר די שענע, בריהענדע דראַגאַ זאָל דערלאַנגען צום טיש נישט קיינער. אַ סך געסט האָבען איהר געמאַכט קאָמפּלימענטען, איינינע האָבען זיך ניט בעגנוגענט מיט קאָמפּלימענטען

אַלײן, זיך בעגאַנגען אַביסעל גראָבליך, װי געװײנליך מאַנסבילען, אַז זײ דערזעהען אַ שענע צײטיגע פּרי װאַכסט און האָבען רחמנות, זי קאָן נאָך, חלילה, איבערװאַכסען...

צװישען די שטענדיגע אורחים, װאָס פלעגען אָפט קומען עסען אינ'ם יודישען רעסטאָראַן אויף דער אַלטאָפּע־גאַס, איז געװען אײנער אַ גאַנץ רײַכער גאַסט פון װין, מיט'ן נאָמען פײערשפּײער, אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס אײדיל פּנים מיט אַ לאַנגען דינעם האַלז און מיט אַביסעל אַ הײזעריגליכע שטימע, נאָר מיט זעהר גוטע, אַביסעל קורצזיכטיגע, אויגען. אַלע צװײ דרײַ חדשים פלעגט ער קומען פון װין קײן בודאַ־פּעשט מיט סחורה פון זײַן פאָטערס אײגענע פאַבריק, װאו ער האָט זיך גערעכענט אַלס קאָמי־װאָיאַזשאָר, און פלעגט פערברײַנגען עטליכע טעג און קומען אַלע טאָג עסען אין יודישען רעסטאָראַן, װאָס אויף דער אַלטאָפּע־גאַס און די שענע דראַגאַ איז איהם אַזוי געפעלען, אַז ער האָט איהר אײנמאָל, נאָכ'ן צעצאָהלען זיך פאַר'ן עסען אָהן אַ שום הכנות — בשעת מעשה איז איהם נאָר דער דינער לאַנגער האַלז אַביסעל רויט געװאָרען — אויפגעשטאַנען און געבעטען בײַ איהר די האַנד, דאָס הײסט, ער האָט איהר פאָרגעלײגט, אַז אויב זי װיל האָט ער פאַר איהר חתונה.

דראַגאַ מאַרישקאַ, װאָס האָט זיך בשום אופן ניט גערעכט אויף אַזאַ זאַך, האָט איהם גאַנץ פּשוט געענטפערט, אַז זי מוז פריהער איבעררעדען מיט דער מוטער, און די מוטער, דערהערט אַזאַ גליק, האָט זי געטריבען די טאָכטער, זי זאָל געהן װאָס גיכער איהם זאָגען יאָ, און אויף דעם גאַנצען געזינדעל איז געװאָרען אַ שמחה, אַ פרײד: די עלטערע שװעסטער איז געקומען צו לויפען ניט טוידט ניט לעבעדיג מיט'ן מאַנן דעם משורר װאָס אין כאָהרשול, געפאַלען דער שװעסטער אויפ'ן האַלז, געזאָגט, אַז איצט װעט קומען אַ סוף צו זײערע אַלע צרות, איהר מאַנן װעט פאַרשפּאָרען זינגען אין כאָהר פאַר 15 קראָנען אַ װאָך, די קלענערע שװעסטער װעט פאַרשפּאָרען אַרבײטען זיבעצעהן שעה אין טאָג בײַ די זאָקען, און די אָרעמע מאַמע װעט נישט דאַרפען שוין שטעהן גאַנצע טעג בײַם אויבען, נישקשה פײערשפּײער איז גענוג רײַך און איז זעהר אַ גוטער מענש, ער װעט זײ אַלעמען קומען צו הילף און זײ װעלען אַלע װידער אַ מאָל אויפלעבען, װי זײ האָבען געלעבט אַ מאָל פאַר זײער גוטען פאָטער, ער זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן עדן. בײדע שװעסטער האָבען זיך אַרומגענומען, געקושט און צעװײנט זיך פאַר פרײד.

ד.

ס'זאל אלסדינג זיין אזוי ווי מיר שטעלען זיך פאר — וואלט דאך קיין מאל אין ערגיץ קיין צרות ניט געוועזען אויף דער וועלט. אז דער אלטער פייערשפייער, א משוגענער דייטש און א רעכטער עקשן איז געוואָהר געוואָרען פונ'ם שדוך, וואס דער זוהן האט געטהון אין בודאפעשט, האט ער איהם אריינגערופען צו זיך אין קאבינעט אריין, געהייסען זיך איבערגעבען די קאסע, איהם אדויסגעגעבען זיין געהאלט, וואס איהם קומט ביז'ן סוף יאָהר און געזאגט, אז ער איז פריי, ער קאָן שוין געהן דינען ערגעץ אנדערש און האט איהם צום לעצטען מאל פארגעלעגט אזא מין תנאי, אדער אויס שדוך אדער אויס זוהן. דער יונגער פייערשפייער איז אבער אויך געוועזען א דייטש און נישט קיין קלענער עקשן, האט ער איהם דערויף געענטפערט, אז מע וועט גיכער פועל'ן ביי איהם דאס אנדערע איידער דאס ערשטע און ער וועט בכלל בעסער שטארבען איידער נעמען צוריק דאס וואָרט, ובפרט, אז ער האט ליעב דאס מיידיל מיט סכנת נפשות און ער רעכענט זיך פאר איינעם א גליקליכען ... און אזוי ווייטער. דער אלטער פייערשפייער האט איהם גאנץ פיין אויסגעהערט; נאכדעם האט ער איהם אנגעוויזען מיט דער האנד אויף דער טיר און א זאג געטהון:

— אלזא איז דאס אבגעמאכט? אדיע!

— אדיע! האט איהם דער זוהן געענטפערט און א בייג געטהון זיך, און אזוי איז מען זיך צוגאנגען דער זוהן מיט'ן פאטער אויף תמיד.

סע פערשטעהט זיך, אז ס'איז באלד אוועק־געגאנגען א ווארעמער בריעף קיין בודאפעשט צו דראגא מארישקאן, באשריבען די גאנצע סצענע מיט'ן פאטער, און ער בעט זי, אז זי זאל זיין גאנץ רוהיג, ער איז שוין ניט קיין יונגעלע, ער איז, ברוך השם, נישט קיין פארפאלענער, ער וועט זיך אבזוכען מיט גאטס הילף א שטעלע אין גיכען, און אז ער וועט זיך נאר צו עפיס צושלאגען — שטעלט ער מיט איהר חופה אין א גוטער שעה א מזל'דיגער און אזוי ווייטער. און ס'איז טאקי אזוי געוועזען. ער האט גיך באטראכטען א גאנץ פיינע שטעלע, זיך איינגעאָרדנעט ווי עס געהער צו זיין און געקומען צו פאהרען קיין בודאפעשט און געשטעלט די חופה.

די חתונה איז געוועזען אפילו נישט אזא פרייליכע חתונה; ס'איז

געווען, ווי מע רופט דאס אן: „א שטילע חופה־וועטשערע“; די מחותנים האבען זיך שטארק געבלאזען, ס'איז געווען, פארשטעהט איהר מיך, ניט אזוי ווי זיי האבען געמיינט. זיי האבען געמיינט א געהויבענע חתונה מיט רייכע מתנות... דער עלטערער שוועסטערס מאן האט שוין געחלומט פון איין נייער שטעלע ביים רייכען שוואגער: די קלענערע שוועסטער האט זיך שוין כמעט ווי אבגעזעגענט מיט איהרע חבר'טעס אויף דער זאקען־פאבריק; און אויך די אלטע מוטער האט שוין גערעכענט צומאכען דעם יודישען רעסטאראן: גענוג שוין בראטען זיך ביים אויווען, גענוג שוין בעדינען די אורחים, אונטערטראגען איטליכען עסען. די אלטע מוטער האט אנגעהויבען אפטער ווי פריהער דערמאהנען איהרע צוויי זיהן, וואס זענען אוועק אויף דער וועלט; זי האט געהאפט, פערשטעהט איהר, אז זיי וועלען מסתמא דערהערען פונ'ם גליק, וואס זייער יונגערער שוועסטער האט געטראפען און וועלען געוויס קומען צו פאהרען א היים... מיט איינעם ווארט, איטליכער האט זיך ארומגעטראגען מיט זיין חלום, און אזוי ווי דאס רוב חלומות לאזען זיך אויס מיט גאר ניט, אזוי האט זיך פון די דאזיגע חלומות אויסגעלאזט א טייך: דער עלטערער שוואגער איז געבליבען אויף זיין אלטער שטעלע; די יונגערע שוועסטער איז געזעסען ביים אלטען ווארשטאט פון די זאקען, די אלטע מאמע ביים אויווען; די צוויי זיהן האבען זיך ארומגעבלאנקעט אויף דער וועלט ווי פריהער, אלע האבען זיך אפגענארט, געהאט א טעות אין חשבון און געבלאזען זיך אויף דער נארישער דראגא מיט איהר נארישען מאן דעם דייטש, וואס ער וויל זיך ניט איבערבעטען מיט'ן פאטער: א מענש האט אזא רייכען פאטער און געהט דינען צו א פרעמדען פאר אזעלכע הונדערט פופציג קראנען געהאלט! נאך דער חתונה האט זיך די עלטערע שוועסטער נישט געקאנט איינהאלטען און האט זיך צעקריגט מיט דראגא'ן, אויפגעהערט רעדען מיט איהר און נישט געגאנגען איבער איהר מעהר צו דער מוטער אין שטוב אריין, און פון דעמאלט אן איז אבגענומען געווארען דער שלום־בית אין יענעם הויז און מע האט זיך געגעסען איינס דאס אנדערע לעבעדיגערהייד.

נאר איין דראגא האט זיך געפיהלט גליקליך מיט איהר געליבטען בערנארד (אזוי האט געהייסען דער יונגער פייערשפייער), וואס האבען זיך ליעב געהאט ביידע דאס חיות, און מיט איהרע צוויי קליינע מלאכים'ליך וואס זענען געבארען גיך איינס נאך דאס אנדערע, און וואס זי האט זיי ליעב געהאט און אבגעהיט ווי דאס שווארצאפעל פונ'ם אויג. איין חסרון

נאָר, וואָס בערנאַרד איז כמעט קיין מאָל ניט אין דערהיים, פאָהרט אַרום טאָג ווי נאַכט, קומט צו פאָהרען איין מאָל אונטער אַ יום-טוב אויף איין טאָג, קושט זיך אָן מיט די קינדער און פאָהרט ווידער אַוועק. נאָך אַ חסרון, וואָס בערנאַרד איז נישט אין בעסטען געזונד, ער איז פון תמיד אָן זעהר אַיין איידעלער, ס'איז גאָר אַ סברה, אַז ער טאָר גאָר אַזוי פיעל ניט האָרעווען ווי ער האָרעוועט, ער טאָר גאָר אַזוי פיעל ניט אַרומפאָהרען ווי ער פאָהרט אַרום. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז זומער בעדאַרף ער האָבען רוה, זיצען ערגיץ „אינם גרינע", אויף אַ דאַטשע הייסט עס, טרינקען מילך וכדומה. נאָר בערנאַרד וויל ניט הערען ניט זעהן. בערנאַרד טראַכט גאָר ניט וועגען זיך אַפילו איין מינוט; דאָס גאַנצע לעבען זיינס איז דראַגאַ און איהרע צוויי מלאכים'ליך, און קומט ער צו פאָהרען אַ מאָל אַהיים און קאָן זיי עפּיס ברייגנען צו פיהרען פון וועג אַ מתנה און זיצען מיט זיי אַ טאָג, קומט איהם דעמאָלט צו געזונד אויף אַ גאַנץ יאָהר!

אַ מענש איז אָבער ניט קיין מאַשין, נישט פון אַייזען. בערנאַרד האָט אַזוי לאַנג געהאָרעוועט, ביז ער האָט זיך גענוזט איין מאָל אַנידערלייגען רוהען; און האָט ער זיך אַנידערגעלייגט, איז ער שוין מעהר נישט אויפגעשטאַנען. דאָקטוירים האָבען אָנגעהויבען דאָרט צו זיין גאַנץ אָפטע געסט, אין דער אַפטייק האָט מען געקאָכט פון זיינעטוועגען רפואות. דער פראָפעסאָר האָט געהייסען מע זאָל איהם אָפּפיהרען ערגיץ אין אַ קור-אָרט און ס'איז ניט געווען מיט וואָס, איז געקומען די עלטערע שוועסטער מיט איין עצה, אַז דראַגאַ זאָל אַוועקשרייבען צו זיין פאָטער, צום אַלטען פייערשפּייער, אַ בריוועל, איהם פרעגען: „היתכן? ביז וואַנען איז דער שעור צו זיין ברוגז אויף אַ זוהן?" האָט דאָס דערהערט בערנאַרד און איז געוואָרען אָנגעצונדען, ער האָט זיך אַזש פאַרהוסט פאַר כעס, געבעטען זיך, געזאָגט דער טוידט זאָל זיין — צום פאָטער זאָל מען ניט שרייבען! האָט איהם דערויף די שוועגערין געענטפערט, ווי אַ געטרייע שוועסטער, אַז „ס'איז כלעבען ניט כדאי, אַז איבער זיין עקשנות זאָל איהר שוועסטער, חלילה, בלייבען אַיין אלמנה"... מען קאָן זיך גרינג פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ בורע ס'איז געוואָרען אין שטוב פון די דאָזיגע ווערטער, וואָס פאַר אַ שנאה ס'איז אַרוים צווישען די צוויי שוועסטער און וואָס פאַר אַ גיהנם ס'איז געוואָרען אין שטוב ביי דער אַלטער אלמנה, וואָס האָט בעדאַרפט שטעהן ביים אויווען און

האָרעווען און מיט איהר הַאַרעוואַניע ראַטעווען דעם קראַנקען בערנאַרדען, וואָס האָט געצאַנקט ווי אַ ליכט...

נאָר דאָס איז אַלץ פון די זאַכען. וואָס מע קאָן זיי נאָך איבער־טראָגען. ביטערער פון אַלץ איז, אַז עס קומט דער אומדערבאַרעמיגער טוידט פאַר דער צייט און רייסט אַרויס מיט גוואַלד, אָהן אַ שום רחמנות, דעם יונגען בוים, וואָס אויף איהם האָבען אַרויסגעקוקט און וואָס פון איהם האָבען געלעבט עטליכע נפשות און ליעב געהאַט איהם און געווען צו איהם צוגעבונדען מיט לייב און לעבען.

גשטאָרבען בערנאַרד.

ה.

בערנאַרד איז געשטאָרבען און דראַגאַ איז געבליבען מיט צוויי קליינע קינדערליך ווי אויפ'ן וואַסער. די גאַנצע צייט, וואָס בערנאַרד האָט געקרענקט, האָט זיך דער יודישער רעסטאָראַן אויף אַלטאָפענגאַס שטאַרק אָבגעשלאָגען פון אורחים; די אַלטע האָט זיך, נעבעך, אויס־געבראַכט וואו זי האָט געהאַט אַ פרוטה; דראַגאַ האָט פאַרקויפט וואו זי האָט געהאַט ערגיץ אַ שטיקעל ציערונג אָדער אַ מלבוש; מע איז אַריינ־געפאַלען נאָך אין אַ גרעסערע אָרעמקייט ווי פריהער. מע האָט זיך צעקריעגט, פיינט געקריגען און געגעסען איינס דאָס אַנדערע נאָך ערגער ווי ביז אַהער! און געקריעגט, פיינט געהאַט און געגעסען זיך האָט מען דערפאַר, וואָס אַלע האָבען געפאָדערט פון דער יונגער אַלמנה זי זאָל אַוועקשרייבען צום אַלטען, משוגענעם פייערשפייער קיין וויען ער זאָל אַרויסשיקען חאָטש עפּיס געלד אויף די אָרעמע יתומים נעבעך; זיי זענען דאָך זיינע קינדער, זיין בלוט און פלייש... נאָר דראַגאַ האָט ניט געוואָלט פאָלגען; זי איז געבליבען געטריי איהר געטריען בערנאַרדען נאָכ'ן טוידט ווי פאַר'ן לעבען; בערנאַרד האָט געזאָגט מע זאָל דעם פאָטער ניט שרייבען, איז דאָס הייליג! האָט מען זי אויסגעמיידט און זיי האָבען אַליין אַוועקגעשריבען צום אַלטען פייערשפייער זעהר אַ מיאוסען בריעף (געשריבען האָט איהם דער משורר פון דער בודאַפעשטער כאָהרשול) און רעכט אָנגעזידעלט איהם פאַר זיין „שטיינערען האַרץ" און פאַר זיין „הילצערנע נשמה"; האָט זיך דער אַלטער פייערשפייער דוקא אָנגערופען מיט אַ בריעף, אַז ער נעמט ביידע יתומים צו זיך קיין וויען מיט אַ תנאי,

די מוטער זאל איהם ארויסגעבען א פאפיר, אז זי זאגט זיך אב פון זיי אויף אייביג און זי טאר קיין מאל צו איהם נישט קומען אויף דער שוועל...

דער דאזיגער בריעף האט שוין אויפגעבראכט אלעמען, און דראגא איז געווען אויסער זיך פאר וואס מע האט צו איהם געשריבען אהן איהר וויסען. געוויינט, געשריגען, געארבייט, זיך געריסען די האר און צעקריעגט זיך מיט דער גאנצער שטוב און געשווארען, אז זי וועט אוועק פון זיי אויף אייביג!

נאר וואוהין קאן געהן אזא ארעמע, יונגע אלמנה ווי דראגא מיט צוויי פיצליך קינדער? זי האט אזוי לאנג געוויינט ביז זי האט זיך איבערגעוויינט און א דאנק דעם שוואגער דעם משורר, וואס האט געהאט קענטשאפט מיט זינגערס, האט זי זיך געשטעלט פאר א זינגערין פריהער אין א געמיינעם כאהר, נאכדעם אין א פיינערען כאהר. א שטימע האט זי געהאט פון תמיד א זיסע און שען איז זי געווען ווי די וועלט, האט זי אנגעהויבען ביסלעכווייז אויסנעמען ביים עולם, ארויסטרעטען מיט איהרע שענע „ציגיינער-ליעדער", פריהער אין די קליינע בודאפעשטער שיינקליך אדער ווירצהייזער, און נאכדעם אין די גרעסערע גערטנער און קאפעשאנטאנען, און אנגעהויבען פערדיענען גאנץ שען געלד, זיך איבערגעבעטען מיט איהרע אייגענע, און עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז זיי האבען איהר געשדכנט א נייעם שדוך, א יודישען קאלבאסניק. איין אלמן מיט עטליכע קינדער, נאר מיט א שענע קאלבאסנע קלייט, די ערשטע יודישע קאלבאסנע אין בודאפעשט.

דער דאזיגער קאלבאסניק, א געזונדער יונג מיט א שווארצע געגאלטע מארדע, מיט א גראבען בויך און מיט גראבע בעוואכסענע הענט, האט אנגעהויבען אפטליך אריינקומען, שדכענען זיך צו דער יונגער אלמנה, געגעבען אנצוהערעניש איהר אז ניט אזעלכע ווי זי בעדארף זינגען אין די שיינקליך, אז זי קאן זיך אבזוכען איהר גליק ערגיץ אנדערש — בקצור, ער האט איהר פארגעלייגט זיין האנד מיט זיין קאלבאסנע קלייט און זי האט איהם אבגעזאגט.

דער קאלבאסניק האט זיך געפונען שטארק באליידיגט פאר אזא מעשה און איז אוועק א ברוגזער, פאר כעס זיך פארגעסען געזעגענען מיט דער אלטער, און צווישען דער משפחה איז געווארען א נייע מחלוקת, א נייע שנאה, נייע קריגענישען, נייע אינטריגעס, ביז עס האט זיך

געטראָפען אַ מעשה, וואָס ווערד באַשריבען אין׳ם קאַפּיטעל, וואָס קומט ווייטער.

ו.

אינאיינעם מיט׳ן ליכטיגקייט, וויסענשאַפט, געזונדהייט און אַלע איבעריגע נוצליכע זאַכען, וואָס די ציוויליזאַציע האָט פאַרשפּרייט צווישען די מענשען, האָט זי אויך אַרייַנגעבראַכט דעם חשק צו לעבען אַ גוטען טאָג און די תאוה צו אַלערליי פערגניגען, אין אַזוי ווי די איינציגע גליקליכע, וואָס זענען תמיד זאַט און וויסען ניט פון קיין צרות, ווילען געניסען וואָס מעהר פערגניגען, און געניסען פערגעניגען האָט דאָך קיין שעור און קיין גרונד ניט אַזוי ווי דעם ים. האָבען זיך געפונען מענשען, וואָס מאַכען זיך דערפון אַ פרנסה, נעמען זיך אונטער פאַר געלד צושטעלען פאַר די זאַטע און גליקליכע כל המינים פערגניגען, וואָס דעם מענשענס פאַנטאַזיע קאָן צוטראַכטען.

איינע פון די ערטער אויף צו שעפען פערגניגען אין דער גרויסער, שעַנער שטאָדט, איז דער אויבענדערמאָהנטער גאָרטען „פאַרנאַס”, ניט די אָרעמע פערטשאַכנעטע בוימלעך מיט דער שלעפעריגער מוזיק, מיט׳ן ערגסטען בופעט, וואָס מאכלים זענען דאָרט אַ סם־המות צום מאָגען, מיט די ערגסטע ווייַנען. וואָס זענען זויער ווי עסיג און זענען מיט גאָלד גלייַך — און פון דעסטוועגען לויפען אַהינצו די זאַטע, גליקליכע מענשען, שעפען פערגניגען אַלע נאַכט, און נאָר ביי נאַכט, וואָרום דאָס רעכטע לעבען הויבט זיך ערשט אָן דאָרטען שפעט נאָך האַלבע נאַכט...

אַהער אין דעם דאָזיגען „פאַרנאַס” איז אַרייַנגעפאַלען אונזער דראַגאַ מאַרישקאַ, ווי דאָס שפּיעלפויגעלי, וואָס פאַלט אַרייַן אין שטייַגעלי אַרייַן; דאָס פויגעלי טאַנצט, שפּרינגט, שטעלט זיך אַוועק און הויבט אָן זינגען, זינגט — זינגט אָהן אַיין אויפהער און מענשען קוקען און האָרכען ווי שען דאָס פויגעלי זינגט און קוועלען אָן פון דעם און קלויבען פערגניגען. קיינעם פאַלט גאָר ניט איין בשעת מעשה, אַז דאָס פויגעלי ניט סע טאַנצט נאָר סע רייסט זיך פון געפּיינקעניש, ני סע זינגט, נאָר סע וויינט, וויינט און קלאָגט נאָך דער פרייהייט, וואָס סע האָט פאַרלאָרען, וויינט און קלאָגט אויף דער איינגער וועלט, אויף די שלעכטע מענשען, וואָס האָבען

דאס געפאנגען און פערשלאסען אין דער ענגער טורמע, צוגענומען ביי דעם דאס גליק אויף אייביג!

צווישען די אלע אנדערע מיטלען, וואס מענשען האבען צוגעטראכט אויף חאפען שפיעלפויגעליך, איז פארהאן אויך א פראסט נאר זעהר א גוט מיטעל: מע שיט אוים אויף דער פארשפרייטער נעטץ א סך קערענדליך, קומט דאס הונגעריגע פויגעלי צו שפרינגען, פיקט-פיקט די קערענדליך אזוי לאנג, ביז סע פלאנטעט זיך, נעבעך, אין דער נעטץ — און פארטיג!

אויף צו חאפען יונגע אומשולדיגע נשמות האבען מענשען צוגעטראכט דאס בעסטע מיטעל: גאלד און ברילליאנטען — די צוויי זאכען, וואס ס'איז שווער אקעגען זיי בייצושטעהן! די ארעמע דראגא מארישקא האט בעדארפט זיין שטארקער פון אייזען זי זאל אויסשטעהן אזא שווערען נסיון ווי א קאנטראקט אויף דריי הונדערט רובעל א חודש מיט מתנות (ברילליאנטען) נאר פאר א פאר מאל ארויסגעהן אויף דער סצענע, אבזינגען א צוויי דריי ציגיינער-ליעדער וואס זי זינגט זיי אזוי זים, אזוי געשמאק, אז עס צעגעהט זיך אין יעדען אבר... דער פארשוין, וואס האט איהר פארגעלייגט אזא מין קאנטראקט, דער בעל-הבית פונ'ם „פארנאס", אט א יענער וואס מיט'ן גלאנצענדיגען צילינדער און מיט דער רויטער נאז, נאר מיט א סך ברילליאנטענע רינגען אויף די גראבע פינגער איז ניט אבגעטראטען פון איהר אויף קיין טריט. פון דער ערשטער מינוט אן, וואס ער האט זי דערזעהן און דערהערט זינגען אין גארטען אין בודאפעשט, איז ער צו איהר צוגעזאטען געווארען און האט איהר ארויס-געזאגט גאנץ עפענטליך אז איהר ארט איז ניט דא אין דעם ארעמען שיינקיל, נאר ביי איהם אין דעם שענעם „פארנאס"; דארטען וועט מען זי, זאגט ער, פאר איהרע ציגיינער-ליעדער אבגילטען, אבשיטען מיט ברילליאנטען, א סימן — אט צעהלט ער איהר אב באלד דריי הונדערטער רוסישע באנקנאטען במזומנים פאר'ן ערשטען חודש, שרייבט איהר אונטער א קאנטראקט אויף א גאנצען סעזאן און נעמט זי אויף זיינע אייגענע הוצאות ביז אהין אויפ'ן ארט.

און נישט לאנג געטראכט נעמט ער ארוים א גאנץ גרויסען טייסטער באציערט מיט א מאנאגראם פון ברילליאנטען פול אנגעשטויסען מיט קנאקענדיגע באנקנאטען און די ברילליאנטענע פינגערליך ביי איהם בלישטשען און פינקלען זיך אב אין אלערליי פייערליך, און די ארעמע דראגא מארישקא קוקט אויף די פעקליך קנאקענדיגע באנקנאטען און אויף די פינקעלדיגע ברילליאנטען און די ערשטע מחשבה וואס פליהט איהר

דורך אין קאָפּ — איז איהרע צוויי טהײַערע, ליעבע טײַבעליך: „וויפיל גלעזער מילך קאָנען זיי דערפאַר האָבען! וויפיל העמדעליך! וויפיל פּאָר שיכעליך!"... און אויך די אַלטע מוטער קוקט אויף די קנאַקענדיגע באַנקנאָטען ווי אַ הונגעריגע קאַץ אויף געבראָטענעם לעבער, באַלעקט זיך אַזש און קוקט אויף דער טאָכטער, ווי איינער רעדט: „שטיא! דו קווײַנקעלסט זיך נאָך?..." און די עלטערע שוועסטער דערשמעקט געלד, קומט זי צעלויפען נישט טוידט לעבעדיג, חאַפּט זי אַרום קושען און רוימט איהר אַיין אַ סוד אויפ'ן אויער:

— נעם, נאַרעלי, און פאָהר! דאָרט איז אַ לאַנד פון נאַראָנים, פון גאָלד און פון בריליאַנטען! געלד איז דאָרט ווי מיסט און בריליאַנטען וואַלגערן זיך אין די גאַסען!

דראַגאַ ענטפערט איהר דערויף גאָר נישט; נאָר איהרע שענע, שוואַרצע, טיפע אויגען קוקען אַהין וואו איהרע צוויי טהײַערע ליעבע טײַבעלעך ליגען און שלאָפען ביידע אין איין בעטעלע, די קעפּלעך צעקאָשמעט, די הענטלעך צעוואָרפען און די בעקלעך ביי זיי בליהען ווי פרישע, שמעקענדיגע רויזען, און די אויגען ווערען איהר נאַסליך פון טרעהרען.

אַלע פאַרשטעהען דעם דאָזיגען לאַנגען כרויעריגען קוק, אַלע ווייסען וואָס בעדײַטען די דאָזיגע שטילע טרעהרען, און די אַלטע אָרעמע מוטער טרייסט זי, זאָגט איהר צו, שווערט איהר ביי איהר עלטער, אַז זי וועט אָבהיטען די קינדערליך ווי דאָס שוואַרץ־אַפּעל פונ'ם אויג! זי ווייסט, נישקשה, ווי אַזוי אָבהיטען אַ קינד, זי האָט שוין אויף איהר לעבען עפּים אויפגעצויגען קינדער!...

און צוויי כחות האַלטען מלחמה, אַ שווערע שטאַרקע מלחמה: דער כח פונ'ם ליעבשאַפט און געטרײַשאַפט צו די קלײנע טהײַערע קינדערלעך און דער כח פון גאָלד, פון באַנקנאָטען און בריליאַנטען.

דער כח פון גאָלד האָט אײַנגענומען...

ז.

דער גיהנם, וועדליג די אַלטע ספרים פון אַלע פעלקער שטעלען פאָר, איז אַ מין קאַלכ־אויווען אַ גרויסער, וואָס הייצט זיך פון אייביג ביז אייביג, ברענט מיט אַ העליש פײַער. די רשעים דאָרטען בראָטען זיך

און פרעגלען זיך ווי קאטשקעס, מלאכי־חבלה מיט אייזערנע ריטער שמייסען זיי פון אונטען, גנאטעווען, שטעכען מיט אנגעגליהטע אייזענס, טרייבען אויף רעטשקע, שטעלען אויף צוויעקעס, הענגען אויף פאר די צינגער און ווארפען כף־הקלע פון איין עק וועלט ביז'ן אנדערען עק...

יענע מחברים, וואס האבען אזוי בעשריבען דעם גיהנם, האבען א פנים נישט געוואוסט נאך, אז עס קאן געמאלט זיין א גיהנם באלייכט מיט עלעקטרישע לאמפען, מיט שענע צוגעקלויבענע קאבינעטען, די מוזיק זאל שפיעלען, און די רשעים אויסגעסטראצעלט אין זייד און אין סאמעט, בעהאנגען מיט גאלד און בריליאנטען, זאלען נישט פרעגלען זיך אויף הייסע סקאווערדעס, נאר זיי זאלען עסען און טרינקען, שפיעלען און זינגען, טאנצען און שפרינגען.

אין אזא מין גיהנם האט זיך געפונען אונזער ארעמע דראגא.

די קנאקענדיגע באנקנאטען מיט די פינקעלדיגע בריליאנטען פון יענעם פארשוין, וואס איז געקומען זי נעמען אויף גאסט־ראלען, דער מוטערס רעד, דער שוועסטערס קושען זיך, דאס שווערע, טרויעריגע געזעגנען זיך מיט די צוויי טייבעליך און די נסיעה אין א ווייט פרעמד לאנד, האבען איהר אזוי פערדרעהט דעם קאפ, אז זי האט זיך גאר ניט צוגעקוקט צום קאנטראקט, וואס זי האט אונטערגעשריבען, ניט באמערקט דעם פונקט נו' 13.

וואס איז געשטאנען אינ'ם פונקט נו' 13? דארט איז געשטאנען: „איך, די זינגערין דראגא מארישקא, פערבינד מיך בלייבען אין „פארנאס" אלע נאכט ביז דאס פייער ווערד געלאשען, מיט די געסט בעדארף איך זיין פריינדליך, צו אלעמען צוגעלאזט און אזוי ווייטער"... די ווערטער „פריינדליך" און „צוגעלאזט" האט דראגא תחלת ניט פערשטאנען, און אז זי האט דאס פערשטאנען, איז שוין געווען צו שפעט און האט שוין דערצו גאר נישט געקאנט העלפען... ווי גרויס איהר נויט איז ניט געווען צו געלד, ווי שען און רעש'ענדיג ס'איז ניט געווען דאס אויפנעמען, וואס מע האט זי אויפגענומען אלע נאכט ביי איהר ארויסטריטען אין „פארנאס", ווי רייך עס זענען ניט געווען די מתנות, וואס מע האט איהר אונטערגעטראגען פאר איהר שען זינגען און נאך מעהר פאר איהר שען פנים, ווי גוט דאס אלדינג איז ניט געווען קאן איך אייך פערזיכערן, אז זי וואלט דאס אלדינג אוועקגעשענקט, א שמיץ געטהון אין פנים אריין און אנטלאפען צוריק א היים, ווען זי וואלט ניט זיין געבונדען מיט הענד און פיס, ווי א פליג אין שפינוועבס, ווען זי וואלט ניט זיין אזוי

עֶרעֶנד אין אַ פרעֶמד לאַנד, צווישעֶן מעֶנשעֶן וואָס זי פעֶרשטעֶהט ניט זייעֶר שפּראַך און וואָס ווילעֶן ניט וויסעֶן פון איהר אייגעֶן וועֶלטיל אַ חוץ איהר זינגעֶן און אַ חוץ איהר שעֶן פנים... און אַז איהר וועט צולעֶגעֶן דערצו די אַלעֶ נפשות, וואָס דרעֶהעֶן זיך אַרום איהר, די אַלעֶ זינגעֶרינס מיט די טעֶנצעֶרינס, וואָס פעֶרקויפעֶן זיך פאַר געֶלד, בפרהסיא, מיט איין אונגעֶהייעֶרעֶר חוצפה, מיט אַזאַ־נ־עזות און מיט אַזאַ ציניזם, וואָס זי האָט דאָס קיין מאָל נישט געֶזעֶהן און נישט געֶהעֶרט און אפילו זיך נישט פאָרגעֶשטעֶלט — דאָס אַלסדינג, אַז איהר וועט צעֶנויפנעֶמעֶן אינ־איינעֶם — וועֶט איהר גרינג פעֶרשטעֶהן, פאַר וואָס איך רוף אָן איהר לעֶבעֶן אין „פּאַרנאַס" מיט'ן נאָמעֶן גיהנם.

פאַר וועֶמעֶן ס'איז אַ גן־עדן, פאַר איהר איז דאָס געֶוועֶן אַ גיהנם.

די שלעֶפּעֶריגעֶ מוזיקאַנטעֶן שפּיעֶלעֶן אַ שלעֶפּעֶריגעֶן וואַלס; די שלעֶפּעֶריגעֶ באַדיענטעֶ מיט די שוואַרצעֶ פּרעֶק און מיט די ווייסעֶ שניפּסעֶן שטעֶהעֶן ווי די טאָקעֶן און וואַרטעֶן, ביז מעֶ וועט זיי הייסעֶן עֶפּיס דערלאַנגעֶן; די לאַזשעֶס אַרום און אַרום זעֶנעֶן באַזעֶצט מיט שלעֶפּעֶריגעֶ געֶסט, וואָס זעֶנעֶן כלומרשט פריילעֶך, און אַ גאַנצעֶ חאַליאַסטרעֶ פון האַלב נאַקעֶטעֶ, אָנגעֶפאַרבטעֶ און אָנגעֶקראַכמאַלעֶטעֶ זינגעֶרינס און טעֶנצעֶרינס דרעֶהעֶן זיך אַרום אין זאַל אָדעֶר זיי שטעֶהעֶן אויף אוים־צוקלויבעֶן, ווי די בהמות אויפ'ן יריד, קוקעֶן מיט די אונטעֶרגעֶשמירטעֶ אויגעֶן אַרויף אין די לאַזשעֶס אַריין צו די געֶסט, וואַרטעֶן, טאָמעֶר וועֶט זיי עֶמיצעֶר איינלאַדעֶן אויף אַ גלעֶזיל שאַמפּאַניעֶר־וויין, אָדעֶר אַ פּשוט'עֶ גלאָז ביעֶר, אָדעֶר גאָר אַ שטיקל הערינג מיט ברויט... נאָר קיינעֶר רופט זיי ניט, קיינעֶר וויל זיי ניט, קיינעֶר קוקט נישט אויף זיי, און דער, וואָס קוקט, קוקט עֶר פון אויבעֶן אַראָב, ווי אויף צעֶנויפ־געֶטריבעֶנעֶ, נאַרישעֶ שאָף.

— קיי און שפּיי!... דער רוח ווייסט וואָס... נישט איינעֶ אַ רעֶכטעֶ!...

אַזוי זאָגט איינעֶר פון די געֶסט מיט אַ לאַנגעֶן געֶנעֶץ, קוקט אַראָב אויף די אָנגעֶפאַרבטעֶ, אָנגעֶקראַכמאַלעֶטעֶ נאַקעֶטעֶ לייבעֶר פון די צעֶנויפ־געֶטריבעֶנעֶ, נאַרישעֶ שאָף, און די צעֶנויפגעֶטריבעֶנעֶ, נאַרישעֶ שאָף קוקעֶן אַרויף מיט גרויס קנאה אַהין אין יעֶנעֶר לאַזשעֶ, וואו סעֶ זיצט די דראַגאַ מאַרישקאַ און נאָך איינעֶ אַ בעֶריהמטעֶ טעֶנצעֶרין, אַ געֶניטעֶ שאַנסאָנעֶטין, מיט אַ מאָדנעֶם דרייגאַרעֶנדיגעֶן נאָמעֶן „רעֶטשי־פּיטשי־פּוטשי", און אַ פריילעֶכעֶ קאָמפּאַניעֶ זיצעֶן מיט זיי און הייסעֶן זיך דערלאַנגעֶן

אַלע מאָל, שאַמפּאַניער־ווײַן. די פרײליכע קאָמפּאַניע בעשטעהט פון דרײַ יונגע לײַט, וואָס אײנעם פון זײ איז אָנגעזאָלעט אויפ'ן הארצען: ער האָט זיך צעאַמפּערט מיט'ן ווײַב, איז ער געקומען אַהער פערטרינקען די צרות... אײנער איז דוקא ניט צעקריעגט מיט'ן ווײַב — וואָס האָט ער צו איהר? ער האָט ערשט ניט לאַנג חתונה געהאַט און האָט גענומען היבש נדן, און געקומען אַהער איז ער ניט אַלײן חברה האָבען איהם פאַרשלעפּט, איהם צוגעזאָגט באַקענען מיט צוויי „אַנטיקלעך"... און דער דריטער איז גלאַט אַ שאַרלאַטאַן, וואָס האָט זיך פאַרהוליעט און פאַרשכורט אַזוי שטאַרק, אַ ס'איז איהם נמאס דאָס לעבען, אַלץ אײנס דאַרף מען שטאַרבען, — לאָז שוין בעסער זײַן אינאײנעם מיט דער דראַגאַ מאַרישקאַ און מיט דער רעטשי־פּיטשי־פּוטשי!...

ח.

רעטשי־פּיטשי־פּוטשי די ערשטע טענצערין אין „פּאַרנאַס" — איז דער אײציגער לעבעדיגער מענש, וואָס דראַגאַ מאַרישקאַ קאָן זיך מיט איהר צונויפרעדען. פון דער ערשטער מינוט אָן זענען זיך די צוויי אַר־מיסטקעס צענויפגעגאַנגען, געוואָרען גוטע שוועסטער, און רעטשי־פּיטשי־פּוטשי, איין אַלטע בעל־עבירה'ניצע, האָט גענומען לערנען מיט איהר נײַער שוועסטער ה׳כות שאַנסאָנעטין, לײענען איהר לעקציעס:

— ביזט נאָך גאָר אַ ציגעלע, ווי איך זעה אַרויס, אַ כשר בהמה'לי. דו ווײסט ניט, וואָס זײ זענען אָט די אַלע פראַנטען און אַלע מאַנסבילען אויף דער וועלט! הינט, וועלף, ווילדע חיות זענען גאָלד אַקעגען זײ, מע בעדאַרף מיט זײ לערנען בלק, זיך נוקם זײַן אין זײ, צאַפּען זײער בלוט, און דער עיקר — וואָס מעהרער געלד אויסברײנגען זײ, צונעמען, אויסרײניגען, אויסזויגען, און לאָזען זײ געהן צו אַלדע שוואַרצע יאָהר! זײ זענען אַלע אסור לרחם, בײ זײ צו נעמען איז אַ מצוה! פאַרברענען אויפ'ן פײַער, דעם רוח אַוועקגעבען, ניט מיר ניט דיר!..

און בשעת מעשה ברענען די אויגען בײ דער רעטשי־פּיטשי־פּוטשי און זי לײענט ווײַטער איהר לעקציע:

— דו לערען זיך פון מיר נאַרעלי, און זײַ זיך נוקם אין זײ פאַר זיך און פאַר מיר און פאַר אונז אַלעמען! אז זײ געבען דיר מתנות

זאָלסט דו בעטען נאָך... אז זיי שטעלען וויין, זאָלסט דו טרינקען וויפיל דו קאָנסט, דאָס איבעריגע זאָלסט דו אויסגיסען אויף דער ערד... אז מע וויל דיך מכבד זיין זאָלסט דו אויסקלויבען אלסדינג, וואָס טהייערער, אַזוי אז דאָס גאַנצע געלד זייערס זאָל בלייבען אין בופעט... רחמנות — ווי אויפן הונט! ניטאָ אויף זיי קיין רחמנות! איך קען זיי, אָ! איך קען זיי דורך און דורך!..

און רעטשי־פיטשי־פוטשי דערצעהלט איהר פאַקטען, דערצעהלט איהר פון איהר לעבענס־געשיכטע אַזעלכע מעשיות וואָס די האָר שטעלען זיך קאַפויר, און דראַגאַ האָט פאַר איהר מורא און האָט אויף איהר רחמנות. זי ווערד געוואָהר ביי איהר אַזעלכע זאַכען וואָס שמעקען מיט גנבה, גזלה, רציחה... זי ווערד געוואָהר ביי איהר אַ שרעקליכע מעשה, ווי אַזוי איהרע אייגענע האָבען די דאָזיגע יפהפיה אַמאָל פאַרקויפט, פשוט פאַרקויפט פאַר געלד, אַרויסגעפיהרט, באַוויזען, געדונגען זיך און פאַרקויפט, ווי מע פאַרקויפט אַ פערדיל... זי ווערד געוואָהר ביי איהר, ווי אַזוי מע האָט זיך מיט איהר מאוס בעגאַנגען די, וואָס האָבען זי געקויפט, און ווי אַזוי מע באַגעהט זיך מיט איהר נאָך עד היום...

— דו זעהסט אָט אַ יענעם מאָרדאשניק מיט'ן רויטען שניפס און מיט דער יודישער נאָז? דזשוי הייסט ער, דאָס איז מיין געליעבטער... איהם האָב איך דאָס אוועקגעגעבען מיין גאַנץ לעבען, דער שלאַק זאָל איהם זיין, די נשמה וואָלט איך איהם, דאַכט מיר אויך אוועקגעגעבען, און ער ווייסט דאָס גאַנץ גוט און עקספּלאָאַטירט מיין משוגענע, געטרייע ליעבע צו איהם, און ער פאַרקויפט מיך פאַר געלד, און ער גיט אַוועק דאָס געלד פאַר אַנדערע, פאַר אַזעלכע וואָס זענען נישט ווערט מיינע זאָקען־בענדלעך, און ער ווייסט, דזשוי, אַז איך ווייס דאָס און ער היט זיך פאַר מיר איך זאָל איהם ניט סם'ען...

— סם'ען? — זאָגט דראַגאַ, און טהוט זיך אַזש אַ וואָרף פאַר שרעק.

— וואָס האָסט דו זיך, נאַרעלי, אַזוי דערשראָקען? איך וואָלט איהם שוין לאַנג געסמט, ווי אַ הונט אַוועקגעסמט! זיין טרפה'נע הצלחה, וואָס איך האָב איהם ליעב, וואָס איך געה אויס נאָך זיינע טריט, ברענען זאָל ער אויפ'ן פייער!

און רעטשי־פיטשי־פוטשי נעמט אַרויס אַ קליין גילדען פּאָרטרעטיל, וואָס זי טראָגט דאָס אויף דער ברוסט, טהוט דאָס פריהער אַ זעץ אין טיש אַריין און טראָגט דאָס צו נאָך דעם צום מויל און קושט דאָס אַזוי געשמאַק, אַזוי געטריי. ווי מען קושט אַ טייער קינד, אַ ציטעריגס.

— איינגעזונקען זאָל ער ווערען, אַט דער דזשוי! איך האָב איהם שוין לאַנג געקאָנט איינזעצען ער זאָל פאַרפוילט ווערען אין טורמע און אפשר מיט מיר אינאיינעם, האָב איך רחמנות אויף איהם, איך קאָן נישט, איך האָב איהם ליעב, אַ שלאַק איהם אין זיינע ביינער, ווי דאָס לעבען האָב איך איהם ליעב, מעהר ווי דאָס לעבען!

און דראַגאַ מאַרישקאַ וויל אַנטלויפען פון דער דאָזיגער אומגליקלי-כער, מעהר מיט איהר נישט זיין בעקאַנט, נאָר עס ציהט זי צו איהר אַ מאָדנער פאַרבאָרגענער כח, און זי פאַרטרויט פאַר איהר אַלסדינג, אַלע סודות, און יענע פיהרט זי אויפן גלייכען וועג, לערענט מיט איהר הלכות שאַנסאָנעטין, ווי אַזוי זי זאָל עקספּלאָאַטירען, באַנעמען די מאַנס-בילען, שלעפּען ביי זיי וואָס מעהר געלד.

— אַ סך מעהר מצוה, נאַרעלי, אויף דיר און אויף דיינע קינדער... לאָז פאַלען אויף זייער קאָפּ דיין שולד אַקעגען דיין געשטאָר-בענעם מאַן און דיינע זינד אַקעגען דיינע לעבעדיגע קינדער...

און דערמאָנט מען דער דראַגאַ מאַרישקאַ איהר געשטאָרבענעם מאַן מיט איהרע לעבעדיגע קינדער, ווערד זי פאַרברענט פאַר בזיון און עס פאַלט איהר אַרויס דאָס האַרץ, עס ציהט זי ביי דער נשמה. זי פיהלט, אַז זי איז אַ גרויסע — גרויסע פאַרברעכערין אַקעגען איהר געטריי-ען בערנאַרדען אויף יענער וועלט און אַקעגען איהרע אונשולדיגע קינדערלעך דאָ אויף דער וועלט, חאָטש צוליב זיי און נאָר צוליב זיי איז זי זיך מפקיר מיט איהר גאַנץ לעבען; צוליב זיי און נאָר צוליב זיי האָט זי זיך פאַרקויפט אַהער מיט איהר נשמה, און די בריעף, וואָס זי בעקומט פון דערהיים, צווינגען זי אַז זי זאָל דאָ בלייבען אויף ווייטער, פאַרדינען וואָס מעהר געלד, וואָרום זיי דאַרפען, שרייבט איהר די אַלטע מוטער, קיין עין הרע אַ סך, אַ סך האָבען; און די אַלטע מוטער איז קראַנק, קאָן נישט האָרע-ווען מעהר; און די עלטערע שוועסטער שרייבט, אַז זי מעג איהר נישקשה שיקען מעהר אַ ביסעל ווי זי שיקט ביז אַהער, וואָרום דאָס, וואָס דער מאַן איהרער דער זינגער אין כאָהר פאַרדינט, קלעקט איהר אויף איין צאָהן, און זי גיט איהר אָנצוהערעניש אַז ווען ניט איהר מאַנן וואָלט דראַ-גאַ נישט געוועזן דאָס, וואָס זי איז אַצינד...

די דאָזיגע ליעבע, זיסע בריוולעך נעמען צו ביי דער אָרעמער דראַגאַ וואו זי האָט ערגיץ אַ טראָפּען בלוט, דאָס זי פיהלט, אַז זי פאַלט, פאַלט אין שאול תחתיה אַריין אַלע טאָג וואָס נידעריגער און נידעריגער, און זי זעהט אַז זי געהט צו גרונד, און די אויגען ווערען איהר אַלע מאָל

טיעפער — און דאָס געפּעלט דעם עולם; און דאָס זינגען, וואָס זי זינגט ווערד אַלע מאָל טרויעריגער — און דאָס געפּעלט דעם עולם און עס דרעהען זיך אַרום איהר אַלערליי מענשלעך ווי ביהנען אַרום האָניג, און זיי זענען איהר נמאס ווי דער טוידט, און ס'איז איהר נמאס די וועלט, נמאס דאָס לעבען, און זי ווייסט, אַז זי האָט קיינעם ניט אויף דער גאַנצער וועלט אַחוץ דעם גאָט, וואָס אין הימעל, אַחוץ איהר בערנאַרדס נשמה וואָס אין גן עדן, אַחוץ איהרע צוויי אומשולדיגע טייבעלעך דאָרט אין דערהיים, און די דאָזיגע זינדיגע נשמה ציהט זיך צו גאָט, צום יודישען גאָט, וואָס איז אומעדום פול. און זי רייסט זיך אין אַ יודישער שוהל אַריין און קאָן דאָס נישט אויספיהרען, וואָרום קיינער טאָר דאָס ניט וויסען אַז זי איז אַ יודיש קינד, עס קאָן איהר חלילה שאַדטען אין אַ סך, אַ סך זאַכען... דאָס איז אַ סוד, וואָס נאָר זי און די „רויטע נאָז", דער בעל־הבית פונם „פּאַרנאַס" ווייסען דאָס, און ווייטער קיינער נישט, קיין פויגעל נישט!..

ט.

נאָך איין נפש איז פאַרהאַן, אָס האָט אַ שייכות צום „פּאַרנאַס", און וואָס מיר מוזען זיך מיט איהם בעקענען. זיין נאָמען איז אַבראַשע. אַליין איז ער אַ קליינינקער מיט בלויזע אויגען און מיט שיטערע הערלעך, מיט אַ רויט, תמיד פאַרשוויצט פנים, רעדט שטיל און זעהר ווינציג, קוים וואָס מע הערט פון איהם אַ וואָרט, און איז אַ גרויסער חשוב ביי אַלע אַרטיסטען און ביי אַלע אַרטיסטקעס אין „פּאַרנאַס". טאָמער בעדאַרף עמיצער אַ הלואה אויף אַ קליינע צייט אַ גמילות חסד'ל, אַ משכון אַוועקטראָגען אין לאָמבאַרד, אָדער אַזוי אַ שליחות — איז אַבראַשאַ. געבען עפּיס בעהאַלטען, אַ סוד אַז מע דאַרף פערטרויען, אויסרעדען זיך אַמאָל דאָס האַרץ — איז אַבראַשע, און אַבראַשע — דאָס ווייסען אַלע — איז איין אייזערנער קאַסטען. קיין שום אַנדערע געשעפטען האָט ניט אַבראַשע און לעבט זיך פון דעסטוועגען גאַנץ פיין, דאָס ווייב ביי איהם געהט שען אָנגעטהון, די קינדער ביי איהם לערנען אין דער שולע, נאָר אַליין איז ער טאָג ווי נאַכט פאַרטאַרעמט, רייבט זיך אַרום די אַרטיסטען פון „פּאַרנאַס" און פאַרנעמט אין שטאָדט זעהר אַ קליין אָרט איבער זיין פרנסה, משטיינס געזאָגט... און אַבראַשאַ ווייסט דאָס דוקא און עס זאָל איהם אָנהויבען צו

אַרײַן, אַבי ער דאַרף, ברוך השם. צו קײנעם נישט אָנקומען און קאָן געבען דעם װײַב מיט די קינדער אַ שטיקעל ברױט „בכבוד"...

אָט פאַר דעם נפש האָט אונזער דראַגאַ מאַרישקאַ אַנטפּלעקט איהר הײליגען סוד, אַז זי איז אַ יודיש קינד און זי מוז ערב יום־כפּור שלאָגען כּפּרות פאַר זיך און פאַר איהרע קינדער, עס מעג זיך קעהרען די װעלט, און זי מוז זײַן אױף דער נאַכט אין שוהל צו כל נדרי; עס מעגען פאַלען שטערען פון'ם הימעל, און אַ ליכט פון װאַקס װיל זי געבען אין שוהל אַרײַן פאַר איהר מאַנס נשמה גאָר אָהן אַ שום תירוץ! און דער עיקר — װאָס קײנער טאָר דערפון נישט װיסען... אַבראַשע האָט איהר צוגעזאָגט, אַז ס'װעט זײַן אָללרײַט און איז אַװעק מיט שטילע טריט און האָט געהאַלטען װאָרט. ערב יום כפּור איז בעשאַפען געװאָרען בײַ איהר אַ קלאָהר װײַסע הוהן אױף כּפּרות און אַ גרױסע װאַכסענע ליכט האָט ער איהר געקױפט און אַװעקגעטראָגען פון איהר נשמה װעגען אין שול אַרײַן, און אַלסדינג שטיל און פאַרשטעלט, אַז קײן בן אדם האָט דערפון נישט געװאוסט; און אױף דער נאַכט, אַז עס האָבען זיך באַװיזען שטערען, איז אַבראַשע געקומען צו געהן מיט זײַן װײַבס אַ קלײדעל און מיט אַ שװאַרץ זײַדען טיכעל, װאָס דראַגאַ האָט זיך צוגעדעקט מיט דעם און איז מיט איהם אַװעק אין דער יודישער גאַס, און אַז זײ זענען געקומען אין שוהל אַרײַן, האָט ער זי איבערגעגעבען אױף די הענד פון דער שמש'טע און אַ זאָג געטהון שטילערהײד:

— דאָס איז דאָס װײַבעל, װאָס איך האָב אײַך געזאָגט — און איז פאַרשװאונדען געװאָרען שטיל װי זײַן שטײגער איז.

י.

אין שוהל איז געװען אײנג און הײס און טשאַדנע פון די ליכט, װי געװײנטליך יום כפּור צו כל נדרי, און אױבען, אױף דער װײַבערשער שוהל, איז געװען נאָך מעהר אײנג און נאָך מעהר הײס און נאָך מעהר טשאַדנע. אױבען אָן בײַ די גראַטעס זענען געשטאַנען די גבירטעס, די נגידות'טעס מיט די בעל־הבתישע װײַבער איבער די סדורים, מחזורים און גרױסע קרבן־מנחה'ס און האָבען געשמאַק געדאַװענט; און װאָס װײַטער, נידעריגער צו דער טיר, זענען געשטאַנען די געמײנערע װײַבער אָהן סדורים, אָהן מחזורים און אָהן קרבן־מנחה'ס, האָבען אָנגעגרײט

טרעהדיגן און זענען געווען פארטיג צו וויינען. מע האט נאר געווארט ביז דער חזן מיט די משוררים וועלען אנהויבען צו זאגען דעם טרויעריגען כל נדרי. און אז דער חזן מיט די משוררים האבען אנגעהויבען צו זאגען דעם טרויעריגען כל נדרי, האט זיך אנגעהויבען ביסלעכווייז הערען א גע־וויין. צווישען די ארעמע ווייבער וואס ביי דער טיר, איז געשטאנען אויך אונזער דראגא מארישקא און האט זיך צוגעהערט צום שענעם, טרויעריגען אלטען נוסח פון דעם אלטען—אלטען כל נדרי, וואס איז אומעדום אויף דער גאנצער וועלט איין געזאנג. און דער שענער, טרויעריגער נוסח פונ'ם אלטען—אלטען כל נדרי, וואס איז אומעדום אויף דער גאנצער וועלט איין געזאנג האט איהר דערמאנט אין איהרע אמאליגע גליקליכע יאהרען און פערגלייכט מיט איהר לעבען אצונד און זי איז ביי זיך שטארק — שטארק אראבגעפאלען, חרטה געהאט, תשובה געטהון אויף איהרע גרויסע זינד מיט'ן גאנצען — גאנצען הארצען...

א סך, א סך ווייבער האבען דא געשמאק געדאווענט און נאך מעהר געשמאק געוויינט, נאר איך ווייס נישט, אויב צווישען אלע אנדערע ווייבער אין דער דאזיגער שוהל האט נאך עמיצער אזוי געשמאק גע־דאווענט — אהן ווערטער נאר מיט הארץ — ווי די ארעמע דראגא. איך ווייס ניט, אויב צווישען די אלע אנדערע ווייבער אין דער דאזיגער שוהל האט נאך עמיצער אזוי געשמאק געוויינט, אזוי ערנסט תשובה געטהון אויף איהרע גרויסע זינד, ווי די ארעמע דראגא.

נאך איינע איז געווען אין שוהל אין יענער נאכט, וואס דראגא האט פון איהר קיין אויג נישט אראבגעלאזט. דאס איז געווען א יונג ווייבעל אויך מיט א שווארץ טיכעל איבערן גאנצען פנים, און ווערדיג דראגא האט ארויסגעזעהן — האט זי א פנים אויך געשמאק געוויינט. „מסתמא א פערביטערטע נשמה, נעבעך...” אזוי האט זיך געטראכט דראגא מארישקא, און איהרע מחשבות האבען זי אויפגעהויבען און האבען זי אוועקגעטראגען אין איהר אייגען וועלטיל, מיט איהרע אייגענע צרות, און דער שענער, אלטער, טרויעריגער נוסח פונ'ם אלטען — אלטען כל־נדרי, וואס איז אומעדום אויף דער גאנצער וועלט איין געזאנג, האט זיך געלאזט הערען ארויף אין דער ווייבערשער שוהל און צענויפגעגאסען זיך מיט'ן שטילען געוויין פון די ארעמע ווייבער, פון די פארביטערטע נשמות, און מעהר פון אלע האבען געוויינט די ארימע זינדיגע דראגא און דאס יונגע ווייבעל, וואס מיט דעם שווארצען טיכעל איבערן פנים.

און שפעטער, אז ס'איז געקומען צו די וויינענדיגע „יעלות”, וואס

דער חזן זינגט מיט אַ וויינענדיג קול דעם וויינענדיגען נגון, איז דער געוויין פון די ווייבער אין דער ווייבערשער שוהל געוואָרען נאָך שטאַרקער און נאָך גרעסער, און מעהר פון אַלע האָבען געוויינט אַלץ די אָרעמע אָנדיגע דראַגאַ און אַלץ יענץ ווייבעל, וואָס מיט'ן שוואַרצען טיכעל איבערן פנים. אַזוי פיעל און אַזוי שטאַרק האָט דאָס דאָזיגע יונגע ווייבעל געוויינט, ביז זי האָט זיך צוגעזעצט, אָנגעבויגען, פאַרוואָרפען דעם קאָפּ און געפאַלען חלשות.

* *

*

אין אַלע יודישע שוהלען אַלע יום־כפור צו כל־נדרי, מאַכט זיך, אַז אַ ווייבעל הויבט אָן חלשען. עס ווערד תחלת אַ שטיקעל גערודער, אַ מאָל שפּרינגט אַרויס דערפון איין אומגליק, אַ לויפעניש, אַ קוועטשעניש מיט אַ דערשטיקעניש, נאָר מייסטענטהייל איז מען דערצו געוואונט געוואָרען: דאָס פערחלשטע ווייבעל טראָגט מען אַרויס אין דרויסען אויף דער לופט, מע גיסט זי אָב מיט וואַסער, מע גיט איהר שמעקען חלש־טראָפּען און מע מינטערט זי אָב. אויך איצט האָט מען דאָס ווייבעל מיט'ן שוואַרצען טיכעל אַרויסגעטראָגען אין דרויסען אויף דער לופט, אָפּגעגאָסען מיט וואַסער און געגעבען שמעקען חלש־טראָפּען. צווישען די אַלע, וואָס האָבען זי געמינטערט, איז געווען אויך אונזער דראַגאַ מאַרישקאַ וואָס האָט אויף איהר שטאַרק רחמנות געהאַט און אַז דאָס אויפגעמונטערטע ווייבעל האָט אויפגעעפענט די אויגען און די העל בלאַסע לבנה האָט בעלייכט איהר העל־בלאַס פנים, האָט זי דראַגאַ דערקענט ווער זי איז, און האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און איז אַליין שיער ניט געפאַלען חלשות.

דאָס איז געווען רעטשי — פיטשי — פוטשי!

. . . .

אָנגעבויגען איבער איהר אויף די קניע איז געשטאַנען אַבראַשע מיט קאַלט וואַסער, מיט עסיג און מיט חלש־טראָפּען — די געוויסע יודישע יום־כפור־דיגע מעדיקאַמענטען, און ביי דער זייט איז געשטאַנען דזשוי מיט דער געגאָלטער מאָרדע, מיט'ן רויטען שניפּס און מיט דער נאָז; אַקעגען דער שיין פון דער העל־בלאַסער לבנה האָט ער אויסגעזעהן ווי איין אויסגעגאָסענע ווייסע פיגור, אַ סטאַטוע. ער איז געווען ערשטוינט ניט נאָר פון דעם, וואָס ער האָט דאָ געטראָפען אין שוהל צו

כָּל־נדרי בַּיידע אַרטיסטקעס דראַגאַ מאַרישקאַ און רעטשי־פּיטשי־פּוטשי; ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז זיי זענען, גלייך אַזוי ווי ער, יודישע קינדער, חאָטש איינער פונם אַנדערן האָט דאָס פאַרבאָרגען... איהם האָט זיך אויסגעדאַכט און ער וואָלט געגאַנגען שווערען אין טלית און קיטעל, אַז צווישען עולם, וואָס זענען אַרויסגעשפּרונגען פון שוהל אָנקוקען דאָס פאַר'חלש'טע ווייבעל האָט ער געזעהן דורכלויפען פאַרביי אויך דעם בעל־הבית פונ'ם „פאַרנאַס" מיט אַ קליין סדור'ל אין די הענד אָנגעדרוקט דעם צילענדער איבער די אויגען. . . . .

. . . .

און דאָס ווייגענדיגע קול פון די ווייגענדיגע „יעלות" האָט זיך געלאָזט הערען פון שוהל אין דרויסען אַרויס, דורך די אָפענע טירען, און די העל־בלאַסע לבנה האָט העל געשיינט און באַלייכט די העל־בלאַסע פּנימער פון אונזערע פאַרשווינען פונ'ם „פאַרנאַס", וואָס האָבען זיך איבערגעקוקט צווישען זיך און האָבען זיך איינס דאָס אַנדערע רעכט פערשטאַנען, אָהן ווערטער...

ענדע.

אויסגעטרייסעלט.

אויסגעטריסעלט.

— שאַט! — רופט זיך אָן אַ יוד, מיט קיילעכיגע אויגען, ווי ביי איין אָקס, וואָס איז געזעסען די גאַנצע צייט אין ווינקעל ביים פענסטער און האָט געדרוויכעט און געהערט מעשיות פון גנבות, גזילות עקספראָפּריאַציעס — אָט וועל איך אייך דערצעהלען אַ שענס, אויך מיט אַ גנבה, וואָס האָט זיך פערלאָפען ביי אונז און דוקא אין בית המדרש האָט זיך דאָס געטראָפען און נאָך יום־כפור דערצו! איהר מעגט דאָס האָרכען.

אונזער שטעדטיל, כתרילעווקע, — איך בין אַליין אַ כתרילעווקער — איז אַ קליין שטעדטיל און איין אָרימס, קיין גנבים איז ביי אונז נישטאָ. מע גנבה'ט נישט, ס'איז נישטאָ, ביי וועמען צו גנבה'נען און ס'איז נישטאָ, וואָס צו גנבה'נען, און אָהן אַלעמען איז דאָך גלאַט אַ יוד קיין גנב נישט, דאָס הייסט, אַ יוד איז אַפילו יאָ אַ גנב, נאָר נישט אַזאַ גנב, וואָס זאָל קריכען דורך אַ פענסטער, אָדער געהן מיט אַ מעסער יענעם קוילען. דרעהען, אויסדרעהען, אַריינדרעהען, פערדרעהען און אָבדרעהען יענעם דעם קאָפּ — דאָס מהכיתיתי; אָבער נישט קריכען יענעם אין קעשענע אריין, מע זאָל איהם חאַפּען פאַר דער האַנד און מע זאָל איהם נאָכדעם בעדאַרפען פיהרען מיט אַ געלע לאַטקע אויף דער פלייצע — דאָס פאַסט פאַר איוואַן זלאָדזי אָבער נישט פאַר קיין יודען... שטעלט אייך פאָר, האָט זיך ביי אונז אין כתרילעווקע געטראָפען אַ גנבה און נאָך וואָסער אַ גנבה! — אַכצעהן הונדערט קאַרבען אין איין קלאַפּ!

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה, עס קומט צופאָהרען צו אונז אין שטאָדט אַריין איין אורח, עפּיס אַ יוד אַ פּאָדראַטשיק פון דער ליטאָ, פּונקט אום ערב יום-כפור פאַר מנחה, שטעלט זיך אָב געהעהנטליך אויף איין אַכסניה, לעגט אָב דעם קלומאָק און לאָזט זיך געהן גלייך אין שוהל אַריין און טרעפט אין אַלטען בית-המדרש. געקומען אין בית-המדרש צו מנחה טרעפט ער די גבאים ביי דער שיסעל. — שלום עליכם! — עליכם שלום. — פון וואַנען איז אַ יוד? — פון דער ליטאָ. — מה שמכם? — וואָס איז אייער באָבעס דאגה? — איהר זענט דאָך געקומען אין אַ שוהל. — וואוהין דען זאָל איך געהן? — ווילט איהר מסתמא ביי אונז דאַווענען? — אַ ברירה האָב איך? וואָס דען זאָל איך טאָן? — גיט-זשע עפּיס אין שיסעל אַריין. — וואָס דען, אומזיסט וועל איך דאַווענען?

קצור-הדבר אונזער אורח נעהמט אַרויס דריי זילבערנע קאַרבען און גיט אין דער שיסעל אַריין, און אַ חוץ דעם איינ׳ם חזנ׳ס טעלער אַ קאַרב, דעם רב אַ קאַרב, אויף דער תלמוד-תורה אַ קאַרב, אין צדקה-טעלער אַ חצי פּוינעל, אַ חוץ, וואָס ער האָט צוטיילט די אָרימע לייט, וואָס ביי דער טהיר, — זיי זענען פאַרהאַן ביי אונז קיין עין-הרע אַזוי פיעל, אַז מע זאָל זיך וועלען צולאָזען צו זיי בעדאַרף מען צוטיילען רויטשילדס פערמעגען.

דערזעהען אַזאַ מין אורח האָט מען דאָך איהם מסתמא אָבגעטראָטען אַ שטאָדט סאַמע אין מזרח-וואַנט. אַ וואו האָט מען גענומען אַ שטאָדט, אַז אַלע שטעדט זענען פערנומען? איז קיין קשיא נישט. למאַי וואו נעהמט זיך איין אָרט, אַז סע מאַכט זיך אַ שמחה, אַ חתונה, אָדער אַ ברית, אַלע זיצען שוין אַרום טיש, פּלוצים ווערט אַ גערודער, װאָס איז? דער נגיד איז געקומען! קוועטשט מען זיך אַזוי לאַנג ביז מע מאַכט איין אָרט פונ׳ם נגיד׳ס וועגען. קוועטשען זיך איז אַ יודישע זאַך, אַז קיינער קוועטשט זיי נישט, קוועטשען זיי זיך אַליין...

דער יוד מיט די קיילעכיגע אויגען שטעלט זיך אָפּ, בעטראַכט דעם עולם, וואָס פאַר איין איינדריק עס האָט געמאַכט אויף אונז זיין חיץ, און דערצעהלט ווייטער.

קצור הדבר, אונזער אורח האָט זיך בעזעצט אויבען-אָן און האָט געבעטען ביים שמש אַ שטענדער. אָנגעבויגען זיך איבערן סטענדער האָט זיך אונזער אורח צו כל-נדרי אָנגעטאָן אין טלית און אין קיטעל און האָט זיך אויסגעשטעלט דאַווענען, האָט ער געדאַווענט און געדאַ-

ווענט, די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף די פיס, זיך נישט צוגעזעצט — פון צוליינען זיך שמועסט מען נישט ! — ער איז נישט אָבגעטראָטען פונ'ם שטענדער אויף קיין מינוט, דער ליטוואַק, סיידען דעמאָלט, ווען מע האָט בעדאַרפט זיך שטעלן שמונה־עשרה אָדער פאַלען כורעים . . . אָבפאַסטען אַזאַ טאָג און אויסשטעהן אויף די פיס, זיך נישט צוזעצען אַפילו — דאָס קען נאָר אַ ליטוואַק ! . . . ערשט נאָכ'ן לעצטען כלאָז, אַז ס'איז געקומען צום וואָכעדיגען מעריב, און חיים־חנה דער מלמד (דער מעריב קומט חיים־חנה דעם מלמד פון קדמונים) האָט זיך אָנגעהויבען ציקלען : „המעריייב ערבים !" — פּלוצים הערט זיך אַ געשריי : — געוואַלד ! געוואַלד ! געוואַלד ! . . . מע טוט אַ קוק — דער אורח ליגט אויף דער ערד און חלש'ט, מע גיסט איהם אָב מיט וואַסער, מע מינטערט איהם אָב, ער חלש'ט ווייטער. וואָס איז די מעשה ? אַ שענע מעשה. ער האָט געהאַט מיט זיך, דער ליטוואַק הייסט דאָס, אַכצעהנהונדערט קאַרבען, האָט ער מורא געהאַט, זאָגט ער, זיי איבערצולאָזען אויף דער אַכסניה — אַ ווערטעל אויסצורעדען אַכצעהנהונדערט קאַרבען ! ווערמען פערטרויט מען אַזאַ מטמון מיט געלד אין אַ פרעמדער שטאָדט ? האַלטען זיי ביי זיך אין קעשענע אום יום־כפור איז עפּיס אויך נישט קיין פלאַן ; האָט ער זיך מישב געווען, זאָגט ער, און האָט זיי אַרייַנגערוקט שטילערהייט אין שטענדער אַריין, — אַ ליטוואַק קען ! אַצינד פערשטעהט איהר שוין, פאַר וואָס ער איז נישט אָבגעטראָטען פונ'ם שטענדער אויף קיין מינוט ? . . . נאָר בשעת שמונה־עשרה שטעהן אָדער בעת כורעים פאַלען האָט אַ פנים דאָס געלד עמיצער אַרויסגע'לקחנ'ט .

קצור־הדבר, ער געוואַלדעוועט, ער וויינט, ער לעגט איין די וועלט : וואָס וועט ער איצטער טאָן אָהן געלד ? ס'איז, זאָגט ער, פרעמד געלד, ס'איז נישט זיינס, ער איז נאָר אַ מושלח פון אַ קאַנטאָר, אַ יוד איין אָרימאַן, זאָגט ער, און אַ מטופל מיט קינדער, — עס קומט דאָך איהם איצטער, זאָגט ער, נאָר נעהמען און אַריינוואַרפען זיך אין וואַסער אַריין אָדער אויפהענגען זיך, זאָגט ער, אָט דאָ אין שוהל פאַר אַלעמען אין די אויגען ! ! . . .

דערהערט אַזעלכע דבורים איז דער גאַנצער עולם געבליבען שטעהן ווי געליימט, גאָר פערגעסען, אַז ס'איז נאָך אַ תענית, און מע בעדאַרף געהן אַהיים גיכער זיך אָבפאַסטען . ס'איז אונז געווען אַ בזיון פאַר'ן אורח, אַ חרפה, אַ בושה פאַר זיך אַליין : אַזאַ גנבה, אַכצעהן

הונדערט קאַרבּען, און וואו? אין בית המדרש, אינ׳ם אַלטען כתרילעווקער בית המדרש! און ווען? יום-כּפּור! אַזאַ מעשה איז נישט געהערט געוואָרען אין דער וועלט!

— שמש! פערשליס די טהיר! אַזוי האָט נעגעבען אַ בּעפעהל אונזער רב. מיר האָבּען אונזער אייגענם אַ רב, הייסט ער רב יוזיפ׳ל, איין אמת׳ער און עהרליכער יוד, אַ כשר׳ער, אַפילו נישט אַזאַ איבער-געשפּיצטער, נאָר אַ מזג-טוב, אַ מענש אָהן אַ גאַל. ער האָט אין זיך אַמאָל אַזעלכע איינפאַלען, וואָס איהר ווערט דערויף קיינמאָל נישט פאַ-לען, איהר זאָלט זיין מיט אַכצעהן קעפּ! פערשלאָסען די טהיר פונ׳ם בית-המדרש, רופט זיך אָן רב יוזיפ׳ל דער רב צום גאַנצען עולם און אַליין איז ער בּלאַס ווי די וואַנד, די הענד ציטערן איהם און די אויגען בּרענען.

— שמעו נא רבותים, הערט צו, יודען, ס׳איז אַ מיאוס׳ע מעשה, אַזאַ מעשה איז נאָך נישט געהערט געוואָרען זינט די וועלט שטעהט, אַז בּיי אונז אין כתרילעווקע זאָל זיך געפינען אַזאַ בעל-עבירה׳ניק, אַזאַ פּושע-ישראל, וואָס זאָל האָבּען אַ פּאָטאָפּאַלנעסט צונעהמען בּיי אַ פרעמ-דען מענשען, נעבעך אַ מאַטע פון קינדער, אַזאַ אוצר מיט געלד, און ווען? אין אַזאַ הייליגען טאָג ווי יום-כּפּור, און אפשר נאָך צו נעילה,— אַזאַ מעשה איז דאָך נישט געהערט געוואָרען זינט די וועלט שטעהט! סע גלויבּט זיך מיר גאָרנישט, אַז ס׳קען געמאָלט זיין אַזאַ זאַך, סע קען נישט זיין בשום ענין ואופן! און אפשר, אַ קשיא אויף אַ מעשה, יודען זענען נעבעך זשעדנע אַ קערבּעל. ובפרט נאָך אַזאַ איין אוצר, אַכצעהנהונדערט קאַרבּען, דער יצר-הרע רחמנא ליצלן איז גענוג גרויס, טאָמער איז עמיצער פון אונז געשטרויכעלט געוואָרען, בּעשערט געווען עמיצען נעבעך איין אומגליק, טאָן אַזאַ איין עבירה אין אַזאַ טאָג, בּע-דאַרפען מיר זעהען די זאַך חוקר ודורש זיין, דערגרינטעווען זיך בּיז׳ן שורש. הימעל און ערד האָבּען געשוואוירען, אַז דער אמת מוז צרויף ווי בּוימעל אויפ׳ן וואַסער. על כּן, זאָגט ער, בּעדאַרפען מיר זיך בּע-זוכען איינם דאָס אַנדערע, בּעזוכען, בּעטאַפּען, טרייסלען אַלע קעשענעס פונ׳ם ערשטען בּעל-הבּית, זאָגט ער, בּיז׳ן שמש, נישט דורכלאָזען קיינעם נישט. נאַט, יודען, טרייסעלט מיך!

אַזוי האָט זיך אָבּגעזאָגט אונזער רב, רב יוזיפ׳ל, און האָט זיך דער ערשטער צעגאַרטעלט די קאַפּאָטע און איבּערגעקעהרט אַלע קע-שענעס אויף דער לינקער זייט, און אויף איהם קוקענדיג האָבּען אַלע

בעלי-בתּים זיך צעגאַרטעלט און אויסגעקעהרט די קעשענעס און מע האָט גענומען בעזוכען און בעטאַפּען און טרייסלען איינס דאָס אַנדערע, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ס׳איז געקומען צו לייזער יוס׳לען, און אַז ס׳איז געקומען צו לייזער יוס׳לען איז ער געוואָרען אַלערליי געשטאַלטען און האָט אָנגעהויבען טענה׳נען, ערשטענס, אַז דער אורח איז אַ שווינדלער, ס׳איז אַ מאַניפּאָרגע פון אַ ליטוואַק, מע האָט ביי איהם קיינער קיין געלט נישט גענגבה׳ט, שקר וכזב,—איהר זעהט נישט, אַז ס׳איז אַ געמאַכטע זאַך ?...

האָט דער עולם אָנגעהויבען ליאַרעמען נאָך שטאַרקער : סטייטש, בעלי-בתּים האָבען זיך געלאָזט בעזוכען, פאַר וואָס זאָל מען לייזער יוסלען אויסמיידען ? נישטאָ קיין מיוחסים ! בעזוכען ! בעזוכען ! האָט געשריגען דער גאַנצער עולם.

לייזער יוסיל האָט דערזעהן, אַז ס׳איז שלעכט, האָט ער אָנגעהויבען בעטען זיך רחמים, מיט טרערען אויף די אויגען, מע זאָל איהם נישט בעזוכען. ער האָט זיך געשוואוירען מיט כל השבועות, ער זאָל אַזוי ריין זיין פון שלעכטס, ווי ער איז ריין פון דער גנבה, נאָר וואָס דען ? ס׳איז איהם אַ בזיון, זאָגט ער, ער בעט, מע זאָל רחמנות האָבען אויף זיינע יונגע יאָהר און מע זאָל איהם נישט אָנטאָן דעם בזיון, מע זאָל איהם נישט בעזוכען. טוט מיר, זאָגט ער, וואָס איהר ווילט, נאָר טרייסלען זאָלט איהר מיך נישט ! ווי געפעלט אייך אַזאַ ימח שמו׳ניק ? ווי מיינט איהר, אַ שטייגער, מע האָט איהם עפּיס געערט ? געלעגט כבוד ?...

נאָר שאַט ! איך האָב אייך גאָר פערגעסען דערצעהלען, ווער איז דער לייזער יוסיל. דער דאָזיגער לייזער יוסיל איז אַליין נישט קיין כתרילעווקער, ער איז גאָר אַליין פון אַלדע שוואַרצע יאָהר, נאָר ער שטעהט איין ביי אונז אין כתרילעווקע פאַר איין איידעם. דאָס האָט איהם אונזער נגיד אויסגעקראַצט פון ערגיץ, זיך בערימהמט, אַז ער האָט דערטאַפּט איין אבן טוב, געהאַנדעלט אַ מציאה פאַר זיין טאָכטער, טויזענד בלאַט גמרא אויף אויסווענינג, און אַ בעל תנ״ך, און אַ בעל לשון קודש, און אַ בעל חשבון, תשבורת מיט אַלגעבראַ, און אַ כתבא רבא, הכלל מיט אַלע זיבעצעהן מעלות ! געבראַכט צופיהרען די צאַצקע איז מען געגאַנגען קוקען אויף חדושים : וואָס האָט דאָ דער נגיד איינגעהאַנדעלט פאַר אַ מציאה. מילא אַזוי אַ קוק טאָן אויף איהם איז גאָר נישט, אַ יונגערמאַן אַ זכר, נישט קיין מיאוסער יונגערמאַן, נאָר די

נאָז אַביסעל צו אַ לאַנגליכע, אויגען ברענענדיגע, ווי צוויי קויל פייער, און אַ מויל — פּעך און שוועבעל! מע האָט זיך גענומען מיט איהם פער-הערען אַ בלאַט גמרא, אַ קאַפּיטעל פּסוק, אַ שטיקעל רמב"ם, דאָס יענץ — אש להבה! ער איז קלאָהר, דער הונט, אומעטום ווי אַ גוי אין אשרי, וואו מע טוט איהם אַ חאַפּ איז ער אין דערהיים! רב יוזיפ'ל אַליין האָט אויף איהם געזאָגט, אַז ער מעג זיין אַ רב בכל תפוצות ישראל... און פון די אַלע היינטיגע זאַכען שמועסט מען נישט. איהר קאָנט פערשטעהן, ביי אונז איז פאַרהאַן איינער אַ גאַנצער חקרן, זיידיל רב שעיה'ס, אַ רעכטער משוגע'נער, איז ער אַ הונט אַ קעגען לייזער יוסלען! היינט זיין שפּיעלען אין שאָך פערמאָגט נישט די גאַנצע וועלט! אַז מע שמועסט אַ געראָטענער!

אודאי האָט די שטאָדט מקנא געווען אונזער נגיד אויף אַזא תכשיט, חאָטש אַפילו דער עולם האָט געשמועסט, אַז דער תכשיט איז געחאַפּט אויף דער מעשה. דהיינו? ס'איז נישט געפעלען דעם עולם, וואָס ער איז צו קלוג (וואָס צו איז איבעריג) און איז צו פיעל איין עניו ביי זיך, אַ גוטער ברודער מיט איטליכען בעזונדער, זאַפּאַני בראָטאַ מיט'ן קלענסטען פונ'ם קלענסטען, עס מעג זיין אַ בחור, עס מעג זיין אַ מיידעל, עס מעג זיין איין אשת איש... היינט איז נישט געפעלען דאָס אַרומגעהן זיינס — פערטראַכט, קומט אין שוהל אַריין שפּעטער פון אַלעמען, טוט אָן דעם טלית און קוקט אין "באר מים חיים" אָדער אין "אבן עזרא" אַריין, די יאַרמעלקע פון יענער זייט, און דאַווגען נישט אַ לעק! מע זאָל עפּיס זעהן אויף איהם שלעכטס האָט מען נישט געזעהן גאָר נישט, נאָר געמורמעלט האָט מען, אַז קיין גרויסער ירא שמים איז ער נישט — אַ מענש מיט אַלע מעלות קאָן נישט זיין!

כך הוה, אַז ס'איז געקומען צו לייזער יוסלען און מע האָט זיך גענומען צום בחור, וואָס איז די מעשה, וואָס ער לאָזט זיך נישט בעזוכען — דאָס איז דאָך שוין אַ סימן, אַז דאָס געלד איז ביי איהם. מאַלט ער: לאָז מען איהם געבען אַ שבועה דאוריתא, לאָז מען איהם שניידען, בראָקען, בראָטען, ברענען אַבי נישט טרייסלען די קעשענעס! דאָ איז שוין אונזער רב רב יוזיפ'ל, חאָטש ער איז אַ מענש אָהן אַ גאַל, אויך אַרויס פון די כלים און האָט זיך צעשריגען אויף איהם.

— דו אַזעלכער און אַזעלכער! ביזט דאָך ווערט, מע זאָל דיך ווייס איך וואָס! ס'טייטש, דו זעהסט מע צאַפּט זיך יודען בלוט, אַלע זענען מוחל אויפן בזיון און לאָזען זיך בעזוכען, ווילסט דו זיין אַ יוצא

מן הכלל?! ממה נפשך, אָדער זײַ זיך מודה און גיב אָב דאָס געלד, אָדער ווײַז די קעשענע! דו שפּילעסט זיך מיט קיין עין הרע איין עדה יודען? מע וועט דאָך דיך דאָ איך ווייס אַליין נישט וואָס!

קצור הדבר, דער עולם האָט איהם גענומען, דעם שענעם בחור, מע האָט איהם אַנידערגעלעגט מיט גוואַלד און מע האָט איהם גענומען בעזוכען און בעטאַפּען, טרייסלען אַלע קעשענעס און מע האָט בײַ איהם אויסגעטרייסעלט... אַנו, טרעפט וואָס? אָבגעגריזעטע בײנער פון אַ פּירטעל עוף און אַ פּאָר טוץ נאָך גאָר פרישע קערליך פון נאָר וואָס אויפגעגעסענע פלוימען! איהר פערשטעהט, וואָס פאַר אַ חן דאָס האָט געהאַט, אַז מע האָט אויסגעטרייסעלט בײַ אונזער תכשיט דעם דאָזיגען אוצר?.. איהר פערשטעהט, וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט געהאַט און דער שוועהר זײַנער דער נגיד און דער רב נעבעך?... אונזער רב יוזיפּ'ל האָט זיך פאַר בזיון אָבגעקעהרט אין אַ זײַט, נישט געקאָנט קוקען גלײַך אין די אויגען אַרײַן. און אַז דער עולם איז נאָכדעם געגאַנגען פון בית-המדרש אַהײם אָבפּאַסטען זיך, האָט מען נישט אויפגעהערט צו דערצעהלען פונ'ם אוצר, וואָס מע האָט אויסגעטרייסעלט בײַם תכשיט און מע האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער! נאָר איין רב יוזיפּ'ל איז געגאַנגען איינער אַליין אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, פערזאָרגט און פערצאָרענט, נישט געקאָנט קוקען קײנעם אין די אויגען אַרײַן, גלײַך ווי מע וואָלט דאָס אויסגעטרייסעלט בײַ איהם אַליין...

דער יוד האָט, ווײַזט אויס, געענדיגט זײַן געשיכטע, ווארום ער האָט זיך גענומען צוריק צום רויכערען.

— נו, און דאָס געלד? — האָבען מיר איהם אַ פרעג געגעבען, אַלע אין איין קול.

— וואָסער געלד? — מאַכט צו אונז דער יוד תמ'עוואַטע און בלאָזט דעם רויך.

— וואָס הייסט וואָסער געלד? די אַכצעהנהונדערט...

— אַ אַ אַ? — ציהט ער אויס — די אַכצעהנהונדערט פאַרפאַלען.

— פאַרפאַלען?

— פאַר — פאַ — לען!!!

דער יום־טוב'דיגער צימעס.

דער יום־טוב׳דיגער צימעס.

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ ווילנער יודינע.)

זיי זאָגען, די היינטיגע הייסט דאָס, די עזות-פנים׳ער, אַ קלאָג
צו זיי, אַז דעמאָלט וועלען מענשען זיין גליקליך, ווען מע וועט מאַ-
כען אַ מישמאַש, שלי שלך, שלך שלי... און איך זאָג אייך, אַז אויב
עס וועט אמאָל זיין אַזוי, וועט דאָס הייסען תהו-ובהו — הימעל און
ערד און שטרוצע-באָב. הערט אַ מעשה, וואָס מיט מיר האָט געטראָ-
פען פאַראַיאָהרען אין דער צייט, דעם ערשטען טאָג סוכות. איך זיץ,
ווייסט איהר דאָך מן הסתם, אויף „גיטקע טויבעס זאַוואולקע”, ביי
גוטקע נעחע׳ס אין הויף, דאָס הייסט, ס׳איז אַזוי גוטקע נעחע׳ס הויף,
ווי איהר זייט מיר אַ פעטער: דער הויף איז אַ „עקסווידאָסקער הויף”;
עס האָבען אין דעם אַ חלק, מיט גאָט׳ס הילף, פינף ברידער מיט
צוויי שוועסטער; זענען די ברידער געשטאָרבען, און די שוועסטער
זענען אויך געשטאָרבען, און אַלע האָבען געלאָזען קינדער, און דוקא
היבשלעך, קען מען זיך נישט אַנטיילען; נישט פערקויפען, נישט צע-
וואַרפען, סיידען חלילה אונטערצינדען, איז אַן׳עבירה די גאָס, עס
קאָן אַוועקגעהן אַ האַלבע שטאָדט. האַלט מען זיך מיט דער דירה, ווי
איך מיט מיינע צרות: נישט קיין דאַך, נישט קיין טרעפ, נישט קיין
אויווען — אַ קאַטוך צו אַלדע שוואַרצע יאָהר, און געה האַלט דאָרט
אַ „הימעל-בעט” און צאָהל אַזאַ ראַטע, דריטהאַלבען רובל אַ חודש נאָך

מיט קאָפּיקעס. „בעסער" וואָס? ס'איז שוין מיט היינטיג, נישט מעהר זאָלען אייערע שונאים ושיפען, ווי מע היינט זיך אָן, אַ חוץ שבת און יום-טוב; ס'איז פון די מענשען אליין, זאָגען זיי, גענוג ווארים, טאַקי ווארים! שוין צופיעל ווארים! בארעכענט, קיין עין-הרע, וויפיעל שכנים אויף איין דירה: שמעריל דער גלעזער האָט איהר נישט איינס; פיני-מאיר דער קצב איז נישט צוויי; נפתלי-בער דער שמאַרגאָנער מלמד איז נישט דריי, משה'קע דער אלמן איז נישט פיער. וואָלט ער זיין איין אלמן וואָלט זיין נשקשה; איז ער אָבער אַזוי איין אלמן, ווי איהר זייט אַ גובערנאַטער; מע רופט איהם אלמן, ווייל ער איז אַמאָל געוועזן, נישט איצט געדאַכט, איין אלמן. היינט איז ער ברוך השם אויס אלמן, גאָט האָט איהם געבענשט מיט איין ארורה, זאָל זי זיך איהם נאָר האַלטען, רבונו של עולם...

היינט האָב איך פערגעסען רעכענען רב יאָשע דעם סופר מיט דער שנור. פאַרוואָס זאָג איך די שנור נישט דער זוהן? ווייל דער זוהן איז אַוועק אין מלחמה, האָט ער אָבגעטראָטען זיין אָרט דעם גליקליכען פּאָר, וואָס מע רופט זיי די „בונימאָוויטשעס". ווייסט איהר פאַרוואָס? דערפאַר וואָס ער איז אַ קאַליקער און זי איז אַ בלינדע, זעענען זיי מאסף ממון; אַ סברה גאָר, אַז זיי האָבען אַ שענעם קאַפּיטאַל, גאָר אַ שענעם קאַפּיטאַל, — צוויי מענשען און ביידע פאַרדינערס! רב לייבע דעם בעל-מגיה פון דרוק רעכען איך שוין נישט, ווארום ער איז נישטאָ אַ גאַנצע וואָך אין דערהיים, אַ חוץ שבת; ער איז אַ מענש אַ בעשעפטיגטער, האָט אפשר צעהן פּרנסות: אַ חוץ וואָס ער דינט אין דער דרוק איז ער אַ מעקלער פון ספרים, אַ „געהער" אויף מנינים, אַ „שיקער" פון חברות, אַ „זאָגער" פון תהלים, אַ „שלאָגער" פון מלקות, אַ „בלאָזער" פון שופר, און אַז עס מאַכט זיך חס ושלום איין אומגליק, אַ נוטה למות, שטעלט ער צונויף אַ „יענך" — און נאָך כדומה אַזעלכע פרנסות, לרוב; נאָר האָט קיין מורא נישט — זיין יו-דינע זיצט אויך נישט לעדיג: פלעכט הבדלות און פאַרקויפט באָבעס, און — שדים ווייסען איהם — פאָרט אַ קבצן! אַוואו האַלט איך אין חשבון? אריבער אַ מנין געווים, און אפשר נאָך מיט אַ צולייג. וואָלט אַלץ זיין גוט, ווען אַלע וואָלטען דאַוונען אין איין שול. איז אָבער די צרה, וואָס דער איז אין ווילייקע און יענער אין חאַנדריקעווע. מילא, אַז דער גלעזער דאַוונט אין דער גלעזערשער שול, דער קצב אין דער יאַטקעווער שול, דער מלמד אין דער ליבאַוועטשער שול —

דאס פערשטעהט מען נאך: כל עורב למינהו — איטליכער צו זיין צעך. אבער דו, אלמן, וואס קריכסטו אין דער אלטער שול דוקא צו סיראטע דעם חזן? ביסטו טאקי אזא מבין אויף נגינה? איהר וואלט איהם הערען אז עס קומט שבת זינגען זמירות — א קלאג צו איהם! א שטים פון א געקוילעטען האהן, און געגנועלט זיך נאך. ער פארהקט אזוי דעם קאפ מיט זיין ברוך שאכלנו, אז דעם גאנצען טאג זונטאג שאכלנו'ט מיר אין די אויהרען, טאמער ווייסט איהר וואס ער האט געאכלנ'עט ביי דער ארורה זיינער, אחוץ קללות מיט חרמות? און פונדעסטוועגען רעדט מיט איהר איז „זי" גערעכט: א מאן, זאגט זי, איז ווי דער גלות — אט מע טראגט איהם, נאר מע איז שוין גע-וועהנט. וואס זאגט איהר צו איהר קאפ?...

דאכט מיר, איך וואלט מעהר בעדארפט האבען טענות צו דעם וואס איך בין נישט ווערט דעם נאמען דערמאהנען, ווארום מיינער איז דאך טאקי יע ווי זאגט מען דאס א כשר'ער שעפס, טהוט נישט קיין האנד אין קאלט וואסער, זיצט יומם ולילה אין שול על התורה ועל העבודה, און איך ליג אין דער ערד ווי איהר ווייסט און באק בייגעל. „בייסער" וואס? איך וועל האבען א שטוהל אין גן-עדן. אר-בייט איך טאקי געטריי ווי איין אייזעל, און איהם זעה עס זאל זיין דער שבת מיט'ן יום-טוב כיד המלך! פארוואס שבת און יום-טוב? ווייל א גאנצע וואך עסט ער אויפ'ן חשבון פון דבורה אסתר. וואס ער עסט און ווי אזוי ער עסט וויל איך גאר אזוי ווייט די האנד נישט אריינלעגען. איך ווייס נאר, אז עס קומט שבת און יום טוב, איז פאר איהם גרייט די חלות, מיט די דגים, מיט'ן שטיקעל פלייש, מיט אלע מיט איינאנדער, און קומט יום טוב מוז זיין צימעס, פסח — פלוימען-צימעס, און סוכות מעהרען-צימעס.

האט זיך געטראפען א מעשה. פאראיאהרען סוכות, געווען א יקרות אויף מעהרען. שדים ווייסען זיי, נישט אריינגעפיהרט א פנים, א רענדיל א מעהרעלע, נאר ס'איז עפים א תירוץ? ביי מיין מאן איז דער צימעס טייערער פון אלץ. ער וועט אייך מוחל זיין די דגים מיט'ן פלייש מיט אלע מיט איינאנדער אבי צימעס זאל איהם זיין. לאז איך אייך דאכטען, איך ווייס, אז ס'איז נאר געזאגט, ווייל דער צימעס איז דאך שוין נאך אלעמען, מעג ער זיין א ותרן... האב איך געבראכט א קאשיק מעהרען, צערעכט געמאכט, צוגעשטעלט און אב-געקאכט. וואס זאל איך אייך זאגען? טעם גן-עדן! נישט אומזיסט איז

דאס ביי די נגידים א וואלעגדיגער מאכל; די נגידים זענען נישט קיין נאראנים. זיי האבען ליעב אלסדינג אין דערוואלען, דאס וואס מיר האבען ליעב אום שבת... אבגעקאכט, אוועקגעשטעלט און פערשארט אין מיין ווינקעלע, איטליכע שכנה האט זיך איהר ווינקעלע, בין איך אוועק אויף א ווייללע צו דער שוועסטער געוואהר ווערען. איך האב א שוועסטער ביילקע, איז זי, נישט פאר אייך גערעדט, געליימט אויף די פים שוין צעהן יאהר און דאך לעבט זי פון איהרע אייגענע הענד: זי פליקט פעדערן, ווינטער, הייסט דאס, פליקט זי פעדערען, און זומער, ארבייט זי קינדערשע זעקלעך מיט נארעסענע היטעלעך. זיצען זיצט זי אויף דער יודישער גאס, אויף לייבע לייזער'ס הויף, אויך א עקסוויזיטארסקער הויף, מיט נאך עטליכע הונדערט געזינדלעך. נו, וואס קומט מיר דערפאר, איך בעט אייך, אז איך האב מיך ארויסגעחאפט אויף א האלבע שעה צו דער שוועסטער איין מאל אין א יום-טוב? און אגב האב איך איהר טאקי געבראכט א חלה מיט א שטיקעל פיש, לאז זי אויך וויסען פון א יום-טוב צו זאגען, פרעמדע, חלילה, טראג איך איהר נישט, אייגענע הארעוואניע, דין וחשבון פאר'ן מאן דארף איך אויך נישט אבגעבען, היינט וועמען הער איך?

„ביי'סער" מע זעהט זיך נישט א גאנצענע וואך א חוץ שבת און יום-טוב, האבען מיר זיך א ביסעל פאררעדט, איז מען געקומען רופען מיך אהיים, איך זאל גיכער געהן, ווארום ער איז שוין געקומען פון שוהל, דער מאן מיינער, א קלאג צו מיר נישט, ער קען שוין זיין גוט בייז, וויל נעבאך עסען. בין איך דאך געלאפען נישט טויט נישט לעבעדיג און געטראפען אין סוכה שוין דאס זעקסטע פארל זיצען ביי דער סעודה, ווארום מיר אלע האבען איין שטיקעל סוכה, און נישט אלע קענען עסען אין איין צייט. דאנקען גאט, זאגען האט ער מיר נישט געזאגט גארנישט, דער מאן מיינער; ער איז נישט פון די מאנען וואס זאגען; ער איז א שטילער מענש; נאר ברוגז'ליך, זעה איך, איז ער. איך קאן איהם שוין נאכ'ן קוק: קוקט ער אריין אין א ספר אריין איז א סימן, אז ער איז ברוגז, דאס הייסט, אין ספר אריין קוקט ער תמיד, נאר קוקען צו קוקען איז נישט גלייך: יענץ איז אנדערש געקוקט און דאס איז ווידער אנדערש געקוקט, און א ביסעל איז ער טאקע סגי-נהור'דיג אויף אנ'אויג, קוקט דאס אוים גאר נישט יום-טוב'דיג. הויב איך מיך אן מסתמא פארענטפערן: דאס, יענץ, א שוועסטער, נישט געזעהען זיך א גאנצע וואך — בלאטע!

מיינער איז ברוגז, קוקט אין ספר אריין: איהם אונטערגעטראגען די קווארט, זיך געוואשען, דערלאנגט די פיש. שמעקט א מחיה, דאס ביסעל פארפעל, דאס שטיקעל פלייש, גוט און פיין ארום און ארום. געקומען צום צימעס, רוף איך מיך אן צו איהם, פא״ט א מאן וואס זיצט און לערנט: „איז פארהאן, זאג איך, ביי מיר א צימעס, הערסטו דער קיסער מעג איהם פערזוכען, כ׳לעבען! אנ׳אמת׳ער א יום־טוב׳דיגער צימעס און דוקא, זאג איך, פון מעהרען!... דערהערט צימעס, האט מיינער אוועקגעלעגט דעם ספר, — געווארען גאר א פרישער מענש, און איך לאז מיך צום אויווען, ערשט איך טהו א קוק, א קלאג צו מיר נישט, דער טעפיל ריין ווי גאלד און צימעס גישט א לעק, נישטא קיין צימעס! צימעס, צימעס! וואו איז מיין צימעס? איך לויף צו דעם, איך לויף צו יענעם: האט איהר נישט געזעהן מיין צימעס״?—וואסער צימעס? קיינער ווייסט נישט פון קיין צימעס! א גליק, איינע א שכנה האט רחמנות געהאט, האט זיך אנגערופען, אז זי ווייסט וואו איז מיין צימעס. ס׳איז שוין, זאגט זי, עליו־השלום, אוים צימעס, מע האט איהם שוין לאנג, זאגט זי, אויפגעגעסען, נאר ווער האט איהם אויפגעגעסען קאן זי נישט זאגען, זי האט מורא, וויל נישט האבען צו טהון מיט א סגי־נהיר׳טע, דאס הייסט מיט א בלינדע... און דא, איך טהו א קוק אויף מיינעם — גזלן! אריינגע־שטעקט די גאנץ אין ספר און שא!...

לויף איך דאך צו דעם גליקליכען פאר, וואס מע רופט זיי „בונימאוויטש״: „סטייטש, א קלאג צו אייך, וואס האט איהר, זאג איך, געהאט צו מיין צימעס״? זאגט זי: — וואסער צימעס? זאג איך: „דער יום־טוב׳דיגער מעהרען־צימעס״! זאגט זי: — א געזונד אין אייך, וואס רעדט איהר? איך האב געהאט א קעקערע!... האט דאס מיך מסתמא גוט פארבאקען ביים הארצען: א הולטאיקע קען! סטייטש, איך וויים, זי האט נישט געהאט קיין מעהרעלע אפילו אויף א רפואה, זאגט זי מיר, אז זי האט געהאט א קעקערע, א בעסערען צימעס נאך פון מיינעם, הייסט דאס. „האט איהר, זאג איך, געהאט א קעקערע״? זאגט זי: — א קעקערע! זאג איך איהר נאך אמאל: „א קעקערע״? זאגט זי מיר נאכאמאל: — א קעקערע! זאג איך איהר ווידער אמאל: „א קעקערע״? זאגט זי מיר ווידער אמאל: — א קעקע־רע!... נו, אט דא האט מיר שוין דערלאנגט אין דער ביין אריין, מילא, זי זאל מיר אבלייקענען, אז נישט זי האט צורעכט געמאכט

דעם צימעס, וואָלט איך אפשר קלערהרען: אַ קשיא, טאָמער נישט זי, טאָמער עמיצער אַנדערש? נאָר זאָגען, אַז זי האָט געהאַט אַ קעקערע!...

וואָס זאָל איך אייַך דערצעהלען ווייַטער? ס'איז געווען נישט שען, זעהר נישט שען... און ווער איז שולדיג, אַז מע האָט גענומען מענשען און מע האָט זיי צונויפגעפּאַקט אַלע אינאיינעם, ווי להבדיל, די הינער אין אַ קאַטוך; און גייַ טהו! און רעדט מיט זיי, מיט די הייַנטיגע, הייסט דאָס, אָט די עזות-פנים'ער, וואָס ווילען מאַכען נייַע פּאָראַדקעס אין שוהל-הויף, אייַנפיהרען ס'זאָל זייַן אַ מישמאַש, כולם אַהילאָם, דרינגען זיי, אַז קלוגע מענשען זאָגען, אַז אַזוי איז גוט... און איך זאָג אייַך נאָך אַמאָל: ס'איז תהו ובהו — הימעל און ערד און סטרוטשע-באָב און האָט מיר אַ גוטינגען יום-טוב! —

קנארטען.

„קְנָאַרְטֶען“.

אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַנְאַלְטֶען אַפִּיקוֹרוֹס

אִיבֶּערדֶערצֶעהלט לִכְבוֹד חנוכה.

היינט זענען קאָרטען — אַ וואָכעדיגער גאַנג.

וואו שפּיעלט מען היינט ניט אין קאָרטען? ווען שפּיעלט מען היינט ניט אין קאָרטען? און ווער שפּיעלט היינטיגע צייטען ניט אין קאָרטען?

אַמאָל, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, האָט מען ביי אונז געשפּיעלט אין קאָרטען נור איין מאָל אין יאָהר — חנוכה.

דאָס הייסט, אַז מע וויל צוריק פלעגט מען אַמאָליגע צייטען חאַפּען אין מיטען יאָהר אויך אַמאָל אַ קערטעל, און אַ רעכט קערטעל! אַ וואַרעמס! נאָר וואו? בחדרי חדרים! בסוד סודות!

אָדער וויִנטער אין חדר, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, בין מנחה למעריב, אַז דער רב איז געווען אין קלויז און געוואַרעמט זיך ביי דער לעזשאַנקע, כלומר׳שט געלערענט עין יעקב פאַר בעלי־מלאכות; אָדער זומער אין אַ פינסטערער שטאַל, ביי אַ שפּאַרינקעלע פון דער טהיר, אָדער גאָר אונטערגעקויפט געציל דעם שמש, אַ יוד אַ הויקער און אַ יאַדעשליוועך דערצו, און פערשלאָסען זיך גאַנץ אויבען, אין דער ווייבערשער שוהל, איבערגעקעהרט אַ סטענדער מחילה מיט׳ן פנים

אַראָפּ, און וואָלט אין „סטאַרש קאָזיר", אָדער אין „אַיין און דרײַסיג", אָדער אין „מערטעל-מערטעל"!

ריוועלאה די גבאי'טע, זכרונה לברכה, זי איז שוין לאַנג אויף דער אמת'ער וועלט, האָט געפונען בײַ זיך אין מאָל אין סטענדער אַ זאַך — איז זי שיער ניט אַנידערגעפאַלען חלשות: ווער האָט עס איהר געקאָנט אונטערוואַרפען אַזאַ זאַך אין סטענדער אַרײַן?!...

איז זי אַרויסגעלאָפען אויף דער גאַס, זיך געלאָזט איבער דער שטאָדט, און, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, גענומען שרײַען:

— גוואַלד, אידישע קינדער, ראַטעוועט! גוואַלד, אַנ'אומגליק! אַ בלבול! קומט וועל איך אייך עפּיס ווײַזען, וועט איהר זעהען!

וואו אַנ'אומגליק? און וואָס פאַר אַ בלבול — האָט מען בײַ ריוועלאה'ן נישט געקאָנט דערגעהן בשום אופן.

— קומט, קומט מיט מיר, וועל איך אייך ווײַזען!

און אָט אַזוי האָט זי, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, צונויפגעזאַמעלט אַרום זיך אַנ'עולם, קײַן עין-הרע, פונ'ם רב מיט'ן דיין מיט'ן שוחט מיט'ן חזן, ביז די איבעריגע חשוב'ע בעלי-בתים פון שטאָדט.

פערשטעהט זיך, אַז מע האָט דערזעהען ריוועלאה די גבאי'טע געהט און עס געהען איהר נאָך דער רב מיט'ן דיין מיט'ן שוחט מיט'ן חזן מיט נאָך בעלי-בתים, האָט שוין דער פּראָסטער עולם אויך גענומען געהן זעהען, וואָס טוט זיך דאָרט. און ווײַבער און יונגע לײַט און יונגלעך זענען אויך געווען ציקאַווע זעהען, וואָס איז דאָרטען. און מע איז אַוועק אַלע מיט ריוועלאה'ן, — אין שוהל אַרײַן. פריהער ריוועלאה, דערנאָך די שטאָדט.

איהר קאָנט אייך פאָרשטעלען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, וואָס פאַר אַ פּחד ס'איז געפאַלען אויף דער שטאָדט. יודען האָבען געמײַנט, אַז ס'איז זיכער אַנ'אומגליק: אָדער אַ ממזר האָט מען זיי אונטערגעוואָרפען, אָדער אַ געהאַנגענעם האָט מען געפונען, אָדער חס-ושלום אַנ'עלילת-דם. אָדער אַזוי עפּיס אַ צרה אויף דער שטאָדט...

ניט טויט ניט לעבעדיג האָט מען אַרויפגעקלעטערט אויף דער ווײַבערשער שוהל, ריוועלאה די גבאי'טע אויף צופריהער, דער רב מיט'ן דיין מיט'ן שוחט מיט'ן חזן נאָך איהר, און נאָך זיי דער איבעריגער עולם...

— וואו? וואו איז דער בלבול? — האָט דער עולם געפרעגט בײַ

ריווע-לאה דער גבאי'טע, זיך צוגעהערט, טאָמער וועלען זיי דערהערען אַ קול פונ'ם ממזר, אָדער דערזעהען העננען אַ מענשען אָדער נאָר חלילה סימנים פון בלוט, וואָס שונאים האָבען אונטערגעוואָרפען, בכדי צו ברענגען אַנ'אומגליק אויף דער שטאָדט...

און שטעלט אייך פאָר, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, ווי איבערראַשט מען איז געוואָרען, אַז אָנשטאָט אַ לעבעדיגען ממזר און אָנשטאָט אַ געהאַנגענעם און אָנשטאָט בלוט האָט מען דערזעהען אַ מאָדנע זאַך ביי ריווע-לאה דער גבאי'טע אין סטענדער: אַ גלח מיט אַ שוואַרצען צלם! און נישט נור איין גלח, נאָר צוויי גלחים מיט צוויי צלמים: איין גלח פון אויבען, דער אַנדערער גלח פון אונטען!...

אַלע האָבען זיך אָנגעבויגען, אַריינגעקוקט צו ריווע-לאה'ן אין סטענדער אַריין: פריהער דער רב, דער דיין, דער שמש, דער חזן, דערנאָך די חשוב'ע בעלי-בתים און דערנאָך שוין דער גאַנצער איבעריגער עולם, איינס נאָכ'ן אַנדערע. אַ קוק — און אַוועק. וואָרום נעהמען צוריהרען זיך צו דעם מיט די הענד — דערויף איז קיינער קיין בעלן ניט געווען. אַ חוץ איין וועלוועל ראַמשעוויטש, דעם חזנ'ס איידעם.

וועלוועל ראַמשעוויטש, אַז ער האָט נור אַ קוק געגעבען, איז ער געוואָרען מלא גדולה, האָט זיך צולאַכט און אויסגערופען מיט אַ שמחה:

— ס'איז נאַרניט, ס'איז אַ געלעכטער, ס'איז דער מלך טרעף!...

— וואָס הייסט עס מלך טרעף?

— ס'איז אַ קאָרט פון די קאָרטען, אַ שפיעל, וואָס מע שפיעלט...

— ווי זשע קומט זי אַהער, אין דער ווייבערשער שוהל, ביי ריווע-לאה דער גבאי'טע אין סטענדער? איז איין מאָל אַוועק. והשנית, פון וואַנען ווייסט דו, דעם חזנ'ס איידעם, וואָס איז אַזעלכס אַ קאָרט? און אַז זי הייסט מלך טרעף? און אַז דאָס איז אַ שפיעל, וואָס מע שפיעלט?...

אַוודאי האָט מיין וועלוועל דערזעהען, נעבאַך, אַז ער איז דאָ מאוס אַריינגעפאַלען, איז ער געוואָרען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אַלערליי קאָליערען און האָט גענומען בעלעבעטשען מיט דער צונג „בע" און „מע", אַהין, אַהער, אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט זיך ניט געקלעפט, — אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז...

נאר נישט דאס איז דער עיקר, וואס איך האב אייך געוואלט דערצעהלען. דאס איז א חוץ א מעשה, וואס מיר לייגען אפ אויף איין אנדערס מאל. עס איז נישט מעהר, ווי א מאמר המוסגר, ווי עס רופט זיך, א מין ארייינפאהר, צו אונזער געשיכטע פון די „קנארטען". איך האב אייך נור געוואלט ווייזען, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, ווי ווייט קארטען זענען אמאל געווען טרפה און ווי ווייט מע פלעגט זיך דארפען מיט זיי היטען.

איין וואך אין יאהר איז נור געווען א גליקליכע, וואס דעמאלט האט מען געקאנט ביי אונז שפיעלען אין קארטען פראנק און פריי, בפרהסיא.

דאס איז געווען די וואך פון חנוכה.

און ווי באלד מע שמועסט פון „פרייהייט" איז דאך נית שייך! האבען מיר זיך צונויפגעקליבען א גאנצע חברה יונגע־לייט, איינס און איינס טאקי ביי וועלוועל ראמשעוויטש אין שטוב. ער איז שוין דעמאלט געווען, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, א חברה־מאן, וואס האט זיך אפגעשערען בארד און פאות דווקא אום ספירה־צייט, געריכערט שבת א פאפיראס דווקא אויפ'ן גאניק, און געגעסען א גויאישען קאלבאס דווקא אין די ניין טעג — און רופט מיך קנאק־ניסעל.

און זיין ווייב, חיה'לע, דעם חונ'ס טאכטער, האט זיך מיישב געווען און האט אראפגעווארפען דעם פאריק און געבליבען אין איהרע אייגענע דווקא געלע האר, און האט בעשאטען מיט פודער איהר דווקא געשטיפעלט פנים און טאג ווי נאכט מיט יונגע־לייט: חא־חא־חא און חא־חא־חא, בעווייזען אלעמען דווקא איהר שווארצע ציין.

„דאס קלייזעל" — אזוי האט געהייסען ביי אונז ראמשעוויטש'עס שטוב — איז געווען אפען פאר אלע יונגע־לייט פון שטאדט. דארט האט מען געקאנט לייענען א בלאט צייטונג, א פסול'דיג ביכעל, רויכערען שבת א פאפיראס, אין א תענית זיך טרף מאכען מיט א קאלבאס — און דער עיקר חאפען א קערטעל.

קארטען האבען זיי ביידע ליעב געהאט, אי ער אי זי; זי נאך מעהר, ווי ער. זי האט געברענט, געווען אש להבה! א סברה, אז זיי האבען געלעבט דערפון... מחמת זי האט כסדר געהאלטען אין איין געווינען. ס'איז איהר געגאנגען די קארט און אנ'עק! שטענדיג איז ביי איהר געווען טריומף. אלע מאל די בעסטע קארטען, אלעמען האט זי געשלאגען און געהט טוט איהר עפים!

אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, וואָס הייסט אַנ׳איידעמעל אויף קעסט, בעדאַרף איך אייך זאָגען, אַז צוליעב זיהר, צוליעב אָט דער חיה׳לע מיט די רויטע האָר און געשטיפּעלטען פּנים, האָט ניט איין איידעמעל, וואָס איז געזעסען אויף קעסט, פערשפּיעלט דאָס גאַנצע גרן מיט׳ן וויב׳ס פערעל און געמאַכט דעם שוועהר פאַר אַנ׳אָנזועצער.

מיט איינעם אַזאַ איין איידעמעל האָט זי אָפּגעשפּיעלט איין מאָל אַ גאַנצען ווינטער אין אָקע און געבראַכט דערצו, ער זאָל זיך גט׳ען מיט׳ן ווייב — אַ בילד, אַ ק־אַסאַוויצע — און אַריבער צו איהר אויף קעסט... איז געוואָרען אין שטאָדט אַ ויצעקו! וואָס זאָל איך אייך זאָגען? חשך ואפלה!...

נאָר דאָס געהער זיך נאָך אויך ניט אָן מיט אונזער געשיכטע פון די „קנאָרטען". נישמעהר איך בין צוגעטראָטען צום סאַמע רעכטען אָרט, וואו די מעשה האָט זיך געטראָפען. דאָס הייסט, די געשיכטע, וואָס איך וויל אייך דערצעהלען, איז פאָרגעקומען טאַקי אין דעם „קלייזעל", וואָס איך זאָג אייך, — ביי די ראַמשעוויטשעס אין שטוב, און געווען איז דאָס דעם ערשטען טאָג חנוכה.

זענען מיר אַלזאָ געזעסען דעם ערשטען טאָג חנוכה אין „קלייזעל" ביי די ראַמשעוויטש׳עס און געשפּיעלט, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אין אונזער כשר׳ער יודישער שפּיעל — אין אָקע.

און געשפּיעלט האָבען מיר דאָרטען, דאַרפט איהר וויסען, כתות־ווייז, פּאַרטיעסווייז. איין פּאַרטיע האָט אָפּגעשפּיעלט, די אַנדערע האָט זיך געזעצט שפּיעלען. אַלעמאָל אַזוי. ווער ס׳האָט געשפּיעלט אין דער־פריה, ווער — בייטאָג און ווער אויף דער נאַכט. און מיט יעדער קאָמפּאַניע האָט געשפּיעלט איינער פון די ראַמשעוויטשעס. אַמאָל ער און אַמאָל זי, און אַמאָל זיי ביידע. ביינאַכט, אַז ער איז געשלאָפען, האָט זי געשפּיעלט, און אַז זי איז געשלאָפען, האָט ער געשפּיעלט. און אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז זיי זענען אַ נאַכט און צוויי נעכט און דריי נעכט ביידע נישט געשלאָפען, ביידע געשפּיעלט. סיידען אויף אַ האַלבע שעה אָפּגעטראָטען אויף אַ זייט און צווישען איין קאָן און אַנדערען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אָנגעשפּאַרט זיך און געחאַפּט אַ דרימעל...

צושפּאַרען זיך און חאַפּען אַ דרימעל — דאָס האָט געקאָנט יעדערער פון די געסט אויך. ווער עס האָט פערחאַפּט פריהער אַנ׳אָרט אויף צו־צושפּאַרען זיך — דער האָט געחאַפּט אַ דרימעל.

דאָס איינגענע איז געווען אויך מיט'ן עסען. אויפ'ן טיש איז תמיד געשטאַנען אַ פלעשעל מיט אַ גלעזעל. אַלערליי געזאַלצענס און אַנגעשניצענער קאָלבאַס און, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, איז כל דכפין — ווער עס וויל, דער קאָן געהן עסען.

פערשטעהט זיך, אַז דאָס אַלסדינג איז געווען על חשבון הקאָרטען. פון יעדען קאָן האָט מען אַראָפּגענומען אַלעמאָל „מוידגעלט", פאַר דער מויד, הייסט עס, חאָטש אין „קלייזעל" איז נישט געווען קיין שום מויד. די ראַמשעוויטש'עס האָבען זיך ניט גענויטיגט אין קיין דיענסט. קיין מאָלצייטען האָט מען נישט געקאָכט, קיין בעטען נישט פערבעט, די שטוב נישט געקעהרט, ס'איז נישט געווען קיין צייט דערויף, הייַנט צו וואָס אַ מויד? פון דעסטוועגען האָבען די ראַמשעוויטשעס נישט דורכגעלאָזט קיין שפּיעל אָהן „מוידגעלט". אַלע האָבען געוואוסט, אַז דאָס געהט אויף דירה-געלד, אויף הייצונג, אויף קאָרטען און אויף פערבייסען. לעבעדיגע מענשען. אַ לעבעדיגער מענש דאַרף עסען. דערפון קאָנט איהר שוין פערשטעהן, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אַז עסען און טרינקען האָט איהר דאָרט געקאָנט ווען און וויפיעל אייער האַרץ געלוסט...

דאָס זעלבע אויך מיט פּאַפּיראָסען. גאַנצע קאָסטענס מיט פּאַפּיראָסען, און ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצען, דער האָט געבלאָזען. און מעהר פון אַלע האָבען גערויכערט די ראַמשעוויטשעס אַליין, ער און זי, זי נאָך מעהר פון איהם. איך קאָן מיר גאָרנישט פאָרשטעלען חיה-לאה ראַמשעוויטש אָהן אַ פּאַפּיראָס אין מויל. דערצו דאָס אָנגעפודערטע געשטופּעלטע פּנים מיט די נישט-פערקעמטע רויטע האָר, מיט די נישט-דערשלאָפענע אונטערגעשוואָלענע אויגען, און דער שטענדיג בלויער רויך, וואָס אין שטוב, מיט'ן טומעל, מיט'ן הו-האַ, — אָט דאָס אַלעס אינאיינעם, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, קאָנט איהר זיך פאָרשטעלען, ווי דאָס „קלייזעל" האָט אויסגעזעהען חנוכה, ווען מען קאָן שפּיעלען אין קאָרטען פראַנק און פריי און מען דאַרף זיך נישט בעהאַלטען און נישט מורא האָבען פאַר אַ גוט אויג...

איך בין יענעם טאָג געווען פון דער דריטער אשמורה, דאָס הייסט, פון דער קאָמפּאַניע, וואָס האָבען זיך געזעצט שפּיעלען דעם ערשטען טאָג חנוכה אויף דער נאַכט, צום צווייטע ליכטעל. און נישט אויפגעשטאַנען פון טיש, ביז מע האָט בעדאַרפט אָנצינדען דאָס דריטע ליכטעל און אַ ביסעל ווייטער...

געבענשט חנוכה=ליכטלעך האָט נישט דער בעל=הבית, וועלוועל ראַמשעוויטש, חלילה, נאָר איינער פון די געסט: אֶלי ראַפּאַלסקי, אַ יונג=ערמאַן אַ צאַצקע, אַנ׳איידעם אויף קעסט, וואָס האָט ליעב אַ קערטעל, נאָר פון יודישקייט אָפּטרעטען — דאָס ניט. און די ראַמשעוויטשעס האָבען געהאַט זעהר אַ וואוילע טבע: ס׳איז נישט זייער עסק. איהר מעגט אייך זיין, וואָס אין דער קאָרט, אָדער, פערקעהרט, איהר קאָנט אייך זיין פרום, ווי זיבען שדים — אַבי איהר האָט אין קעשעני און שפּיעלט אין אָקע און ס׳איז דאָ נאָך פּלאַץ אויף נאָך אַ האַנד, איז ברוכים הבאים, מיט׳ן גרעסטען כבוד! אַזוי פיעל מכות מיינע שונאים און אַזוי פיעל גליקליכע יאָהר מיר, וויפיעל מאָל עס האָט זיך געמאַכט, מיר האָבען אָפּגעשפּיעלט מיט מענשען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, פינף נעכט מיט פינף טעג דורכאַנאַנד און זיך צוגאַנגען און נישט גע=וואוסט, ווער זיי זענען און וואָס זיי זענען און פון וואַנען זיי זענען און וואוהין זייער געביין איז אַהינגעקומען. אַ קאָרט איז נישט קיין שדוך. מע קאָן זיך זעהר שען שפּיעלען אין אָקע „בלינד“ און נישט וויסען יענעמס יחוס.

אַלזאָ זענען מיר געזעסען און געשפּיעלט אין אָקע, פערטיעפט אין דער אַרבייט אַזוי שטאַרק, אַז מיר האָבען גאָר ניט בעמערקט, ווי עס זענען אַריינגעקומען צווי פאַרשוינען, נאָר אַזעלכע מאָדנע און נישט קיין געוועהנליכע, אַז ווי נאָר מיר האָבען דערהערט זייער „גוט יום=טוב“ און אויפגעהויבען אויף זיי די אויגען, זענען מיר אַלע געבליבען, ווי גע=פּלעפט, אָהן הענט און אָהן לשון.

ווילט איהר דאָך וויסען, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ מין פאַר=שוינען אַזעלכע, וואָס מע דאַרף זיך פאַר זיי דערשרעקען? וועל איך אייך זיי אָפּמאָלען, ווי ווייט מעגליך אין קורצען.

איינער אַ יוד אַ הויכער, אַ לאַנגער, אַ שמאָלער, אין אַ זיידענער זשופּעצי; פּאות — לאַנגע, שמאָלע, פלעכטעלדיגע, ביז׳ן גאַרטעל; אויפ׳ן קאָפּ אַ שטריימעל; און אַ באָרד מיט אַ פּאָר וואָנסעס אַזעלכע, וואָס אַז מע בעגעגענט זיך מיט אַזאַ נפש ביינאַכט אין דער פינסטער, אין אַ שמאָל געסעל — מעג מען לייענען קריאת=שמע.

דער אַנדערער — דווקא אַ נידעריגער און דווקא אַ גראָבער, אויך מיט לאַנגע פּאות און אויך מיט מאָדנע באָרד און וואָנסים, נאָר נישט אַזוי מסוכן ווי דער ערשטער. אין איין האַנד האַלט ער אַ לאַנטערן, אין דער אַנדערער — אַ פּאַטשיילע מיט געלד.

דערזעהען, אַז מיר האָבען זיך פאַר זיי ווי דערשראָקען, האָט דער הויכער דער לאַנגער מיט די פלעכטעלדיגע פאות, אַרויסגעלאָזט אַ שמייכעלע פון די וואָנסעס און אַ זאָג געגעבען נאָך אַ מאָל:

— אַ גוט יו‍ ־טוב אייך, ליבע יודען, מיר זענען געקומען צו אייך גוט־יום טוב בעטען לכבוד חנוכה.

דערביי האָט ער געגעבען אַ קוק אויף די חנוכה־ליכטלעך, דער־נאָך אויפ'ן טישעל מיט די קאָרטען און אַרויסגעלאָזט אַ טיעפען זיפץ. באַלד נאָך איהם האָט דער צווייטער, דער גראָבער, אויך געגעבען אַ זיפץ. ביידע האָבען געזוכט מיט די אויגען אַנ'אָרט אויף צוצוזעצען זיך.

גוט, וואָס דער בעל־הבית, ראַמשעוויטש, האָט זיך געכאַפּט, אַז מע בעדאַרף זיין העפליך. האָט ער זיך געגעבען אַ הויב אויף פונ'ם אָרט, אָפּגעגעבען די אַריינגעקומענע שלום עליכם, אָנגעוויזען זיי, וואו צו זעצען זיך, און באַלד נאָך איהם האָבען מיר אַלע שוין געפונען פאַר נויטיג אָפּגעבען זיי שלום, איטליכער בעזונדער, ווער מיט אַ קוועטש ביי דער האַנד און ווער גלאַט מיט אַ שאָקעל דעם קאָפּ צו זיי פון דער ווייטען.

אַנידערגעזעצט זיך, האָבען זיי ביידע ווידער איבערגעקוקט זיך און אַרויסגעלאָזט אַ טיפען זיפץ, און דער בעל־הבית האָט געפונען פאַר נייטיג אַ פרעג צו טון ביי זיי: מה שמיכם? פון וואַנען? וואוהין? און וואָס? און ווען? — ווי געוועהנליך.

האָט אָפּגעענטפערט דער לאַנגער און דער שמאָלער מיט אַ שפּראַך, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, פון שמן זית. פּאַוואָלינקע, געצעהלטע ווערטער און מיט אַ צוקערדיג זיס שמייכעלע פון די מורא־דיגע וואָנסיס אַרוים. עס האָט אויסגעזעהען, אַז ניט ער רעדט, נאָר ער בענשט און זיפט עפּעס בעת־מעשה. — איך בין, מיינע ליעבע יודען, דעם בעל שם טוב'ס איין אייניקעל, און גייע אַרום כל ימי איבער דער וועלט און ריכט אָפּ גלות און זאַמעל געלד אויף ישיבות דאָ, אין חוץ לארץ, און דאָרט, אינ'ם לאַנד פון אונזערע אבות — אָך־אָך־אָך! און דאָס איז מיין גבאי, וואָס גייט מיט מיר — האָט ער אָנגעוויזען מיט די אויגען אויפ'ן גראָבען, און ביידע האָבען אַרויסגעלאָזט אַ טיפען זיפץ. — אונזער גאַנץ לעבען האָבען מיר אַוועקגעגעבען פאַר ישיבות, גאָטס תורה זאָל חלילה ניט פערגעסען ווערען — אָך־אָך־אָך! גיט, יודען, אַ נדבה, וויפיעל אייער הארץ פערטראָגט... אחד המרבה ואחד

המטעית — האָט אויסגעלאָזט דעם בעל שם טוב'ס אייניקעל מיט אַ גלאַנץ די אויגען אַרויף און מיט אַ פסוק, און דער גבאי האָט איהם אונטערגעהאַפּט אויך מיט אַ פסוק: „וכל המרבה מרבין לו מן השמים", פערגלאַנצט די אויגען אַרויף און געגעבען אַ לייג אַוועק די פּאַטשיילע מיט געלד אויפ'ן טיש מיט אַ קלונג. די פּאַטשיילע האָט זיך אויפגעבונדען און פון דאָרט האָבען אַרויסגעקוקט אַ מאַסע זילבערנע און אויך גאָלדענע מטבעות.

געלד, זאָגט מען, געהט צו געלד. ווייל אין דער פּאַטשיילע זענען געווען אַ סך זילבערנע און גאָלדענע מטבעות, האָבען מיר שוין ניט געקאָנט זיין אַזוי גראָב און האָבען אַריינגעוואָרפען אין דער פּאַטשיילע אַריין איטליכער פון זיין קעשענע, און בעת מעשה איז אונז אַלעמען דורכגעפלויגען אַ מחשבה (איך ווייס פאַר געווים, אַז אַלעמען איז דורכגעפלויגען דער זעלבער געדאַנק): — אַך, ווען איך האָב דאָ ביים טיש אָט די פּאַטשיילע מיט געלד!... וואָס פאַר אַ ספּעקטאַקל וואָלט איך אָפּגעשפּיעלט!...

ביי אונזער בעל הבית'טע, חיה'לע ראַמשעוויטש, האָבען זיך אַזש די אויגלעך, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אָנגעצונדען און צוברענט. דאָס האָבען בעמערקט אַלע, אפילו דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל מיט'ן גבאי, וועלכע האָבען זיך ניט געאַיילט צוצונעהמען די פּאַטשיילע פונ'ם טיש. זיי זענען געזעסען ביידע אַראָפּגעלאָזט די הענט און עפּעס מאָדנע אַריינגעקוקט אין די קאָרטען, וואָס זענען געלעגען צעוואָרפען איבער'ן טיש. עס איז געווען קענטליך, אַז זיי זעהען דאָס צום ערשטען מאָל אויף זייער לעבען.

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, וואָס איך וועל אייך פרעגען, אפשר שטערען מיר אייך? — אַזוי רופט זיך אָן דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל מיט זיין שמן־זית־לשון און מיט זיין צוקער־זיס שמייכעלע, אָנווייזענדיג מיט'ן מינדסטען פינגער אויף די צעוואָרפענע קאָרטען: — וואָס איז דאָס אַזעלכעס אָט אָ דאָס אָ?

— קאָרטען — ענטפערען איהם ביידע מיט אַמאָל, דער בעל־הבית מיט דער בעל־הבית'טע, קוקען זיך איבער מיט אונז, ווי איינער רעדט: „פאַרהאַן נאָך, אַ פנים, אַזעלכע ווילדע מענשען אויף דער וועלט, וואָס ווייסען ניט פון קאָרטען צו זאָגען"...

דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל האָט צוגעמאַכט איין אויג, פער־

קנײטשט דעם שטערען מיט דער נאָז, אויסגעדרעהט דאָס פּנים צום גבאי און אַ זאָג געגעבען מיט אַ זיפצעל:

— קנאָרטען? . . .

— קנאָרטען! — האָט איהם אָפּגעענטפערט דער גבאי, אויך מיט אַ זיפצעל.

— ניִשט קײן קנאָרטען, נאָר קאָרטען! — האָט זיך חיה־לאה ראַמשעוויטש אײנגעשטעלט צו פערריכטען, ניט אַראָפּלאָזענדיג קײן אויג פון דער פּאַטשײלע מיט געלד.

פערשטעהט זיך, אַז ניִשט דעם בעל־שם־טוב'ס אײניקעל און ניִשט דער גבאי האָבען ניִשט אָפּגעענטפערט דער בעל־הבית'טע, און אַפילו איהר ניִשט געשענקט קײן קוק פון זײערע װײבע, שמײכלענדיגע, קלוגע אויגען — אַזעלכע יודען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, קוקען ניִשט אויף אַ נקבה.

— זאָגט־זשע מיר, איך בעט אייך, װאָס איך װעל אייך פרעגען, אויב מיר שטערען אייך ניִשט, — מאַכט דעם בעל־שם־טוב'ס אײניקעל װידער אַ מאָל צום בעל־הבית: — װאָס איז דאָס אַזעלכעס קנאָרטען? און אויף װאָס דארף מען דאָס? דאָס הײסט, איך מײן, װאָס טהוט מען מיט דעם?

— מע שפּיעלט — ענטפערט איהם ראַמשעװיטש — אַז עס קומט חנוכה, שפּיעלט מען אין קאָרטען.

דעם בעל־שם־טוב'ס אײניקעל האָט װידער צוגעמאַכט אײן אויג, און װידער אויסגעדרעהט פּאַװאָלינקע דאָס פּנים צום גבאי און אַ זאָג געגעבען מיט אַ זיפצעל:

— חנוכה שפּיעלט מען בײ זײ אין קנאָרטען. אַך־אַך־אַך! . . .

— אין קנאָרטען! — חזר'ט איבער דער גבאי מיט'ן אײנענעם זיפצעל.

— װאָס־זשע הײסט עס? — רופט זיך אָן דעם בעל־שם־טוב'ס אײניקעל װידער אַ מאָל צום בעל הבית, לאַנגזאַם, מיט זײן שמן־זית־לשון — װי אַזוי שפּיעלט מען דאָס אין קנאָרטען? און צוליעב װאָס?

— צוליעב געלד — ענטפערט איהם ראַמשעװיטש, קוקט אויף אונז און אויף דער פּאַטשײלע מיט געלד.

אַ פּנים, דער ענטפער צוליעב געלד האָט אויסגעװיזען בײ בײדע געסט שטאַרק װילד און משונה אומגעלומפּערט, װאָרים זײ האָבען בײדע אין אײן צײט אויסגעדרעהט זיך אײנס צום אַנדערען און אַװעקגעשטעלט

אַזעלכע מאָדנע פּנים'ער, אַז דער עולם, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געשטיקט זיך, האָט נישט געקאָנט מער אײַנהאַלטען זיך און אויסגעשאָסען אַ געלעכטער.

— וואָס איז דאָ צו לאַכען? — האָט זיך די בעל־הבית'טע אָנגענומען זייער קריוודע, פערוויכערט אַ פּאַפּיראָס נור צוליעב דעם, מען זאָל נישט זעהען, ווי זי לאַכט, און דער בעל־הבית, וועלוועל ראַמשעוויטש, איז איהר געקומען צו הילף און געגעבען צו פערשטעהן די דאָזיגע יודען, קורץ און שאַרף, דעם שכל פון קאָרטען, אַז קאָרטען איז אַ „זאַבאַווע" אויף צו פערברענגען די צײַט, און אַ מיטעל אויף צו מאַכען געלד. קורץ — קאָרטען איז אַ געשעפט. אַ געשעפט, ווי אַלע געשעפטען.

אַזוי האָט אויסגעלאָזען וועלוועל דעם חזנ'ס אײדעם און אַ נעהם געטהון זיך צו די קאָרטען און אַ קוק געגעבען אויפ'ן עולם, בכדי צו בעווײַזען די „דעקוטשליווע" יודען, אַז מע איז פערטהון אין געשעפט, און אַז ס'איז קורץ די צײַט, און אַז זיי מעגען שוין אויפשטעהן, אויפהערען דרעהען אַ מוח און געהן געזונדערהייד.

די יודען האָבען אָבער, ווי עס ווײַזט אויס, נישט אין זינען געהאַט אַפילו אויפצושטעהן און אַוועקצוגעהן. אדרבה, זיי האָבען זיך, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, נאָך מעהר צוגערוקט צום טיש און געקוקט, ווי דער בעל־הבית טאַשט קאָרטען מיט אַזעלכע אויגען, גלײַך ווי זיי וואָלטען זיך געריכט, אַז דאָ וועט אַרויסשפּרינגען, מי יודע וואָס פאַר אַ וואונדער!

— אויב מיר שטערען אײַך נישט... — האָט דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל אַ זאָג געגעבען צו אונז אַלעמען מיט זײַן שמן־זית־לשון און מיט זײַן זיס שמײכעלע.

— איהר ווילט אָנקוקען, ווי מע שפּיעלט אין קאָרטען? — האָט איהם אונטערגעכאַפּט וועלוועל ראַמשעוויטש — קוקט, איהר וועט אונז נישט קאַלי מאַכען... נו? קינדער! צו דער אַרבייט! די נאַכט שטעהט נישט! ווער איז ערשטע האַנד?

און די איבערגעריסענע אַרבייט איז אַוועק ווי פריהער, און נאָך מיט מעהר פרישקייט, מיט מעהר היץ, מיט כונה, מיט קאָפּ, און טאַקי ווי עס רופט זיך: „לשמה!"...

די יודען האָבען נור געקוקט אונז אַלעמען אין די אויגען אַרײַן, זיך צוגעהערט צו אונזער שפּראַך און געכאַפּט אַ קוק אויך צו אַלעמען אין די קאָרטען, און אַלע מאָל, ווען מיר האָבען פּאַוואָלינקע, ביסלעכווײַז, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אַרײַנגעקוקט אין דער איבערגעדעקטער

קארט, האבען אויך אונזערע צוויי יודען זיך איינגעבויגען אין דרייען און אריינגעקוקט פון אונטען ארויף אדער פון אויבען אראפ און געמאכט בעת מעשה אזעלכע גרימאסען, אז מע האט בעדארפט זיין שטארקער פון אייזען, מען זאל נישט פלאצען פון געלעכטער. א גליק, וואס מע איז געווען אריינגעטהון איטליכער אין זיין קארט, און קארטען, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, האבען אין זיך א כח, אז סיידען ערד-ציטערניש קאן אמאל שטערן.

איך האב מורא, אז איך בין געווען דער איינציגער, וואס איך האב זיי געהאט, ווי מען רופט דאס, אויפ'ן אויג. איך האב פון צייט צו צייט געכאפט א קוק אויף מיינע צוויי יודען. עס איז מעהר, ווי זיכער, אז נישט זיי, נאר מיר זעהען אוים ביי זיי ווי ווילדע מענשען, וואס פערנע-מען זיך מיט א ווילדע מלאכה, רעדען אויף א ווילדע שפראך און פיהרען זיך, ווי ווילדע מענשען: זיצען אהן היטלען, בלאזען פאפיראסען, ביי-טען זיך מיט פאפירלעך, ווארפען געלד אין טעלער אריין און רעדען זיך דורך מיט אזעלכע ווערטער, וואס קאנען אויסזעהען ווי טערקיש. ווארום ווער איז דאס מחויב צו פערשטעהן, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, וואס הייסט „פאס"? „קווענץ"? „שראגע", „וויזא"? „נאראש"? „שקצים"? „שיק-סעס"? „אויבער — מלכה", מלך — טויז"? וכדומה אזעלכע דבורים, וואס זענען שייך צו קארטען-שפראך?...

איך קאן אייך שווערען בהן שלי, אז מיר אלע האבען שוין געהאט כמעט פערגעסען אן די צוויי יודען. פלוצים טהוט עמיצער א פאטש מיט א ווייסער האנד איבער דער טאש מיט קארטען אויפ'ן טיש און א זאג:

— שאט, יודען! מיר ווייסען שוין! מיר האבען געכאפט דעם שניט! ס'איז א יצר-הרע! א גוואלדיגער יצר-הרע, א קליפה, רחמנא לצלן! טהוט אונז צוליעב, גיט אונז אויך! ס'איז א יצר-הרע א קליפה! אוי, א קליפה! גאט וועט אונז מוחל זיין! זינדיגע מענטשען! זעהט, גיט אונז אויך; מיר ווילען אויך פערזוכען דעם טעם פון קנארטען!

דאס איז געווען דעם בעל-שם-טוב'ס איניקעל'ס ווערטער. געזאגט זענען זיי געווארען מיט אזא ציטערדיג קול און מיט אזוי פיעל פייער און מיט אזא רחמנות-פנים, כמעט מיט טרערען אין די אויגען, אז ממש, עס האט אויסגעריסען א שטיק הארץ! און דערצו האט מיטגעהאלפען, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, די פאטשיילע מיט זילבער און גאלד... איטליכען האט זיך געוואלט (איך בין איבערצייגט, אז איטליכען!), אז די דאזיגע פעטשיילע מיט זילבער און גאלד זאל אריבערגעהן צו איהם... ביי

אונזער חיה-לאה ראַמשעוויטש האָבען זיך אוש די אויגען אָנגעצונדען און די בּעקלעך צעפלאַמט, און זי האָט זיך אָנגערופען צו איהר מאַן, וואָס איז געבּליבּען, ווי געלײמט, און צו אונז אַלעמען.

— יודען בּעטען... וואָס וועט איך אַרען?... טהוט זײ צוליעב... לאָמיר זײ געבען קאָרטען צוליעב יום-טוב! צוליעב חנוכּה! — האָט זי צוגעגעבען מיט אַ שמחה, וואָס איז איהר געקומען אויפ'ן זינען דער געדאַנק, אַז היינט איז יום-טוב, — חנוכּה, און די אויגען איהרע, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, האָבען זיך אײנגעקוקט שטאַרק אין דער פּאַטשײלע מיט געלד, וואָס דעם בּעל-שם-טוב'ס אײניקעל האָט דערווײל צוגערוקט צו זיך און גענומען מיט טרײסלענדיגע הענד און ציטערדיגע פינגער אַרויסציהען פון דאָרט אַ מטבּע נאָך אַ מטבּע, פריהער זיך, דערנאָך דעם גבּאי, אָנגעלײגט אַ גאַנץ קופּקעלע מיט געלד, צווײ קופּקעלעך. אײן קופּקעלע זיך, דאָס אַנדערע — דעם גבּאי, און בּעת מעשה פערענטפערט זיך, גערעדט צו זיך אַלײן:

— נישקשה! מיר האָבען אַ שטאַרקען גאָט!... ממה נפשך, וועלען מיר געווינען, וועלען די ישיבות האָבען נאָך געלד... וועלען מיר, חלילה, פערשפּילען, וועט אונז גאָט מוחל זײן. ער איז אײן אֵל ארך אפּים! — האָט ער אויסגעלאָזט מיט אַ לשון-קודש-וואָרט און מיט אַ גלאַנץ די אויגען אַרויף, און דער גבּאי האָט איהם אונטערגעכאַפּט אויך מיט אַ גלאַנץ די אויגען אַרויף און אויך מיט אַ לשון-קודש וואָרט:

— אײן אֵל ארך אפּים ורב חסד ואמת!...

דאָס אַלסדינג, וואָס איך דערצעהל אײך, איז פאָרגעקומען אַזוי פּלוצים, אומגעריכט, אַז קײנער פון אונז, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, האָט קײן צײט נישט געהאַט אפילו צו וואונדערען זיך און עס האָט אונז אויסגעוויזען אַזוי נאַטירליך, וואָס נאַטירליכער קאָן שוין גאָרנישט זײן! און דערצו מוז מען מודה זײן, אַז אַלעמענס געדאַנקען זענען געווען, ווי איך האָב אײך שוין געזאָגט, אין דער פּאַטשײלע מיט זילבּער און אַלעמענס אויגען זענען געווען אויף די קופּקעלעך מיט געלד...

עס איז נור געבּליבּען אײן זאַך אויף צו בּעשטימען: מי ומי ההולכים — ווער זאָל שפּילען? דאָס הײסט, אַזוי ווי עס זענען צוגעקומען פרישע צווײ פּאָר הענד, בּלײבּט אַ קשיה, ווער פון אונז זאָל אַרויספאַלען פון קאָן?

פערשטעהט זיך, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אַז קײנער פון אונז האָט קײן חשק נישט געהאַט אַרויסצופאַרען פון קאָן בּײ אַזאַ

געלעגנהייט צו שפּילען אין אָקע מיט'ן בעל־שם־טוב'ס אייניקעל, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אַזאַ פּאַטשיילע מיט געלד. און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ דינגעניש: „געה דו". „געה דו". „פאַר וואָס איך?" „פאַר וואָס ניט דו?"

דאָס ערשטע כּפּרה־הינדעל איז געוועזען דאָס זיידענע איידעמעל, די צאַצקע, וואָס איך האָב אייך געזאָגט פריהער, אֶלי ראַפּאַלסקי, דער זעלבער, וואָס האָט געבענשט חנוכּה־ליכטלעך פאַר אונז אַלעמען.

אויף איהם איז געפאַלען דער גורל, ווייל חיה'לע ראַמשעוויטש האָט אַזוי געוואָלט. זי האָט געדרונגען, אַז ער דאַרף געהן אַהיים. שוין שפּעט. זיין שוועהר און שוויגער וועלען האָבען טענות, מאַכען סקאַנדאַלען, לאָזען זיי געהן כּף הקלע!

דאָס איז אָבער נור געוועזען לפנים. אין דער אמת'ן, האָבען אַלע געוואוסט דעם סוד, אַז אֶלי איז אַ פערשפּיעלטער. עס טאָגט שוין ביי איהם לאַנג אין געלד, און לייהען וויל איהם קיינער נישט: אין מיטען שפּיעלען לייהט מען נישט.

האָבען מיר שוין איינעם גע'פּטר'ט. וואָס־זשע טהוט מען מיט'ן צווייטען? דאַרף מען וואַרפען גורל, ציהען קניפּלעך, ווי דער שטייגער איז. און צו וואָס זאָל איך אייך לאַנג מאריך זיין? מען האָט גענומען די צוויי יודען צו דער אַרבייט און מען האָט אָנגעהויבען ביי זיי אָפּציהען אַ קופּקעלע. אין דער פּאַטשיילע איז געוואָרען אַלע מאָל ווינציגער און ביי אונז איז געוואָרען מעהרער. די יודען האָבען געברענט, ווי אַ שטרויענער דאַך. עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, אַז די פּאַטשיילע זאָל זיך אָט־אָט אויסלעדיגען עד לפּ"ק און פונ'ם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל זאָל ווערען אַ גל של עצמות. עס איז שוין דורכגעפלויגען ביי אונז אַ מחשבה: וואָס וועט זיין, טאָמער בלייבען זיי אָהן אַ פּרוטה? וואָס וועט די שטאָדט זאָגען? וואָס וועט די וועלט זאָגען?...

נאָר אַ קאָרט, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, האָט אין זיך אַ כּח, אַז אָט ליגט איהר אָרצה, אָט־אָט, דאַכט זיך, טראָגט מען אייך אַרויס אין אַ ליילעך. פּלוצים טהוט אַ שיין דאָס מזל און עס געהט אייך אוועק דאָס בלאַט — איהר ווייסט אַליין נישט, ווי אַרום און פון וואַנען! אונזערע יודען האָט אָנגעהויבען צו געהן, ווי עס רעדט זיך, דורך טהיר און דורך פענצטער! ובפרט פון דער מינוט אָן, ווען דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל האָט אַליין גענומען אויסטיילען קאָרטען. „מע בעדאַרף נעהמען די סטרא אחרא אין די הענד אַריין" — האָט ער געזאָגט, אויסטיילענדיג

קאָרטען, פריהער פּאַוואָלינקע, האַרט בײַ די ווענט, מיט נישט קײן געביטער, ציטערדיגער האַנד און עפּעס ווי צעטומעלט, מיט בלאָנזענדיגע אויגען, וועלכעס האָט אַרויסגערופען בײַ אונז אַלעמען נישט קײן קלײנעם געלעכטער. נאָר נאָכדעם, וואָס ווײַטער, ווײַטער, האָט ער אָנגעהויבען געבען קאָרטען אַלץ גיכער און בעסער, און איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז עס האָט, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, געברענט בײַ איהם אונטער די הענט, — און גענאַנגען איז איהם מיט סכנת נפשות. וואָס איהר האָט — האָט ער מעהר: האָט איהר דרײַ אונטערס, — האָט ער דרײַ אויבערס, האָט איהר מלכים, — האָט ער טײַז, — האָט ער אַ נאַראָש! און טאָמער האָט איהר זיך איבערגעשראָקען און האָט זיך אַוועקגעלעגט מיט אַ קווענץ — האָט ער שראַגע!

— רבותינו! — האָט זיך דעם בעל־שם־טוב'ס אײניקעל אויפגעחאַפּט פון טיש שוין מיט'ן טאָגליך און אויסגעגלײַכט זיך די בײנער, אַרײַנלעגענדיג דאָס גאַנצע געווינס מיט'ן אײגענעם געלט שוין נישט אין דער פּעטשײַלע, נאָר אין אַלע קעשענעס אַרײַן, מיט אַ גלאַנץ מיט די אויגען און מיט אַ זיפצעל, און דער גבאי נאָך איהם, אויך מיט אַ גלאַנץ מיט די אויגען אַרויף און אויך מיט אַ זיפצעל, געענדיגט פאַר איהם דעם פסוק:

— הגיע זמן קריאת שמע של שחרית — גרויסער טאָג, שוין צײַט געהן אין שוהל אַרײַן דאַווענען...

פּערטשאַדעטע, שלעפעריגע, הונגעריגע און דערשלאָגענע, אָנגעבלאָזענע אײנס אויפס'אַנדערע, ווי געוועהנליך פערשפּילטע, זענען מיר אַ ווײַלע געבליבען זיצען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, ווי אָפּגעשמיסענע... דערנאָך האָבען מיר זיך אויפגעהויבען אַלע און אַ לאָז געגעבען צום טיש — צום פלעשעל בראָנפען מיט'ן פערבײַסען, — אויסער אונזערע צוויי יודען, וואָס זענען שוין גרײט געווען זיך לאָזען צו דער טיהר אַוועקצוגעהן, נישט פערגעסען צו זוכען אַ מזוזה... האָט זיך פּלוצים אויפגעחאַפּט דער בעל־הבית וועלוועל ראַמשעוויטש, פערלאָפען זײ דעם וועג, אַוועקגעשטעלט זיך מיט צענומענע הענד בײַ דער טיהר און אַ זאָג געגעבען צו זײ.

— בלאָטע! איהר וועט נישט אַוועקגעהן פון מײַן שטוב, ביז איהר וועט עפּעס נישט נעהמען מיט אונז אין מויל אַרײַן!...

קײן גרעסערע נקמה האָט טאַקי אונזער וועלוועל נישט געקאָנט צוטראַכטען. אונזערע יודען זענען נעבעך געבליבען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אין דער הינערפּלעט, געקוקט אײנס אויף דאָס אַנדערע

מיט אַזעלכע אויגען, גלײַך ווי מען וואָלט זײ זאָגען, זײ זאָלען מוחל זײַן אויסלײדיגען די קעשענים און אָפּגעבען צוריק דאָס גאַנצע געווינס. דער ערשטער האָט זיך אָנגערופען דעם בעל שם טוב׳ס אייניקעל מיט זײַן שמן-זית-לשון און מיט זײַן צוקער-זיס שמייכעלע.

— מיר דאַנקען אײַך אַוודאי פאַר אײַער גאַסטפרײַנדליכקײַט. הכנסת אורחים איז איינע פון די גרעסטע מצוות בײַ אונז מן התורה... איהר דאַרפט אָבער נישט פערגעסען, אַז מיר זענען אַזעלכע יודען, וואָס נישט פון יעדער שחיטה עסען מיר...

דאָס האָט אונז שוין אַלעמען אויפגעטראָגען — אַזוי? נישט פון יעדער שחיטה עסט איהר? איהר האָט מורא, טאָמער איז ניט רעכט כשר? און אין קאָרטען שפּילען דאָס מעגט איהר?... עס וועט אײַך ניט העלפען קיין רבונו של עולם! האָט איהר פערזוכט איין אָקע מיט אַ באַנטשאַק מוזט איהר שוין פערזוכען מיט אונז אַ... דאַרע קישקע...

טויט ווי די וואַנט זענען געבליבען שטעהן מײַנע צוויי יודען און איבערגעקוקט זיך מיט מאָדנע אויגען. נאָכדעם האָט דעם בעל שם טוב׳ס אייניקעל אַרויסגעלאָזט אַ טיפען זיפץ, כמעט אַ קרעכץ, און אָנגערופען זיך צו אונז מיט פערגלאַנצטע אויגען אַרויף:

— טאַ! אויך די איינענע מעשה. ערשטענס בײַ יודען אין שטוב... אַ יודען טאָר מען נישט חושד זײַן... והשנית טאָמער אַפילו איז חלילה וחס נישט אַזוי רעכט כשר, איז דאָך ממה נפשך... מיר האָבען אַ גרויסען גאָט... אל מלא נגדיהו לחנניא מישאל ועזריה הוי פלחא לצלמא...

אַזוי האָט אויסגעלאָזט דעם בעל שם טוב׳ס אייניקעל און מיט צנועה׳דיגע טריט זיך געלאָזט צום טיש, וואו די בעל הבית׳טע חיה׳לע ראַמשעוויטש, האָט גענומען צוגרײטען קילקעס, הערינג און קאָלבאַס.

— לחיים, יודען, לחיים! האָט דעם בעל שם טוב׳ס אייניקעל געזאָגט ווידער מיט אַ זיפץ און געטרונקען צו אונז אַלעמען לחיים, קוים קוים בענעצט די ליפּען און גענומען זיך מיט ציטערענדיגע פינגער צום פערבײַסען, פריהער צו די קילקעס מיט׳ן הערינג, דערנאָך צום קאָלבאַס. דאָס איינענע האָט געטאָהן אויך דער גבאי און ביידע האָבען זיי נעבעך געזיפצט, שיער ניט געוואָרגען זיך מיט יעדען ביסען און ערשט אַז מע האָט אָפּגעגעסען, האָט זיך וועלוועל אין זײ נוקם געווען אויף דעם רעכטען אמת: ער האָט זיך מישב געווען און רופט זיך אָן צו זײ גאָר אָהן אַ שום רחמנות, ווי איין אמת׳ער גזלן: — ווייסט איהר חאָטש, אַז דאָס וואָס איהר האָט געגעסען, האָט איהר געגעסען פון איוואַנ׳ס שחיטה?

ווייסט איהר האָטש, אַז די דאָזיגע דאַרע קישקע איז אַנ׳אמתער אַ גויע־
שער קאַלבאַס פון ח...

מעהר האָט וועלוועל נישט געקאָנט אַרויסרעדען, ווייל ביידע יודען
האָבען זיך נעגעבען אַ חאַפּ ביים קאָפּ און פּיילאויסענבויגען זיך אַ לאַז געּ
געבען מיט איין אימפּעט צו דער טהיר און, אויב איהר האָט אין דעם
אַ געפיהל, אַוועק, ווי אַ שטורמווינט, אפילו אָהן אַ זיי געזונד!

די נקמה, וואָס מיר האָבען דערלעבט אין די צוויי יודען, איז
געוועזען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבען שוין כמעט גאָר פערגעסען, אַז מיר
זענען בעגראָבען געוואָרען אין דער דאָזיגער נאַכט ניין איילען, און האָ־
בען זיך געחאַפּט ביי די זייטען און האָבען, אויב איהר האָט אין דעם
אַ געפיהל, גענומען לאַכען, האָבען מיר געלאַכט און געלאַכט, געלאַכט און
געלאַכט, געלאַכט און געלאַכט... נאָר פלוצים האָבען מיר דערהערט
אַ געשריי ניט מיט קיין מענשליך קול — אוי! אַ דונער האָט מיך דער־
שלאָגען!! זעהט נור זעהט!! איך וועל עס ניט אויס — האַלטען!!!.

. . . .

דאָס קול האָט געהערט צו חיה׳לע ראַמשעוויטש. מיר האָבען גאָר
ניט בעמערקט, ווי זי האָט זיך נאָכ׳ן צובייסען גענומען צו איהר אַרבייט.
זי האָט געהאַלטען ביי צונויפנעהמען די אָפּגעשפּילטע קאָרטען אויף צו
פּערקויפען זיי נאָכדעם אין קליינטשעל אַריין, אָדער אויסבייטען זיי אויף
נייע קאָרטען... ביים סאָרטירען די קאָרטען האָט זיך איהר געוואָרפען
אין די אויגען אַריין עפּיס צופיעל טייז, צו זעקס זיבען טייז אין
אַ מאַליע!

מיר האָבען זיך אַלע געגעבען אַ נעהם צו די קאָרטען און, אויב איהר
האָט אין דעם אַ געפיהל, אויפגעדעקט איין אוצר ניט נור פון טייז, נאָר
אויך איבעריגע מלכים און מלכה׳ס און אויבערס און גלאַט געפינטעלטע
קאָרטען האָבען זיך אַרויסבעוויזען אָהן אַ שעור!

דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבען פאָרגענומען: — אַנשטאָט אַהיים,
האָבען מיר זיך צולאָזט איבער אַלע שוהלען און בתי־מדרשים, נאָכגע־
קוקט, נאָכגעשמעקט און נאָכגעפרעגט זיך אויף אַ בעל־שם־טוב׳ס איין
אייניקעל מיט אַ גבאי. לאָזט זיך אויס, מן הסתם, אַז קיינער האָט
נישט געזעהען און קיינער האָט נישט געהערט, נישט קיין אייניקעל,
נישט קיין גבאי!

זענען מיר געפאַלען אויף אַנ׳עצה: לאָמיר געהן צו דער באַהן!
געקומען אויפ׳ן וואָקזאַל, געזוכט, געשמעקט, דורכגעגאַנגען דריי מאָל הין

און צוריק אַלע וואַגאָנעס — נישטאָ קיין איינִיקעל, נישטאָ קיין גבאי, — טאַקי נור ווי אין דער ערד אַריין!

ערשט נאָכ'ן דריטען גלעקעל און נאָכ'ן לעצטען פייף האָבען מיר דערהערט פון וואַגאָן אַרויס אַ קענטליכע שטימע:

— קנאָרטען!!...

מיר אַלע האָבען זיך אַ וואָרף געגעבען און גענומען קוקען. פון איין אָפענעם פענסטער פון וואַגאָן צווייטע קלאַס האָבען אַרויסגעקוקט צו אונז צוויי פיגורען. איינע אַ לאַנגע און אַ שמאָלע. די אַנדערע אַ קורצע און אַ גראָבע. נאָר ביידע מיט געגאָלטע פּנים'ער, מיט קורצע ווייטינלעך און מיט קליינע קאַפּעלישלעך — און דאָך זענען אונז זייערע פּנים'ער געוועזען ווי קענטליך. נישט אַזוי די פּנים'ער ווי די אויגען, ווייכע, שמייכלענדיגע, גנבה'שע אויגען.

דער ערשטער, וואָס האָט זיי דערקענט, איז געוועזען דאָס צאַצקעדיגע איידעמעל, אלי ראַפּאַלסקי. ווי נור ער האָט דערזעהען זייערע שמייכלענדיגע פּנים'ער, האָט ער אָנגעוויזען מיט'ן פינגער גלייך אויף זיי אין פענסטער אַריין.

— אָט זענען זיי! — האָט אלי אויסגעשריגען נישט מיט זיין קול: — אָט זענען זיי די צוויי יודען פון די קנאָרטען, זיי, ווי איך בין אַ יוד!

דער וואַגאָן זייערער האָט שוין אָבער געהאַלטען אין גליטשען זיך. די רעדער האָבען נור-וואָס אָנגעהויבען צו דרעהען זיך און דורכפאָהרענדיג פאַרביי אונז, האָבען זיי אונז נאָך אַמאָל בעשענקט מיט אַ קוק פון זייערע ווייכע, שמייכלענדיגע ממזר'ישע אויגען; און אלי ראַפּאַלסקי'ן האָבען זיי, פאַר זיין אויסגעשריי, אונטערגעטראָגען אַ בעזונדערע מתנה: אַ קאָמבינאַציע, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, פון דריטהאַלבען פינגער, וואָס מע מאַכט איבער דעם בורא פרי העץ...

ענדע.

די גאָלדשפּינערס.

די גאָלדשפּינערס.

אַ קורצער אַריינפאָהר.

די „גאָלדשפּינערס״ — פרעגט זיי עפּים גרינגערס, ווי אַזוי שפּינט מען דאָס גאָלד? דאָס האָט מען זיי נור אַזאַ נאָמען געגעבען אין כתרילעווקע מחמת קנאה; מען איז זיי מקנא, פערשטעהט איהר מיך, וואָס זיי זענען גרויסע פערדינער. דאָס הייסט, קבצנים זענען זיי, ניט פאַר אייך געדאַכט, גלייך מיט אַלע כתרילעווקער אָרימע-לייט, נאָר אַז עס קומט פורים, פערדינען זיי שטיקער מיט גאָלד. דער אויבערשטער האָט זיי געבענשט אַלע פון זיין ברייטער האַנד, יעדען מיט אַ בעזונדער טאַלאַנט, און מענשען מיט טאַלאַנט איז די וועלט מקנא. דאָס איז שוין אַזוי אַלט, ווי די וועלט איז אַלט. מיר ווילען זיך דעריבער גאָר ניט אָבשטעלען אפילו אויף אַ מינוט און געהען אַריבער גלייך צו אונזערע בעשרייבונגען.

א.

דער קאָפּ פון די גאָלדשפּינערס: נפתלי מיט די פּיס.

נפתלי מיט די פּיס איז אַ יוד מיט סכנות לאַנגע פוס, וואָס הויבען זיך אָן בײַ איהם כמעט פון דעם האַלז. קײן מענש איז ניט אימשטאַנד מיט נפתלי'ן צו געהן און ניט בלײַבען פון הינטען; ניט מחמת דער גאַנג איז בײַ איהם אַזאַ גיכער, נאָר ווײַל דער שפּאַן איז אַ ברײַטער. אָט, דאַכט זיך, זעהט איהר איהם אויף דער זײַט גאַס. איהר טוט זיך אַ ריהר — אַהאַ, ער איז שוין אויף יענער זײַט. די דאָזיגע פּיס — דאָס איז נפתלי'ס קאַפּיטאַל, זײַנע כלי-זין, זײַנע ברויט-געבער. בקיצור, נפתלי איז אַ יוד אַ מעקלער.

קומט צופאָהרען אַ פּריץ קײן כתרילעווקע אײן מאָל אין אַ יובל, דערשמעקט נפתלי, אַז אַ פּריץ איז געקומען, טוען איהם אַ טראָג די פּיס אויף דער אכסניא: „אדוני פּריץ, וואָס איז דײַן בעגעהר?" — און וואָס דער פּריץ זאָל ניט בעגעהרען, וועט איהם נפתלי ברענגען אין אײן מינוט: אַ שנײַדער, אַ שוסטער, אַ שמיד, אַ דינסט, אַ פערד, אַ טאַראַנטאַס, אַ צירולניק, אַ פעלדשער, אַ מכשף, אַ שוואַרץ-יאָהר. קײן „נײן" איז גאָר נישטאָ בײַ איהם. דער גאַנצער חסרון איז, וואָס נפתלי איז ניט אײנער אויפ'ן יריד. פאַרהאַן אין כתרילעווקע אַחוץ איהם נאָך מעקלערס. וויפיעל יודען, כמעט אַזוי פיעל מעקלערס, און יעדענ-פאַלס מעהר מעקלערס, ווי פּריצים.

פון דעם איז גרינג צו פערשטעהן, וואָס פאַר גאָלדענע געשעפ-טען נפתלי מיט די פּיס מאַכט און ווי שען ער וואָלט אויסגעזעהן, ווען

גאָט ברוך הוא זאָל ניט מזכּה זײַן זײַן ליעב פאָלק ישראל מיט דעם ליעבען, טײַערען, פרעהליכען, לעבעדיגען יום־טוב פּורים. אין דעם דאָזיגען ליעבען, טײַערען, פרעהליכען לעבעדיגען יום־טוב האָט זיך אַרויסבעוויזען נפתּלי׳ס טאַלאַנט מיט זײַן גאַנצען פּראַכט און גלאַנץ. נפתּלי איז אַ געבאָרענער אַרטיסט, און פּורים־שפּיעל איז ווי אָנגעמאָס־טען פאַר זײַנע לאַנגע פּיס.

אין פלוג ווערט אײַך אויסקומען אפשר קאָמיש, וואָס קעהר זיך אָן פּורים־שפּיעל צו פּיס? האָט קיין פּאַראיבעל נישט, עס קעהר זיך אָן זעהר שטאַרק! נפתּלי איז נישט קיין אחשורוש, נישט קיין המן, נישט קיין מרדכי און נישט קיין ושתּי. ער איז נישט מעהר, ווי אַ ממוכן, אַ מין הויפּמײַסטער בײַם קעניג אחשורוש, און ווער עס איז בעקענט מיט׳ן בעריהמטען אחשורוש־שפּיעל, דער ווערט פערשטעהן, אַז די ראָליע פון ממוכן איז זעהר אַ וויכטיגע ראָליע. אויף ממוכנ׳ען, קאָן מען זאָגען, שטעהט דאָס גאַנצע שפּיעל. דאַרף מען אַרײַנרופען ושתּי׳ן, זי זאָל קומען פאַר׳ן קעניג אחשורוש אַ נאַקעטע, ווי די מאַמע האָט זי געהאַט — איז ממוכן. דאַרף זיך דער קעניג האַלטען אײַן עצה, וואָס טהוט מען מיט ושתּי׳ן, וואָס זי וויל נישט געהן קיין נאַקעטע — איז ממוכן. דאַרף זיך מרדכי דורכרײדען דיפּלאָמאַטיש מיט אסתּר׳ן — איז ממוכן. הכּלל — ממוכן דאָ, ממוכן דאָרט, ממוכן און ממוכן! און איהר בעדאַרפט זעהן, ווי אונזער ממוכן אַרבײַט מיט די פּיס. אָט האָט איהר אײַך אַ בײַשפּיעל:

עס עפענט זיך אויף די טיר און עס קומען אַרײַן די פּורים־שפּיעלער מיט׳ן ברײטען „גוט יום־טוב”. נאַטירליך, בלײַבען אַלע אַקטיאָרען שטעהן האַרט בײַ די ווענד, מיט די הענד אַראָב; נאָר איין ממוכן טרעט אַרויס מיט די לאַנגע פּיס, מיט אַ שווערד אין דער האַנד און מיט אַ פּאַפּירענעם ספּאָדיק אויפ׳ן קאָפּ, אַ שפּאַן אַהער, אַ שפּאַן צוריק — און שיט מיט גראַמען, ווי פון אַ ראָזשעק (בסוד דאַרף מען אײַך אויסזאָגען, אַז די אַלע גראַמען, וואָס איהר בעגעגענט אָט דאָ, געהערען טאַקע צו ממוכנ׳ען, דאָס הייסט, נפתּלי מיט די פּיס האָט זיי אַליין אויסגעטראַכט פון זײַן קאָפּ):

„איך, ממוכן, דער הויפּמײַסטער,
פונ׳ם קלוגען קעניג אחשורוש
דער שטאַלמײַסטער,
בין געשיקט צו ושתּי׳ן דער קעניגין,

זי זאָל זיך פאַר די געסט טון טאָן פאַרנייִגון
אַ נאַקעטע, אַ באָרפיסע, ווי ביים זיידען
אדם הראשון אין גן-עדן.
אַריין, אַריין, אַריין,
מלכה ושתי דו מיין!"

רייסט זיך אָב פון דער וואַנד די מלכה ושתי (בעריל פאָנפאַטש) און ענטפערט איהם אָב אויך מיט גראַמען, און אויך נפתלי'ס אַרבייט, אַ ביסעל אונטער דער נאָז און אַ ביסעל מיט אַ קוויטש אויף אַ וויינעדיגען ניגון פון חתן-תורה:

„קומט אהער, אַלע פרויען פון פרס ומדי
און אַלע האַרינטעם פון שושן,
וועלען מיר זיך מיט אייך
אַ ביסעל דורכשמוסאַן.
הערט, ווי מיין געמאַהל
ווידערשפעניגט אין דער תורה,
גענוג ער איז אַ טפש, איז ער נאָך
אַ שכור הגדול הגבור והנורא..."

דעמאָלט ווערט ממוכן אָנגעצונדען, טוט אַ שפּאַן מיט זיינע לאַנגע פיס הין און צוריק און הויבט אָן שיטען מיט גראַמען, זיין איינענע אַרבייט:

„וואָס זאָגט איהר אויף דער הולטייקע? געפעלט אייך אַ שפּראַך?
וואָס האָב איך דאָ מיט איהר צו ריידען אַ סך?
איך זאָל וויסען, אַז דער קעניג וועט ניט זיין אין כעס,
נעהם איך אַראָב דעם קאָפּ אָט דער מרשעת..."

הויבט אויף דער קעניג אחשורוש (משה פלעצעל) אַ לאַנגען שטעקען, אַרומגעוויקעלט מיט גאָלדפּאַפּיר:

„פון מיינטוועגען מעגט איהר אייך אַלע קעפּען, שטעכען אָדער הענגון,
אַבי מע זאָל נאָר אַהער דאָס ביסעל משקה ברענגון.
וואָס האָט איהר, מיניסטאָרען, אַראָבגעלאָזט די נעזער,
אַמעהר גיסט בעסער אָן פולע גלעזער,
וועלען מיר טרינקען ויין,
וועלען מיר שכור זיין,

ביז'ן ווײַסען טאָג אַרײַן!"

חאַפּט אונטער די גאַנצע קאָמפּאַניע:

„וועלען מיר טרינקען ווײַן,
וועלען מיר שכּור זײַן,
ביז'ן ווײַסען טאָג אַרײַן!"

טרעט אַרויס מרדכי (נחמיה דער שוסטער), אַיין אָבגעריסענער, מיט אַ האָב און מיט אַ באָרד פון פלאַקס, פערנויגט זיך פאַר'ן קעניג און רעדט צו ממוכן'ען און ווינקט עפּיס זעהר מאָדנע מיט די אויגען, מאַכט מיט די הענד און זינגט מיט אַ מיתה-משונה-ניגון:

היות ווי זײַן מאַיעסטעט איז אַיין אַלמן געבליבּון
און מע האָט אין אַלע 127 מדינות צעשריבּון,
מע זאָל איהם ברענגען מײַדלעך פון דער גאָרער וועלט
פון שענעם יחוס און מיט געלד,
לכן האָב איך פאַר איהם אַ כּלה —
אַזאַ יאָהר מעג שוין זײַן אויף אונז אַלע:
אַ מויד ווי אַ צימעס, גרין אַזוי ווי גראָז,
אַ ביסעל אַ ראַבּעטינ׳ מיט אַ לאַנגער נאָז,
איהר נאָמען איז אסתּר,
קײַן ברידער און קײַן שוועסטער,
ניט קײַן טאַטען, ניט קײַן מאַמען,
ניט קײַן פרײַנד און ניט קײַן קרובים,
אַ יונג קינד פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג,
אַחוץ שבּתים און יום-טובים..."

טוט ממוכן ווידער אַ שפּאַן מיט די פּיס הין און צוריק, רעדט מיט פײַער:

„אדרבּה, לאָז זי קומען אַהער,
און זיך טון טאַן פאַר'ן קעניג אַ קעהר,
און אויב זי וועט איהם געפעלען,
וועט ער איהר די קרוין אויפ'ן קאָפּ אַוועקשטעלען.
און דו, מאַנדריש, פאַר דײַן שדכנות
וועסטו בעקומען אַ המן-טאַש מיט מאָהן שלח-מנות...
אַרײַן, אַרײַן, אַרײַן,
אסתּר מלכּה דו מײַן!..."

און ערשט דאָ הויבּט זיך אָן דער רעכטער קנאַק: נפתּלי'ס פּיס

זענען שטארקער פון אײַזען, אז זיי טראָגען איבער אזא פורים'דיג שטי-קעל ארבײַט. דערפאר אָבער לעקט ער אָב א פּעט בײַנדעל, ווארום ער איז דאָך, קאָן מען זאָגען, דער רעזשיסער פון דער טרופּע, דער בעל הבית, דער מחבר און דער קאסירער.

— ער שפּינט גאָלד, שטיקער גאָלד, אָט דער יוד, אז עס קומט פורים!

אזוי זאָגען אויף איהם די כתרילעווקער יודען, וואָס זענען איהם פּשוט מקנא, ניט אזוי אויף זײַן טאלאנט, ווי אויף זײַן פּרנסה.

ב.

די גאָלדשפּינערין: ריװועלע די זיסע.

כתרילעווקע זאָל אלע טאָג נוצען צוקערלעקעך, פלאָדענס און פלעדלעך, אזוי ווי מע נוצט דאָס דאָרטען פורים צו שלח-מנות, וואָלט נפתלי מיט די פּיס פערשפּאָרען זײַן א גאַנץ יאָהר א מעקלער און פורים א קאָמעדיאַנט. זײַן ווײַב, ריװועלע די זיסע, וואָלט איהם אויפהאַלטען מיט זײַן גאַנץ הויזגעזינד מיט כבוד. ווארום אויב נפתלי איז בעריהמט מיט זײַנע פּיס, איז זײַן ווײַב ריװועלע נישט ווינציגער בעריהמט מיט איהרע הענד.

ריװועלע איז אויף דער פיגור א ווײַבעלע א קלײַניטשקע, א דאַ-רינקע, א טרוקענע, א פערזעהעניש, און אַקעגען איהר כאָן נפתלי זעהט זי אויס, ווי א פערטעל עוף. א קוק טון אויף איהר — ווער וועט זאָגען, אז דאָס ווײַבעלע פערזאָרגט א גאַנצע שטאָדט מיט צוקער-גע-בעקס, אז עס קומט פורים, ווען יודען שיקען אײַנער דעם אנדערן שלח-מנות? מאָלט אײַך, ס'איז פאַרהאַן נאָך ווײַבער אין כתרילעווקע, וואָס פערנעהמען זיך מיט דערזעלבער פּרנסה. ווער אָבער פערמאָגט אַזעלכע גאָלדענע הענד, ווי ריװועלע די זיסע? איהרע טאָרטען מיט איהרע לעקעכער, איהרע שטרודלען און מלכות-ברויטלעך, איהרע מאַהנדלעך און אינגבערלעך, מיט איהרע געצוויקעלטע קישעלעך האָבען זיך קונה שם געוועזען אין דער גאַנצער וועלט און דערלאַנגט אַזש קײַן יעהופּעץ, דורך א מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפען. ומעשה שהיה כך היה:

איינער אַ לץ פון די כתרילעווקער לצים, וואָס זענען דאָרטען אַזוי פּיעל, וויפּיעל שטערען אין הימעל, האָט זיך געוואָלט מאַכען אַ שפּאַס איבער דער שטאָדט כתרילעווקע און איבער די פּראָדוקטען, משטיינס געזאָגט, וואָס די שטאָדט גיט אַרויס. וואָס זשע טוט אַזאַ לץ? איז ער זיך מישב איינמאָל אויף אַ טשיקאַוועס און שיקט אַוועק דורך דער פּאָסט שלח-מנות פון די אויבען-דערמאָהנטע זאַכען, וואָס ריוועלע די זיסע גרייט אָן לכבוד פורים, צו זיינעם אַ רייכען קרוב קיין יעהופּעץ. צום שלח-מנות האָט ער ביינגעלעגט אַ בריעף, זעהר שען געשריבען, אין וועלכען ער בעט דעם רייכען קרוב, ער זאָל קיין פּאַראיבעל ניט האָבען פאַר'ן „שיקעלטס, וואָס ער שיקט איהם", וואָרום אין כתרילעווקע איז קיין „ע ר ג ע ר ע ש י ק ע ל ט ס ע ן" נישט צו געפינען. ווי איבערראַשט אָבער, שטעלט אייך פאָר, איז אָט דער לץ, אַז ער בעקומט פון זיין רייכען קרוב אַ דאַנק-בריעף מיט אַ בקשה, ער זאָל תיכף ומיד צונויפקויפען פון די דאָזיגע זיסע זאַכען וויפּיעל ס'איז נאָר מעגליך און למען השם רעכט איינפּאַקען און אָבשיקען דורך פּאָסט אויפ'ן נגיד'ס רעכענונג קיין יעהופּעץ (ווער ווייסט ניט, אַז נגידים בכלל, און יעהופּעצער נגידים בפרט, האַלטען פון דער אבילה, און האָבען ליעב אַ זיסען ביסען?). פון דעמאָלט אָן ווערט פון יאָהר צו יאָהר אַרויסגעשיקט צום נגיד קיין יעהופּעץ אַ גאַנצער טראַנספּאָרט פון ריוועלעס זיסע זאַכען אויף פורים. און אָט אַזוי איז ריוועלעס נאָמען געוואָרען מפורסם אַפילו אין יעהופּעץ.

ג.

ריוועלע זאָל אָבער דאַרפען אַרויסקוקען אויפ'ן יעהופּעצער נגיד אַליין, וואָלט זי בלוי בעשטאַנען. דער עיקר פּדיון איז ביי איהר אויפ'ן אָרט. די עטליכע טעג, וואָס פאַר פורים זעלבסט, האָט ריוועלע די זיסע ממש קיין העגד נישט. בערעכענט אייך: אַליין באַקען, אַליין פּערקויפען, אַליין פּערפּאַקען און אַליין רעכענען זיך מיט אַלע בעלי-בית'טעס—צו די חשבונות אַליין דאַרף מען האָבען אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער!

אָט האָט איהר אייך אַ מוסטער, ווי אַזוי ריוועלע רעכענט זיך מיט אַ נגיד'ס אַ ווייב, וואָס טראָגט פּערעלעך אין דער וואָכען און הייסט שרה-פּערעל:

— פון אײַך קומט, שרה-פּערעל, אַזױ גרױס, װי פאַר אַ האַלב טוץ לעקעכלעך מיט ראָזינקעס עובר לסוחר צו זעקס גראָשען, זעקס מאָל זעקס — װיפיל איז זעקס מאָל זעקס? דאַכט זיך, דרײַ-און-דרײַסיג? און פיער קאַמישברױטלעך האָט איהר גענומען צו אַכט גראָשען, עס קאָסט מיך אַלײן צו זיבען, איך זאָל אַזױ זײַן געזונד, פיער מאָל אַכט איז אַכט-און-פערציג; הײַנט צװײ פלעדלעך גרױסע אָהן פאַר-פעלעך און דרײַ פלעדלעך קלײנע מיט פאַרפעלעך, װעל איך אײַך רע-כענען פאַר די פלעדלעך אַרום און אַרום פינף שטיק צו פיער-און-צװאַנציג גראָשען, עס קאָסט מיך טײַערער, לאָמיר בײדע אַזױ זײַן גע-זונד! פינף מאָל פיער-און-צװאַנציג װיפיל איז? ס'זאָל זײַן זעקס מאָל, װאָלט דאָך געװען אַ קערבעל מיט זעקס גראָשען, און אַז פינף מאָל, איז, אַפּנים, אַזױ גרױס, װי אַ קערבעל אָהן זעקס גראָשען. װיפיעל-זשע האָבען מיר אינאײנעם, הײסט עס: דרײַ-און-דרײַסיג און אַכט-און-פערציג איז צװײ-און-אַכציג, און אַ קערבעל, איז אַנדערהאַלבען קערב-לעך מיט צװײ-און-צװאַנציג, געהט אַראָב זעקס גראָשען, איז װיפיעל בלײַבט פון אַנדערהאַלבען קערבלעך מיט צװײ-און-זעכציג קאָפּיקעס, אַז מע נעהמט אַראָב זעקס גראָשען? ניט קײן רובעל מיט נײַנציג?

— אַ גוט יום-טוב! װאָסערע צװײ-און-זעכציג? װאו האָבען זיך גענומען צו אײַך צװײ-און-זעכציג?

אַזױ צושרײַט זיך שרה-פּערעל, און בײדע װײַבער נעהמען זיך צום חשבון װידעראַמאָל פונ'ם אָנהױב.

— זאָלט איהר מיר געזונד זײַן, שרה-פּערעלע, דער חשבון איז דאָך װי אױף'ן טעלער: אַ האַלב טוץ לעקעכלעך מיט ראָזינקעס עובר לסוחר צו זעקס גראָשען אַ שטיקעל, איז זעקס מאָל זעקס — װיפיעל איז זעקס מאָל זעקס? ניט קײן צװײ-און-פערציג?...

— מזל-טוב! סע װאַקסט בײַ אײַך! פריהער איז בײַ אײַך אױסגעקומען דרײַ-און-דרײַסיג, איצט איז שױן געװאָרען צװײ-און-פערציג. קײן עין הרע ניט!

עס העלפט נישט, װיבאַלד עס קומט צו געלד, אַזױ מוז מען אָנקומען צו אונז, מאַנסבילען, און ריװעלע רופט אָב נפתלי'ן פון די אַקטיאָרען, און נפתלי האָט פײַנט, אַז מע רײַסט איהם אָב פון דער אַרבײט, איז ער אין כּעס סכּנות.

— אַנ'אַקציע מיט די װײַבער! קײן צװײ מיט צװײ קאָנען זײ אײַך ניט צונױפרעכענען. נו? אַרױס מיט'ן חשבון, נאָר גיך און גע-

שווינד, דער טאָג שטעהט נישט!

אַזוי זאָגט נפתלי מיט גרימצאָרן, און מע רעכענט איהם אויס דאָס גאַנצע צעטעל, בּיידע ווייבּער אין איין אָטעם. נפתלי האָרכט מיט צוגעמאַכטע אויגען, רעכענט אויף די פינגער און ווערט גיך פער־פּלאָנטערט און פערטומעלט און נאָך מעהר אין כעס, און ער פאַלט אָן אויפ'ן ווייב:

— איך האָב דיר געזאָגט טויזענד מאָל, אַז וויבּאַלד דו האָסט אַזאַ קאַצענעם מח און קאָנסט נישט צונויפרעכענען קיין צוויי מיט צוויי, היינט וועלכע גוטע יאָהר טרייבּט דיך זאָלסט פערקויפען דיין סחורה הורט! לאחדים פערקויפט מען, איינציגווייז! למשל: וואָס האָט איהר גענומען? אַ לעקעכעל? גיט אַהער זעקס גראָשען! נאָך אַ לעקע־כעל? נאָך זעקס גראָשען! אַ פלעדעל? לעגט אַנידער פיער־און־צוואַנ־ציג גראָשען! נאָך אַ פלעדעל? נאָך פיער־און־צוואַנציג גראָשען!

שרה־פּערעל דער נגידית שטעהט אפילו ניט אָן די מעשה, מע זאָל זיך מיט איהר רעכענען אָט אַזוי אָ, ווי מיט אַ קבצנ'טע, נאָר זי האָט קיין אַנדער ברירה נישט. וואו וועט זי נעהמען אַזאַ צוקער־געבּעקס אויף שלח־מנות, אַז ניט בּיי ריוועלען? קומט פורים, איז ריוועלע די מיוחסת. איטליכער האָט זיך זיין צייט, און אַז מע דאַרף דעם גנב, נעהמט מען איהם פון דער תליה.. ניט אומזיסט איז איהר די גאַנצע שטאָדט מקנא:

— גאָלדענע הענד... שיט אָן גאָלד... בּיידע שיטען זיי אָן זעק מיט גאָלד, אַז סע קומט פורים!...

ד.

דער יונגער גאָלדשפּינער: נח שניצלער.

וועמען גאָט גיט אַ זיסע שטימע צום זינגען, וועמען הענד צום שפּיעלען, וועמען פיס צום טאַנצען, — נח'ן, נפתלים עלטערען זוהן, האָט די נאַטור געבּענשט מיט אַ טאַלאַנט צום שניצען.

נאָך אַז נח איז געווען אַ קינד, איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צוקיי־טער, אַ צובּיילטער פונ'ם פאָטערס קלעפּ און פון דער מוטערס שטשי־פּאַלקעס: „אַ יונגעלע זאָל דיר האָבּען אַ טבע טאָג ווי נאַכט אַרומגעהן און שניידען און בּראָקען און שניצלען און שניצלען!"...

בכדי אַרויסצושלאָגען פונ'ם קינד דאָס משוגעת פון „שניצלען“, האָט מען איהם אָבגעגעבען אין חדר אַריין און אָנגעזאָגט דעם רבין הונדערט מאָל, ער זאָל איהם איבערברעכען די הענד, טאָמער וועט מען איהם זעהן האַלטען אַ מעסערל! זאָל ער בעסער זעהן וואָס מעהר לערנען! דעם רבינס לערנען האָט אָבער נישט געהאָלפען גאָרנישט: נח איז אַרויס פון חדר מיט זעהר ווינציג תורה. דערפאַר האָט ער אָבער אַרויסגעוויזען זעלטענע בריה'שאַפט צום שניצען. און געשניצט האָט ער אַלצדינג, וואָס סע איז איהם געקומען פאַר די אויגען. עס האָבען זיך געפונען מבינים אין כתרילעווקע, וואָס האָבען געזאָגט, אַז ביי דעם בחור'ל אין די הענד זיצט אַ רוח, נישט אַנדערש; ווען ער זאָל זיין אין אַ גרויסער שטאָדט, וואָלט פון איהם אַרויס... זיי ווייסען אַליין נישט, וואָס פון איהם וואָלט אַרויס. דערוויַיל מעגען איהם אָב-דאַרען די הענטלעך, ווארום ער האָט צושניצט אַלע בענק מיט אַלע שטענדערס, וואָס אין בית-המדרש, אויסגעשניצט אויף זיי מענשעלעך מיט פייגעלעך מיט, להבדיל, חזירים... פאַר די חזירים האָט נח בע-קומען אַ רעכטע פּאַרציע פון טאַטען, פון דער מאַמען, פונ'ם רב און פונ'ם שמש און פונ'ם בעדער — ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַר-צען, דער האָט איהם אַריינגעלעגט, וויפיעל ס'איז אין איהם אַריין:

— אַ יונגאַטש קאָן! אין אַ מקום קדוש חזירים!...

דאָס האָט אָבער נישט אָנגעלערנט אונזער „שניצלער“. דער פונק, וואָס האָט געטליהעט ביי איהם אינוויַיניג בירושה פונ'ם גרויסען בצלאל, וואָס אין חומש, האָט איהם נישט געלאָזט צו רוהה, ביז זיין טאַלאַנט האָט זיך אַרויסגעוויזען מיט זיין גאַנצער קראַפט דורך אַ צופאַל, ווי אַלע גרויסע ענטדעקונגען אין דער וועלט קומען אומגעריכט, דורך אַ זייטיגע סבה.

דאָס איז געווען עטליכע טעג פאַר פורים, האָט מען איהם גע-קויפט אַ מתנה אַ הילצערנעם גראַגער מיט אַ המן-קלאַפּער אויף שלאָגען המנ'ען אין בית-המדרש צו דער מגילה. נח האָט דעם גראַגער מיט'ן המן-קלאַפּער בעטראַכט פון אַלע זייטען, שטילערהייד צונומען אויף שטיקלעך און צונויפגעשטעלט צוריק — און דאָ איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז ווען ער זאָל נאָר האָבען מיט וואָס, וואָלט ער געמאַכט אַ גראַגער מיט אַ המן-קלאַפּער, וואָס וואָלטען פערשטעקען אין גאַרטעל אַלע גראַגערס מיט אַלע המן-קלאַפּערס פון דער גאַנצער וועלט. נח'ן האָט געפעהלט דערצו נאָר צוויי זאַכען: מאַטעריאַל און אינסטרומענטען,

דאָס הייסט, האָלץ און אַ מעסערל. וואָס טוט מען? מילא, מיט האָלץ איז קיין דאגה נישט: האָלץ קען מען אוועק׳לקח׳נען ביי דער מאַמען פון אונטערן אויווען. וואו נעהמט מען אָבער אַ אינסטרומענט? אַ מעסערל וואו קריגט מען? און נח איז געפאַלען אויף אַ המצאה (אַ ליכטיגער קאָפּ!): ער האָט גענומען דעם גראַגער מיט׳ן המן־קלאַפּער און איז אַרויס מיט זיי אויף׳ן מאַרק פערקויפען, און פאַר׳ן געלד וועט ער קויפען אַ מעסערל. האָט זיך אָבער געטראָפען איין אומגליק (מיט אַלע ערפינדער טרעפען זיך אומגליקען!): דער ערשטער קונה, וואָס נח האָט זיך צו איהם געווענדט, ער זאָל ביי איהם קויפען אַ מציאה, האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד און צוגעפיהרט גלייך צום פאָטער:

— וואָס איז די מעשה, רב נפתלי, אייער קלייניער האַנדעלט שוין מיט גראַגערס?

דאָס פערשטעהט אַ מינדסט קינד, אַז קודם כל האָט דער ערפינדער בעקומען זיין פאַרציגע פעטש, וואָס איהם קומט, און ערשט נאָכדעם, אַז נפתלי האָט זיך גענומען צום זוהן אויספאָרשען, אויף וואָס דאַרף ער אַזוי נויטיג געלד, און אַז נח האָט איהם דורך טרעהרען זיך מודה געווען, דערצעהלט דעם אמת׳ן אמת, וואָס איהם קוועטשט, האָט איהם דעמאָלט דער פאָטער ערשט מקיים פסק געווען, איהם אָנגערופען מיט׳ן נאָמען „בהמה בצורת פערד" און האָט איהם געקויפט אַ מעסערל און האָט איהם אַליין אויסגעקליבען האָלץ, און נח האָט זיך אוועקגעזעצט אַרבייטען אויף אַלע כלים, עס האָט געברענט ביי איהם אונטער די הענד, אַזוי אַז אין איין טאָג זענען בעשאַפען געוואָרען עטליכע גראַגערס מיט המן־קלאַפּערס, נאָר אַזעלכע, וואָס די שטאָדט איז געגאַנגען קוקען אויף חדושים, און אַלע האָבען אָבגעגעבען נפתלי׳ן מזל־טוב:

— איהר האָט שוין, רב נפתלי, מיט אייער זוהן גאָר נישט וואָס צו זאָרגען. ער איז שוין אַ פערזאָרגטער...

פון דעמאָלט אָן ווייסט שוין די גאַנצע שטאָדט פון איין עק ביז׳ן אַנדערן, אַז אַ גראַגער אין גלייכען געלד, אָדער אַ המן־קלאַפּער, אָדער אַ קאַלאָקאָטקע אויף פורים — דאָס קריגט מען ביי נפתלי׳ס זוהן, נח שניצלער, און וויפיעל נח זאָל ניט אָנגרייטען קיין סחורה, ווערט זי אויסגעפערקויפט עד לפק. אַלע יאָהר, אַז דער פורים געהט אוועק, קאָנט איהר הערען פון נח׳ן די אייגענע ווערטער:

— היינטיגס יאָהר איז געווען אַ יאָהר פון גראַגערס.

נישט אומזיסט איז די שטאָדט מקנא נפתלי׳ן אויף זײַנע קינדער:
— אַ הצלחה פון גאָלדשפּינערס! — זאָגט כתרילעווקע מיט אַ זיפץ — נישט געגוג, ער פערדינט פון איין זייט און זי פון דער אַנדערער. זייט, שיטען אַן גאָלד, אַז סע קוממ פּורים, דאַרפען זיי נאָך האָבען גאָלדענע קינדער!...

די קלײנע גאָלדשפּינערלעך.

אויב איהר ווילט זעהן אַ שענם און ס׳זאָל אייך נישט קאָסטען טײער, טאָ פּאָהרט זיך דורך, זייט מוחל, אויף פּורים קיין כתרילעווקע, שטעלט זיך אָב אויף וואָס פאַר איין אַלכסניא איהר ווילט און קוקט דורכ׳ן פענסטער אין דרויסען אַרויס, וועט איהר עפּיס זעהן. פון גאַנץ פריה אָן טיאָפּקען איבער דער בלאָטע, לויפען, ווי די פּער׳סמ׳טע מייז, פון איין שטוב אין דער אַנדערער יונגלעך מיט מיידלעך, אונטער-געבונדען מיט פאַטשיילעס, צום מיינסטען באָרפיסע, חאָטש ס׳איז נאָך קאַלט אין דרויסען און סע ווערט אַ שנייעלע. אין די הענד האַלטען זיי אָדער גרויסע בעקענס, אָדער טעלער און טעלערלעך, אָדער שאַ-לען און שעלעכלעך, איבערגעדעקט מיט ווייסע טישטיכלעך. דאָס טראָגען יודישע קינדער שלח-מנות, וואָס די כתרילעווקער ווייבער שי-קען איינע דער אַנדערער, בייטען זיך מיט די פּורים׳דיגע גוטע זאַכען, וואָס ריוועלע די זיסע האָט אָנגעגרייט.

— איטע-לאה האָט מיר געשיקט צוויי פלעדלעך מיט אַ מלכות-ברויטעל מיט אַ צוקערלעקעכעל און מיט צוויי מאַנדעל-בייגעלעך — שיק איך איהר אָב צוריק איין פלעדעל מיט צוויי מלכות-ברויטלעך, מיט צוויי צוקערלעקעכלעך און מיט איין מאַנדעל-בייגעלע. און יענטע-מיעל האָט מיר געשיקט אַ קישעלע מיט צוויי קאָמיש-ברויטלעך מיט צוויי שטרודלען און מיט אַ מאָהינדעל — שיק איך איהר אָב צוריק צוויי קישעלעך מיט איין קאָמיש-ברויטעל, מיט איין שטרודעל און מיט צוויי מאָהינדלעך.

אַזוי קאָמבינירען די כתרילעווקער דאַמעס די שלח-מנות׳ען קונ-ציג און מיט אַ רעכענונג, ס׳זאָל אויסקומען אין פּיין, אין נישט-פער-שעמט, אין איינם אויף איינם. און מחמת די שטאָדט לעבט צווישען

זיך פריינדליך, איז דאָ זעהר אַ סך ערטער אויף צו שיקען די שלח־מנות׳ען. דורך אייגענע דיענסטען אָדער קינדער איז אונמעגליך דאָס אויספיהרען. מע מוז אָנקומען צו פרעמדע. דעמאָלט ווערט אַ יקרות אויף אָרימע יונגלעך און מיידלעך, וואָס האָבען פיס און ווילען פערדיענען אויף פּסח.

גליקליך זענען יענע פאָטער־און־מוטער, וואָס פערמאָגען וואָס מעהר יונגלעך און וואָס מעהר מיידלעך. אין כּתרילעווקע זענען פאַרהאַן אַ סך אַזעלכע גליקליכע; נאָר גליקליכער פון אַלע זענען די גאָלדשפּינערס, ווייל אַזוי פיעל מיידלעך און אַזוי פיעל יונגלעך, ווי ביי נפתלי׳ן, איז זעלטען צו געפינען אַפילו אין כּתרילעווקע. וויפיעל נפשות — קאָן איך אייך אַקוראַט ניט זאָגען; פרעמדע קינדער טאָר מען ניט צעהלען, לאָזען זיי וואַקסען געזונטערהייד, ווענען מאַכען זיי קאַלי? ווינטער ליגען זיי זיך אונטערן אויווען נאַקעט, איינס אויף דאָס אַנדערע, אַזוי ווי די ווערים, און זומער־לעבען וואַלגערן זיי זיך אין דרויסען אויפ׳ן מיסט, שפּיעלען אין „באַבקעלעך”, אָדער אין „קאַמער־קאַמער־הויז”, אָדער אין „וויפיעל מייל איז צו אייך צעהלט אייך”, אָדער מע „לאָזט אַ רעגען”, דאָס הייסט, מע הויבט אויף אַזאַ שטויב, אַז עס ווערט פינסטער אין גאַס, מע קאָן דערשטיקט ווערען! דעמאָלט פליהען פעטש מיט קולאַקעס מיט בעכענצים מיט קללות, וואָס געפינען זיך ניט אין דער תּוכחה:

— אַ, געהן זאָלט איהר אויף קולים! שטעהן זאָלט איהר פּראַווצעס! זיצען אין געהאַקטע וואונדען! ליגען אין ווערים!...

דערפאַר אָבער, אַז עס קומט פּורים, פיהלט חברה קליינוואַרג, אַז זיי האָבען אויך עפּיס אַ ווערט, און אַ גרויסען ווערט. מע צורייסט זיי דעמאָלט אויף שטיקלעך. אַ כּתרילעווקער מאַדאַם, אַז זי בעשטעלט בעצייטענס ביי ריוועלען שלח־מנות, בעשטעלט זי שוין מיט אַ קינד, אַ יונגעל אָדער אַ מיידעל, אויף צו טראָגען דעם שלח־מנות. און ריוועלעס קינדער, די יונגלעך מיט די מיידלעך, צולאָזען זיך איבער אַלע גאַסען פון דער שטאָדט, מיט איבערגעדעקטע בעקענס, שאָלען און שעלעכלעך; די בעקלעך ביי זיי פלאַמען, די שטערנס שוויצען, און די אויגען ברענען. זיי בעגעגענען זיך אָפטמאָל איינס מיט׳ן אַנדערן אין דער בלאָטע, נאָר זיי האָבען קיין צייט נישט אָבשטעלען זיך אַפילו אויף אַ מינוט אַ קוק טון איינס דאָס אַנדערע אין שלח־מנות אַריין. נאָר לויפענדיג פאַרביי, וואַרפט מען זיך דורך

מיט האַלבע ווערטער, וואָס אַ זײַטיגער מענש וועט זײַ אפשר גישט איינגאַנצען פערשטעהן:

— פעטעלעלע! וואוהין?

— צו לאה'צי די גראָבע. און דו, קרומע פיסעל?

צו אַלטעריכע מיט די לאָקשען... עפּעס געמאַלט?

— נאָך אַ מין! און דו?

— איך האָב שוין אַ קערבעל מיט צווײַ פערציגער מיט אַ גילדען מיט צוועלף גראָשען. און דו וויפיעל?

— קיין צײַט געהאַט איבערצעהלען, נאָר ל'האָב מורא, אַז מעהר ווי דו.

— וויש אָב די נאָז.

— ברעך דעם קאָפּ!

און מע צוגעהט זיך, דער אַהער, דער אַהין.

די כתרילעווקער בעלי-בתים זיצען שוין לאַנג בײַ דער פורים-דיגער סעודה, זינגען „שושנת יעקב”, קלויבען פערגעניגען פון נפתלי מיט די פיס און פון זײַנע פורים-שפּיעלער, און נפתלי'ס קינדער לויפען נאָך אַלץ אַרום פון שטוב צו שטוב מיט די שלח-מנות'ען און נעהמען צונויף בײַ דער שטאָדט די גראָשענס. און די שטאָדט טרײַבט מיט זײַ קאַטאָוועס:

— יונגעלע, קום נאָר אַהער, וועמענס ביזטו? ניט נפתלי'ס?

— נפתלי'ס.

— האָסט האָטש אָנגעשלאָגען הײַנטיגען טאָג אַ הונדערטער, צי עפּיס ווינציגער?

— חי-חי.

— זאָג, שעם זיך נישט.

— חי-חי.

אָט אַזוי, ווי איהר קוקט דאָס אָן מיט'ן געלעכטערל חי-חי, וועט דאָס ברענגען אַהײם אַ פולע קעשענע מיט גאָלד!... אַ שטוב פון גאָלדשפּינערס!

ה.

די גאָלדשפּינערס בײַ דער סעודה.

כתרילעווקע איז שוין לאַנג אויפגעשטאַנען פון דער פּורים'דיגער סעודה. אַ סך טראַכטען מכח לעגען זיך שלאָפען און נאָך מעהר שלאָפען שוין און חראָפּען גאַנץ געשמאַק נאָכ'ן ביסעל משקה, וואָס מע האָט גענומען צוליעב דער שמחה, וואָס מע האָט גע'פּטר'ט אַ שונא — המנ'ען. נאָר איין משפּחה האָט זיך ערשט אַװעקגעזעצט צום טיש אָבריכטען די סעודה, אויפגעשניטען דעם גרויסען געפלאָכטענעם קוי־לעטש און זיך גענומען צו דער אַרבײַט לעבעדיג־פרעהליך.

דאָס זענען — די גאָלדשפּינערס.

אַלע זענען זיי אויסגעהונגערט, מיד, פּיהלען נישט די פיס אונטער זיך, און אַלע האָבען צו דערצעהלען פונ'ם טאָג מעשיות, גאַנצע פּעק מיט מעשיות! נפתּלי — פון זיינע פּורים־שפּיעלער, ווי גוט זיי האָבען היינט געשפּיעלט, אויסגעצייכענט גוט! נאָר איין ושתּי האָט אַ ביסעל אונטערגעהונקען אויף דער עברי.

— ס'זאָל אויף איהם קומען אַ חאָלערע ביז חול־המועד פּסח! וויפיעל מע לערנט איהם, אָט דעם ושתּי'ן, ער זאָל זאָגען: „ווידער־שפּעניגט אין דער תּורה" — קומט בײַ איהם אויס אויף זיין פּאָנפּע: „פינף הונדערט אין דער גזירה". וואָסער גזירה, אַ רוח אין דיין שווי־גערס טאַטען אַריין? נאָר גיה רייד מיט אַ פּאָנפּעוואַטע נאָני!

דאָס דערצעהלט נפתּלי. און ריוועלע האָט צו דערצעהלען נאָך שענערע זאַכען, פון איהרע קונה'טעס, וואָס דינגען זיך ביז'ן ביין. איינע אַ דאַמע האָט זיך מישב געווען און האָט גאָר געוואָלט אַװעק־גנב'ענען אַ פלעדעל.

— מאָל דיר, נישט בײַ מיר גנב'עט מען: „וויפיעל פלעדלעך, זאָג איך, מאַדאַם, האָט איהר אָבגעלעגט?" זאָגט זי: „פיער". זאָג איך: „נו, און דאָס פינפטע וואָס איז?" ווערט זי רויט און מאַכט צו מיר: „ס'איז דען אויך אַ פלעדעל?" זאָג איך: „וואָס דען איז דאָס, אַ וואַנד־זייגער?" זאָגט זי: „איך האָב געמיינט, אַז ס'איז אַ האָניגטיי־געל". זאָג איך: „נו, און אַ האָניגטייגעל איז אַ הונט?"...

אַזוי דערצעהלט ריוועלע. און די מעשיות, וואָס נח האָט צו־דערצעהלען, דרעהען זיך, געוועהנליך, אַרום אַ גראַגער.

— הײַנטיגס יאָהר איז געװען אַ יאָהר פון גראַגערס. אַלע האָ־בען זיך געחאַפּט צו גראַגערס. נאָר גראַגערס, גראַגערס און גראַגערס. איך בין נאָך נעכטען בײַטאָג געבליבען אָהן אײן גראַגער. קומט צו אַלעמאָל צו מיר אַנ׳אַנדער יוד, איך זאָל איהם געבען אַ גראַגער. זאָג איך: „איך האָב נישט קײן גראַגערס”. זאָגט ער: „ס׳איז נישט קײן תּרוץ, דו מוזט מיר געבען צװײ גראַגערס!” זאָג איך: „װאו זאָל איך אײַך נעהמען גראַגערס?” זאָגט ער: „װאו זענען דײַנע גראַגערס?”

— װעסט אַמאָל אױפהערען גראַגערן, צי ניין?

אַזױ זאָגט צו איהם דער פאָטער, און נח לאָזט אַראָב די אױ־גען, בױגט זיך אָן און שנײַצט אױס די נאָז אונטערן טיש. דאָס גע־פעלט דוקא דער חברה קלײנװאַרג. איצט איז געקומען אױך זײער צײַט צו דערצעהלען גליקען פון זײער שלח-מנות טראָגען; פאַרהאַן אַזױ פיעל צו דערצעהלען און צו דערצעהלען, אַז ס׳װעט חאַפּען ביז פּסח. דערװײַל איז ערשט פּורים, און מען איז אױסגעמידט פונ׳ם טאָג, און מע דאַרף געהן שלאָפען.

און יונגװאַרג צוגעהען זיך אױף זײערע ערטער אונטערן אױװען, פאַלען, װי די סנאָפּעס, און װערען אַנטשלאָפען מיט׳ן זיסען שלאָף פון גליקליכע מענשען, װאָס האָבען געהאַט אַ גוטען, אַ געראָ־טענעם יריד...

ו.

די גאָלדשפּינערס צעהלען דאָס גאָלד.

עס איז שױן העט-װײַט אין דער נאַכט. בּתרילעװקע האַלט שױן לאַנג אין רעכטען שלאָף נאָך דער גרױסער פּורימדיגער סעודה מיט די שלח-מנות׳ען. נאָר צװײ פאַרשױנען אין דער גאַנצער שטאָדט זענען נאָך װאַכעדיג און טראַכטען אפילו נישט װעגען געהן שלאָפען. דאָס זענען די גאָלדשפּינערס, נפתלי מיט די פּיס און זײן װײַב רי־װעלע די זיסע. שטיל האָבען זײ צוגעשלאָסען די טיר, פערהאַנגען די פענסטער און האָבען זיך גענומען צו דער קאַסע. זײ װילען צו־נױפרעכענען דאָס ביסעל מזומנ׳ס, װאָס די גרױסע גאָלדשפּינערס מיט

די קליינע גאָלדשפּינערלעך האָבען אַריינגעבראַכט אין דעם דאָזיגען גליקליכען טאָג, און קאָנען נישט. זיי צעהלען און צעהלען און קאָנען נישט איבערצעהלען; אָדער ער האָט אַ טעות אין חשבון, אָדער זי האָט אַ טעות. זיי ברענגען איינס אויף דאָס אַנדערע.

— קיין צוויי מיט צוויי זאָל אַ יודינע נישט קאָנען איבערצעהלען!

אַזוי זאָגט דער מאַן, און דאָס ווייב ענטפערט איהם:

— נו, פאַרוואָס־זשע צעהלסט דו נישט, אַז דו קאָנסט, בעל־חשבון מיינער!

— צעהל דו, דו קאָנסט בעסער!

— ניין, צעהל דו, דו קאָנסט בעסער!

איהר זאָלט נאָר קיין מורא נישט האָבען, טאָמער חלילה צו־קריגען זיך מאַן און ווייב. איצט איז נישט קיין צייט פון קריגען זיך. איצט דאַרף מען מאַכען אַ רעכענונג, וואָס מע קאָן און וואָס מע דאַרף און וואָס מע מוז קויפען: שוכוואַרג פאַר זיך און קאַפּאָטקעלעך מיט קליידלעך פאַר די קינדער — דאָס איז נומער איינס. הײַנט מצה אויף פּסח? הײַנט שמאַלץ? אַ דײַזשקעלע באָרשט? אַ זעקעל קאַרטאָפּ־ליס?... און מערקווירדיג! וויפיעל זיי זאָלען נישט רעכענען, וויפיעל זיי זאָלען וועלען זיין אויסברענגערס, פּרעסערס, געלד־ברענערס, שאַר־לאַטאַנעס פון דער וועלט, קומט אויס, אַז ס'וועט נאָך אַלץ זיין גע־נוג, סיי אויף שוכוואַרג פאַר זיי, סיי אויף קאַפּאָטקעלעך מיט קליי־לעך פאַר די קינדער, סיי אויף מצות מיט שמאַלץ מיט אַ דײַזשקעלע באָרשט מיט אַ זעקעל קאַרטאָפּליס אויף פּסח...

און ביי זיי ביידען צופלאַקערן זיך די פּנים'ער און צוברענען זיך די אויגען, די בעקלעך ווערען רויט און די הערצער וואַקסען, און ביידע פיהלען זיי, אַז די וועלט, וואָס גאָט האָט בעשאַפען, איז, כ'לעבען, גאָר נישט אַזאַ שלעכטע וועלט, און די מענשען זענען, כ'לע־בען, גאָר נישט אַזעלכע שלעכטע מענשען. נישמעהר, וואָס יודען זע־נען מקנא אויף פּרנסה, פערגינען נישט, טאָמער האָט איינער אַ גו־טען טאָג, איין טאָג אַ גוטען!

— פערברענט זאָל ווערען אָט דאָס כתרילעווקע! אַ שטאָדט פון נישט־פערגינערס!

אַזוי זאָגט נפתלי, און ריוועלע נעהמט זיך אָן שטאָדטס קריוודע:

— אָרימע־לייט, משטיינס געזאָגט...

— אָרימע־לייט, זאָגט זי? אַלץ הייסט ביי איהר אָרימע־לייט,

חע-חע! כתריליקעס! דלותים! שלעפּערס! בעטלערס! קבצנים! דלפנים! עניים! ואביונים!!

— ניט דאָ געדאַלט! — זאָגט ריוועלע מיט שרעק. זי האָט פּשוט מורא געהאַט פאַר אַ גוט אויג.

און פון דרויסען לאָזט זיך הערען, מע ווייסט נישט פון וואַנען, אַ ווייטער קרעהען פון אַ בעקאַנטען האָהן, איין אַלטער חזן מיט איין אויסגעזונגענער כלי. אָנהויבען הויבט ער אָן דוקא נישקשהדיג, מיט'ן ברען און מיט'ן קוויטש, און אויסלאָזען לאָזט ער אוים מחילה שוואַכ-ליך, אויף דער נידעריגסטער אָקטאַווע און עפּיס ווי מיט אַ ווירעראַנאַנד:

— קו! — קאַ! — רי! — קאו! — או?

עס קומט אוים גלייך, ווי ער וואָלט זיך אַליין פרעגען אַ קשיא:

— אַלטער נאַר! וואָס שרייסטו?

אין דרויסען איז בלויליך. עס שאַריעט אויף טאָג.

א פריהער פסח.

אַ פְּרִיהֶער פֶּסַח.

אַ מעשה וואס קען זיך פערלויפען אויף דער גרויסער וועלט.

א.

די וועלטבעריהמטע דייטשע שטאדט נ א ר ר ע נ ב ע ר ג איז אנ'אלטע אידישע שטאדט. און ניט נור א אידישע שטאדט, זי איז א פרומע שטאדט. א גאטספארכטיגע. איהרע אידען האבען זיך געמאכט א שם אויף דער וועלט דערמיט וואס זיי האבען קיין מאל ניט געגריבעלט זיך, ניט ארייגעלאזט זיך אין חקירות, ניט געפילאזאפירט, ניט געפרעגט קיין קשיות אויף אזעלכע זאכען וואס קעהרען זיך אן מיט נאט. אויף זיי מעג מען זאגען, אז זיי זיינען אידען אן חכמות.

אמת זייער אידישקייט בעשטעהט ניט מעהר ווי אין דריי דינים. וואס שטאמען מסתמא פון אברהם אבינו אדער אפשר נאך פון אדם הראשון'ען:

1) יאהר צייט, 2) בר מצוה, 3) פסח. די דריי דאגמען זיינען גאנץ געװנג אויפצוהאלטען דאס אידישע פאלק נאך טויזענדער און טויזענדער יאהרען. מיינט ניט אז דאס האבען זיי אויסגעזויגען פון זייער אייגענעם פינגער; דאס האבען זיי געהערט ניט איינמאל פון זייער ראבינער, דאק־טאר און פרעדיגער, וועלכען די נאררענבערגער קהילה האלט אוים ניט מיט ווינציגער עהרע ווי די קאטוילען להבדיל דעם רוימישען פאבסט. דער ראבינער דאקטאר און פרעדיגער טראגט ביי זיי דעם נאמען „רבי", „אונזער רבי", און די נאררענבערגער קהילה איז איבערצייגט אז נאך אזא למדן ווי זייער רבי איז שוין נישטא אויף דער גאנצער וועלט. אין זיינע דרשות וואס ער האלט זיי אלע יום טוב אין דער סינאגאגע ווארפען זיך דורך אזעלכע לשון קודש'דיגע ווערטער, וואס נאר דער מחבר פון'ם סדור

זאל איצטער אויפשטעהן וואלט ער זיי אפשר פערשטאנען, און אפשר ניט... די נארדענבערגער אידען דערצעהלען פון איהם מופתים ווי פון א „גוטען אידען", למשל זיי בעריהמען זיך, אז שוין עטליכע און צוואנציג יאהר זינט ער איז ביי זיי ראבינער און פרעדיגער האט זיך נאך ניט געטראפען ער זאל א מאל האבען א טעות: אלע יום טוב די זעלבע דרשה מיט די זעלבע פסוקים פון'ם זעלבען תנ"ך, מיט דער זעלבער בעדייטונג, מיט די יעלבע משלים. איך מיין אבער אז דאס איז א ביסעל איבערטריבען... דער אויטאריטעט פון'ם ראבינער דאקטאר און פרעדיגער איז אין שטעדטעל אזוי גרויס, אז קיין יאהר צייט, קיין בר מצוה און קיין יום טוב ווערט ניט בעשטימט, ביז עס ווערט ניט פריהער פעסטגעשטעלט פון'ם ראבינער און פרעדיגער. און הגם יעדער נארדענבערגער אידישער איינוואהנער מוז האבען ביי זיך אין שטוב א אידישען לוח פונקט אזוי ווי יעדע נארדענבערגער אידישע פרוי מוז האבען א ווייסע כפרה ערב יום כפור, דאך אז עס קומט אונטער א יום טוב, גלויבט קיינער ניט דעם לוח אויף נאמנות און מען געהט צום רבי'ן זיך ערקונדיגען. „ווען האבען מיר פייערטאג?" און ווער שמועסט נאך אזא יום טוב ווי דער היילינגער פסח?! פסח ווערט געפייערט אין נארדענבערג — איך געה מיט אייך אין געוועט — מיט מעהר פראכט און גלאנץ און מיט מעהר כשרות אלס אין דער פרומסטער שטאדט בבל תפוצות ישראל! די נארדענבערגער ווייבער — זיי קומט דער שבח — זענען אזעלכע צנועות, אז פסח אין טהעאטער בענוצען זיי ניט די חמץ'דיגע בינאקלס פון א גאנץ יאהר... אפילו די נארדענבערגער מאנסבילען וואס זענען עפיס ניט אזעלכע גרויסע מצה-שמורה'ניקעס, פון דעסטוועגען האט זיך געמאכט וויפיעל מאל אז מען איז געקומען צום רבי'ן מיט א שאלה, צי מעג מען פסח טרינקען מינכענער ביער און פערבייסען מיט פראגער שינקען.

אצונד אז מיר האבען זיך שוין אביסעל בעקאנט מיט די נארדענבערגער אידען אלס אידען, — קענען מיר שוין צוטרעטען צו דעם עצם פון דער געשיכטע, וואס האט זיך פערלאפען אין דער שטאדט נארדענבערג אין דעם יאהר 1908 אדער 5668 פון זינט די וועלט איז בעשאפען געווארען לויט רעכנונג פון אונזער אידישען וועלט לוח.

ב.

די נארדענבערגער קהילה בענוצט זיך מיט איהרע אייגענע פאבריקאציעס און פראדוקטען, אויסער אידישע ליטעראטור. אמאל פלעגען זיי

די אידישע ליטעראטור אימפארטירען פון אויסלאנד, מעהרסטענטהייל פון לאנדאן אדער פון ווארשא. נאר פון דער לעצטער צייט, זינט עס האבען זיך אנגעהויבען ביי אונז די בהלות, מלחמה, רעוואלוציע, קאנסטיטוציע און פאגראמען, האבען די חוואליעס פון דער געוואלטיגער עמיגראציע ארויס געווארפען אויף דעם דאזיגען נארדענבערגער אאזיס צווישען א סך אנדערע נפשות אויך איינעם א פעקעל-טרעגער אדער א מוכר ספרים'ניק מיט'ן נאמען פנחס פינקוס.

פנחס פינקוס איז א אידעל א נידעריגס, א זשוואווע, מיט איין אויגעל א קליינס, דאס אנדערע א גרויס. בשעת ער רעדט קוקט דאס קליינע אויגעל אויפ'ן גרויסען, ווי איינער רעדט: „נו?"... און דאס גרויסע אויג ענטפערט איהם: „נו — נו". די ערשטע צייט האט ער זיך גענוג אנגעליטען, גענוג אויסגעהונגערט און גענוג אויסגעשטאנען יסורים, וועהטיגען און בזיונות פון זיינע דייטשע ברידער, ביז ער האט זיך דערשלאגען צו זיין שטענדיגער פרנסה פון דערהיים, — ארומטראגען אידישע ספרים און ביכלעך איבער די הייזער. א צעבראכענער, א צעראבעוועטער, א נאקעטער און א הונגעריגער האט ער פערלאזען זיין לאנד וואו ער איז געבארען און האט זיך מיט גרויס מיה דערשלאגען אין א פרייע לאנד — קיין נארענבערג, וואו ער איז שוין געווען בעווארענט פון א פאגראם נאר ניט געווען בעוואהרענט פון שטארבען פון הונגער, מחמת אין דעם פרייען לאנד איז דאס שנארען שטרענג פערבאטען אפילו צווישען אייגענע ברידער. יעדער מענש איז מחויב עפיס טהון. אונזער צושלאגענער עמיגראנט פנחס פינקוס האט אבער ניט געקענט געפינען קיין שום טהועכץ אינ'ם פרייען לאנד, שולדיג איז געווען אין דעם ניט אזוי ער אליין ווי די „שפראך". דאס הייסט וואס ניט ער האט פערשטאנען ז י י ע ר שפראך און ניט זיי האבען פערשטאנען זיין שפראך. די ערשטע צייט האט ער ארומגעשפאצירט איבער די נארדענבערגער גאסען און בעטראכט די שטאדט מיט די מענשען, דעם הימעל מיט דער ערד. דאכט זיך די זעלבע הייזער די זעלבע מענשען, דערזעלבער הימעל מיט דער זעלבער ערד — און גארניכט, אלע געהען זיך אזוי רוהיג; קיינער האט קיין מורא ניט פאר א שטיין פון אויבען, פאר א קויל פון פארנט אדער פאר א מעסער פון אונטען — גליקליכע מענשען! א געבענשט לאנד!..

וואס ווייטער האט אבער דאס לאנד אנגעהויבען אנווערען דעם חן אין זיינע אויגען — איבערן „מאגען". דער מאגען איז א בעזער בעל דבר; איהם אז עס קומט די צייט פון עסען וויל ער ניט הערען ניט פון קיין פאליטיק, ניט פון פילאזאפיע. „האסט מיך עפיס אין זינען צו נייען?"

LIBRARY OF THE
BUREAU OF JEWISH EDUCATION
CLEVELAND, OHIO

— אַזוי טענה'ט אַ לעדיגער מאָגען — „פון מײַנעטוועגען קאָנסט דו בעטלען גײן, קענסט גנב'נען, גזל'ענען, אַבי מיר זאָלסט דו אָפּגעבען מײַנס און ווײַטער איז ניט מײַן עסק!...״ דער חסרון איז אָבער וואָס אויף אויסציהען די האַנד דאַרף מען זײַן אַ געבאָרענער בעטלער, אָדער האָבען אַ נשמה פון אַ בעטלער. און אונזער העלד האָט זיך לאַנג אַרומגעדרעהט איבער די נאַררענבערגער שטראַסען ביז ער האָט בײַ זיך געפּועלט אָבּשטעלען דעם ערשטען מענשען, חלילה ניט אויף צו בעטען בײַ איהם עפּיס, נאָר גלאַט אַזוי אויסרעדען זיך אַ ביסעל דאָס האַרץ; פּנחס פּינקוס האָט זיך אָנגערופען צום ערשטען דײַטש בזה הלשון:

— האָט קײַן פאַראיבעל ניט, מײַן ליעבער הערר דײַטש, איך בין דאָ אַ גר און פערשטעה ניט דאָס לשון. איך לויף פון אַ קאָנסטיטוציע לויף איך, און פאַל הײַסט עם מיט'ן פּנים צו דער ערד. גלויבט מיר איך וואָלט אײַך ניט מטריח געווען ס'זאָל ניט זײַן ווי מען זאָגט באו מים עד נפש. איך בעט ניט חלילה קײַן נדבה, איך זוך עפּיס אַ מלאכה, אַ טהועכץ, וואָס ניט איז, אַבי דערהאַלטען די נשמה, האָט רחמנות...

דער דײַטש האָט איהם אויסגעהערט ביז'ן סוף און האָט זיך פאַר איהם ענטשולדיגט אַז ער האָט קײנמאָל אַזאַ שטראַסע ניט געהערט, און איז אַוועק זײַן וועג. דער צווײַטער דײַטש האָט אויסגעהערט די זעלבע דרשה און איז אַוועק אָהן ווערטער. דער דריטער דײַטש איז געוואָרען אַ ביסעל ברוגז, וואָס מען נעמט צו זײַן ברויט און האָט זיך רעכט אויסגעבעזערט אויף דעם „פערדאַמטען קערל״. דער פיערטער דײַטש האָט איהם אפילו ניט אויסגעהערט ביז'ן סוף, בעוויזען איהם אַז ער האָט אַ שטעקען און געזאָגט, אַז טאָמער געהט ער ניט „פאָרט״, אַזוי רופט ער צו אַ „שוצמאַן״...

און אונזער העלד האָט גיך איבערגעביטען זײַן פריהערדיגע מײנונג איבער די דײַטשען און איבער זײער פרײַע לאַנד, וועלבער ער האָט פײַנט געקריגען און איז דעם דײַטש געוואָרען אַ דם שונא!

ג.

אויב דער אונגליקליכער פּנחס פּינקוס האָט פײַנט געקראָגען די נאַררענבערגער דײַטשען, האָט ער טויזענד מאָל אַזוי פיעל געטראָגען שנאה און פערדראָס אויף די נאַררענבערגער דײַטשע אידען מיט זײער ראַבינער דאָקטאָר און פרעדיגער, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דעם אָרעמען עמי־

גראנט דריי טענות: 1) למאי איז ער איין ארעמאן? 2) למאי געהט ער אפגעריסען? 3) למאי רעדט ער ניט קיין דייטש? דערויף האט איהם דאס ארעמע אידעל אפגעענטפערט א ביסעל טאקי מיט צופיעל חוצפה:

— אדוני קעניג! איך וועל אייך ענטפערן על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון: דאס וואס איהר טענה'ט למאי איך בין אנ'ארעמאן און געה ווי א שלעפער — זענט איהר גערעכט; דער אויבערשטער האט מיר געוואלט געבען געלד, האב איך איהם געזאגט, גיב דאס בעסער טענדעל־סאנען — ער איז א משומד און האט ניט קיין חלק לעולם הבא... נאר וואס אייך געפעלט ניט מיין אידיש לשון, וואלט איך א בעלן געווען איהר זאלט זיין אין מיין „פאלאזשעניע" און קומען מיט אייער דייטשמעריש צו אונז קיין מאסקווא און אפילו קיין בארדיטשעוו, וואלט איהר דעמאלט געוואוסט, וואס פאר א גאט מיר האבען.

א גליק וואס דער ראבינער האט פערשטאנען פון דער דאזיגער גאנצער רעדע נאר עטליכע געצעהלטע ווערטער: געלד... מענדעלסאן... מאסקווא... און דער נאררענבערגער ראבינער האט איהם גענומען לייענען א נאטאציע און זאגען מוסר, אז ס'איז א „פורכטבארע פרעכהייט" פון אזא אידעל זיך מישען אין דער רוסישער פאליטיק און קריטיקירען מענדעלסאנען למאי ער שטיצט מאסקווא מיט געלד... „אט דאס איז טאקי אייער אונגליק — האט דער ראבינער גע'דרש'עט צום ארעמען עמיגראנט — וואס איהר קריכט א הין ניט וואו מען דארף. אט דערפאר טאקי שלאגט מען אייך און מען טרייבט אייך, און מיר, דייטשע אידישע בירגער, האבען דורך אייך חרפה און בושה..." און נאך א סך אזעלכע ערנסטע קלוגע רעד האט דער נאררענבערגער ראבינער און פרעדיגער אויסגעשאטען אומזיסט און אומנישט, מחמת דאס אידעל האט פון זיין דרשה נאך ווינציגער פערשטאנען... דאס רעזולטאט איז געווען, וואס נאך עטליכע מאל ארויסטרייבען איהם און אנרופען „שנארער", „פאלנישער יודע" וכדומה אזעלכע נעמען, האט זיך אונזער „פנחס פינקוס" פארט דערשלאגען ביי דער נאררענבערגער קהילה, מען זאל איהם אויסלייהען א ביסעל מזומנים, וועט ער אויסשרייבען פון דער היים א ביסעל געדרוקטע סחורה — טאמער וועט ער עפים פערדינען.

און כך הוה. ער האט אויסגעשריבען א טראנספארט ספרים און ביכלעך אויך א ביסעל סדורים, חומשים, סליחות און הגדות און דער עיקר אידישע לוחות. אויף לוחות האט ער ארויסגעזעהן, וועט ער דא האבען מעהר בעלנים ווי אויף אלע אנדערע ספרים. פנחס פינקוס, האט ניט

אומזיסט פערבראכט זיין צייט צווישען די דייטשע ברידער. ער האט פערשטאנען, אז א לוח איז כמעט דער איינציגער גאנגבארער ארטיקעל פון דער אידישער ליטעראטור אין נאררענבערג. ער האט זיך ניט אפגענארט. ער האט אויספערקויפט דאס גאנצע פעקעל אידישע לוחות אין איין טאג און האט געמוזט אויסשרייבען נאך א טראנספארט מיט לוחות און האט דעם טראנספארט אויך אפגעזעצט.

פון דעמאלט אן האט אונזער פנחס פינקוס אנגעהויבען וואכסען און וואכסען, דאס הייסט געהן פון איין שטעדטעל אינ'ם אנדערן מיט א פעקעל ספרים אויף די פלייצעס, צום מיינסטען אידישע לוחות, בארדיטשעווער, ווילנער און ווארשאווער פאבריקאציע. נאר דער הויפט אפזאטץ איז ביי איהם געווען נאררענבערג און ווידער א מאל נאררענבערג, ווארום אין ערגיץ איז ניטא אזא איין אפגאנג אויף דער סחורה ווי אין נאררענבערג. א נאררענבערגער איד, אז ער קויפט א אידישען ספר, איך מיין א לוח, טהוט ער דערמיט דריי „וואהלטאטען" מיט א מאל, ערשטענס וואס ער ברענגט אין שטוב אריין א „אידישען ספר". צווייטענס וואס ער פערשפרייט דערמיט די אידישע ליטעראטור. דריטענס וואס ער גיט צו לייזען דעם ארעמען „פאלנישען יודען" געלד... און דער ארעמער פאלנישער יודע מאכט ניט שלעכט. דאס ערשטע יאהר האט ער אויסגעבראכט אידישע לוחות אין די צעהנדליגער. דאס צווייטע יאהר אין די הונדערטע. צום דריטען יאהר האט ער זיך געגרייט אפצוזעצען טויזענד לוחות, און אפשר נאך מעהר, ווער ווייסט? עס איז נור א הארצוועהטאג, וואס ער מוז די סחורה בעציהען אזש פון דער היים און צאהלען פאר איהר מיט בארעם געלד. עס וואלט געווען א גלענצענדעס געשעפט, ווען מען זאל קענען די סחורה פאבריצירען דא אויפ'ן ארט, און אונזער לוח־הענדלער פנחס פינקוס האט פערטראכט א קאמבינאציע — א גאנצען פלאן, א גאונישען, א טייוועלשען פלאן...

ד.

איין מאל אין א שעהנעם פריהמארגען איז אונזער לוח עקספארטער, פנחס פינקוס, געזעסען אין זיין אידישען רעסטאראן, וואו ער האט גאנץ פיין אפגעמיטאגט, זיך גערייניגט די צייהן און זיינע צוויי נישט גלייכמעסיגע אויגען האבען געקוקט איינס אוף דאס אנדערע און געפיהרט א שמועס. א סימן אז דער קאפ האט געטראכט, און דער מח האט געארבייט. און בכדי דער לעזער זאל וויסען וואס האט אזעלכעס געטראכט פנחס פינקוס,

געבען מיר איבער אין קורצען דעם שמועס פון זיינע אויגען. (לאמיר זיך אויף א מינוט פארשטעלען אז אויגען רעדען).

דאס קלייניע אויגעל: מען דארף אויסשרייבען א טראנס־פארט לוחות צום יאהר הרס"ח... אוועק שיקען אזוי פיעל געלד!

דאס גרויסע אויג: א גאנצען אוצר!...

דאס קלייניע אויגעל: אנ'עבירה פאר גאט!...

דאס גרויסע אויג: מען איז עובר אויף בל תשחית!...

דאס קלייניע אויגעל: מען זאל קענען קריגען פון ווערט וועגען אנ'אלטען לוח...

דאס גרויסע אויג: פון תרח'ס יאהרען, אבי א לוח!...

דאס קלייניע אויגעל: די נאררענבערגער לומדים...

דאס גרויסע אויג: מופלגים, גרויסע קעפ, שארפע מוחות!...

דאס קלייניע אויגעל: אז מאמער וועלען אויסקומען די דינטעם פאפעריק?...

דאס גרויסע אויג: בין איך בדלות!...

דאס קלייניע אויגעל: א מצוה אויף זיי!

דאס גרויסע אויג: חאפט זיי בענ!...

דאס קלייניע אויגעל: במילא טרפניאקעס דייטשען!...

דאס גרויסע אויג: קירע מאק!...

דאס קלייניע אויגעל: זיי האבען מיר גענוג בלוט פערצאפט איידער איך האב מיך ארויפגעשלאגען אויף א שטיקעל דרך...

דאס גרויסע אויג: עס מעג שוין אמאל קומען אויף זיי אויך א מפלה! — — — — — — — — — — — — — — — — —

און פנחס פינקוס האט א ווינק געטהון צום קעלנער:

— הער נאר, דייטש בן דייטש! א קריגעל סמעטענע!

דאס האט געהייסען אזוי גוט ווי א קופעל ביער, און אונזער לוח־הענדלער האט אויסגעטרונקען א קופעל ביער און האט אוועקגעשריבען אהיים א בריעף, פון וועלכען מיר גיבען דא איבער א ריכטיגע קאפיע:

„... און ווייטער שרייב איך אייך, מיין ליעבער פריינד, איהר זאלט זיין אזוי גוט און אריינפאקען מיר וויפיעל איהר קאנט אלטע לוחות צום מיינסטען פון יאהר תרמ"ח. איך האב דא אויף זיי אנ'אפזעץ... די דייטשען קויפען אלטע מארקעס מיט אלטע לוחות... פארשטעהט זיך אז זיי צאהלען דערפאר זעהר ביליג, נאר אלץ איז בעסער פאר אייך איידער זיי זאלען פוילען ביי אייך אויפ'ן בוידעם און די מייז זאלען זיי עסען... אז

איהר וועט איינפּאַקען די אַלטע לוחות זאָלט איהר מוחל זיין זיי איבער־וועגען און רעכענען מיר לויט וואָג פון פּאַפּיר און אַרויסשיקען מיר פער נאַכנאַהמע. זעהט זשע למען השם אַלע אַלטע לוחות וויפיעל איהר האָט, צום מיינסטען פון יאָהר תרמ״ח. איך טהו דאָס כמעט נאָר צוליעב אייך. איך ווייס אַז עס וואַלגערן זיך ביי אייך אַלטע לוחות. וויל איך אייך גע־בען צו לייזען. צו קיין אַנדערן שרייב איך נישט, נאָר צו אייך, ווייל איך האַלט פון אייך. געדענקט־זשע למען השם וואָס מעהר גוטע לוחות, און איך גריס אייער ווייב און קינדער גאָר פריינדליך.

ממני פנחס פינקוס."

פער'חתמ'ט דעם בריעף, האָט ער אַ רוף געטהון דעם קעלנער:

— הער נאָר, דייטש בן דייטש, נאָך אַ קריגעל סמעטענע!...

בעקומען נאָך אַ קריגעל ביער האָט אונזער לוח פאַבריקאַנט אָנגע־שריבען נאָך אַ בריוועל צו אַן אַנדער מוכר ספרים:

„... והשנית שרייב איך אייך, אַז איך האָב אויסגעקראַצט דאָ איינעם אַ דייטש, וואָס איז אַ קונה אויף אַלטע לוחות, אָבער נאָר פונ'ם יאָהר תרמ״ח. אויב איהר האָט זיי, שיקט זיי מיר צו באַלד דורך אַ נאַכנאַהמע. רק איהר זאָלט נישט רעכענען מעהר ווי דאָס פּאַפּיר, כי איך דאַרף דאָך אויך עפּיס פאַרדיענען... איך שרייב נאָר צו אייך, ווייל איך ווייס, אַז נאָר ביי אייך געפינען זיך אַלטע לוחות, און מחמת איך האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור. ממני פנחס פינקוס."

און נאָך אַ בריוועל האָט ער אַוועקגעשריבען שוין אין אַן'אַנדער שטאָדט:

„... והשנית שרייב איך אייך אַז איך קאָן ביי אייך היינטיגס יאָהר קויפען לוחות נאָר על מנת, דאָס הייסט מיט אַ תנאי, אַז צו יע־דען נייעם לוח פון יאָהר תרמ״ח דאַרפט איהר מיר צולעגען דריי לוחות אַלטע פונ'ם יאָהר תרמ״ח אומזיסט. ווייל ס'איז דאָ אַ פּאָאַר דייטשען וואָס זיצען און שטודירען די ווערטערונגען נאָך די אַלטע לוחות פון די פריהערדיגע יאָהרען. לכן אבקש איהר זאָלט מיר אַרויסשיקען אַלע אייערע אַלטע לוחות פון יאָהר תרמ״ח, צולעגען צו יעדע דריי אַלטע איינעם אַ נייעם לויט פרייז, און באַלד אַרויסשיקען על ידי נאַכנאַהמע...

פון מיר אייער פריינד פנחס פינקוס."

אָט אַזעלכע בריוולעך זענען אַוועקגעגאַנגען נאָך עטליכע צו פערשיע־דענע בוכהענדלער אין פערשיעדענע שטעדט. און אונזער לוח אַנגראָסיסט פנחס פינקוס האָט זיך צעצאָהלט מיט'ן קעלנער און האָט זיך אָנגעזאָטעלט מיט'ן פּעקעל ספרים אויף די פּלייצעס און איז אוועק זיין וועג, ווי אַ

מענש וואָס האָט פערקלערט און אויסגעפיהרט אַ רעכטען, אַ וויכטיגען עסק.

ה.

דאָס געוועזענע יאָהר 5668, זינט גאָט האָט בעשאַפען די וועלט, איז געווען פאַר די נאַרענבערגער אידען אַ יאָהר פון שפע. אַלע, פונ׳ם ערשטען פאַבריקאַנט ביז׳ן לעצטען בעל מלאכה, האָבען געמאַכט גוטע געשעפטען. אַלע, פונ׳ם ערשטען קאָמיסיאָנער ביז׳ן קלענסטען הויזירער, האָבען פערדינט געלד און אַלע זענען געווען צופריעדען און האָבען זיך געפרעהט וואָס דער „אַרמער פּאָלנישער יודע“ לייזט ביי זיי געלד פאַר׳ן לוח תרס״ח. מען קען זאָגען, עס איז נישט געווען אין נאַרענבערג קיין איינציג הויז, וואָס זאָל נישט האָבען געקויפט ביים „פּאָלנישען יודען“ קיין לוח אויף דעם יאָהר. און די נאַרענבערגער אידישע בעפעלקערונג האָט גענומען דאָס נייע יאָהר תרס״ח (5668) נאָכ׳ן אַלטען לוח פונ׳ם יאָהר תרמ״ח (5648) אויסגעצייכענט גוט, דאָס הייסט: מע האָט זיך געהאַט יאָהר־צייטען, געפייערט בר־מצוה׳ס און געבענשט חנוכה ליכטלעך, געגעסען פורים׳דיגע האָמענטאַשען, און גענומען זיך גרייטען צום הייליגען פסח, באַקען מצות — אַלסדינג ווי אַלע יאָהר, פון זינט די וועלט איז אַ וועלט, — און אין דער ריכטיגער צייט, לויט דער לוח זאָגט. האָט מען זיך גאַנץ פיין אוועקגעזעצט צום סדר, אויף מאָרגען נאָך אַ מאָל צום סדר, און אַזוי וואָלט זיך אָבגעלאָפען דער פסח און אפשר דער שבועות מיט׳ן סוכות אויך, ווען עס זאָל זיך נישט טרעפען אַ מעשה. (ביי אַלע שרייבער פון דער וועלט מוז זיך טרעפען אַ מעשה).

ומעשה שהיה כך היה:

איינער אַנ׳אַפּטייקער האָט געדאַרפט פאָהרען פון נאַרענבערג קיין בערלין נאָך סחורה. האָט ער זיך אויפגעזעצט דעם ערשטען טאָג חול המועד פסח און איז אַוועק קיין בערלין. געקומען איז ער קיין בערלין אין אויסגעהונגערטער פונ׳ם וועג סכנות! דער לעזער, וואָס האַלט קאָפּ, געדענקט אַודאי, אַז אַ נאַרענבערגער אידישער דייטש, ער מעג זיך זיין אפילו אַנ׳אַפּטייקער, אָדער אַ דאַנטיסט, אָדער אפילו נאָך ערגער פון אַ דאַנטיסט, וועט אויך פסח קיין חמץ נישט עסען פאַר קיין צעהן מיליאָן. אַ גאַנץ יאָהר וועט איהר ביי איהם פועלן ער זאָל אייך עסען חזיר. איהר וועט איהם איינבעטען ער זאָל אייך עסען ראַקעס און וואָס איהר ווילט, — נאָר קומט דער הייליגער פייערטאָג פסח, ווערד אַ דייטש פרום מיט סכנות נפשות! ער וועט אייך גיכער שטאַרבען פון הונגער איידער זיך

צוצורירען צו חמץ אום פסח. איהר מעגט דאָס אָנרופען פאַנאַטיזם — ס'איז אַ פערפאַלענע זאַך...

אַלזאָ געקומען אַ הונגעריגער קיין בערלין איז אונזער אַפּטייקער קודם געגאַנגען זוכען אַ אידישען רעסטאָראַן אויף דער פריעדריכשטראַסע און האָט דערזעהן דאָס וואָרט „כשר" און האָט זיך מחיה געווען. — אַריינגעקומען אין רעסטאָראַן אַריין האָט ער נישט צייט געהאַט זיך אַוועקזעצען ביים טישעל און דורכשטודירען דאָס צעטעל פון די פסח'דיגע מאכלים, איז אויסגעוואַקסען נעבען איהם אַ קעלנער, אַ געזונדטער יונגאַטש מיט אַן אָנגעפּאָמאַדעטען קאָפּ מיט שטעהענדיגע וואָנסען אַ לאַ ווילהעלם דער צווייטער. דער יונגאַטש דער קעלנער האָט געהאַלטען אין די הענד אַ טעלער און אויפ'ן טעלער — שטעלט אייך פאָר! — אַ המן־טאַש מיט מאָהן!!!...

אונזער אַפּטייקער איז שיער נישט געפאַלען חלשות: וואָס הייסט עס? כשר, פסח, און אַ המן־טאַש מיט מאָהן! "יען דער אַפּטייקער זאָל נישט זיין טוידט הונגעריג, וואָלט ער זיכער געמיינט, אַז ס'איז אַ חלום. דער קעלנער דער יונגאַטש האָט דערזעהן, אַז דער גאַסט קוקט עפּיס מיט מאָדנע אויגען, האָט ער פערשאַרט אַרויף ביידע שטעהענדיגע וואָנסען אַ לאַ ווילהעלם דער צווייטער און האָט אַ זאָג געטהון צום גאַסט מיט אַ פריינדליך שמייכעלע פון אַ קעלנער:

— וועגען פייערטאָג פורים שפּייז!... כשר לפורים!...

דאָ איז אונזער אַפּטייקער געוואָרען נאָך מעהר צומישט: וועגען פייערטאָג — פורים שפּייז?!... דער קעלנער איז אַוועק און אויף זיין אָרט איז אויסגעוואַקסען דער „ווירטה" פונ'ם רעסטאָראַן, אַן עלעגאַנט געקליידעטער דייטש מיט אַ זעהר ליעבליך אַלאונטערטהעניגסט שמייכעלע אויף די פעטע רויטע ליפּען, און צווישען דעם ווירטה מיט'ן גאַסט האָט זיך פערבונדען זעהר אַ אינטערעסאַנטער שמועס, פון וועלכען מיר גיבען דאָ איבער נאָר דעם תמצית. דער ווירטה האָט בעגריסט דעם גאַסט מיט'ן פייערטאָג פורים, און דער גאַסט האָט געוואָלט איינרעדען דעם ווירטה, אַז היינט איז טאַקי אַ פייערטאָג, נאָר דער פייערטאָג הייסט נישט „פורים", ער הייסט „אָסטערן" (פסח). תחלת האָט דער ווירטה גערעכענט, אַז דער גאַסט איז גלאַט אַ פרעהליכער פּאַרשוין און מאַכט זיך לוסטיג, לכבוד פורים, האָט ער גאַנץ העפליך געחיחיקעט. דעם גאַסט איז אָבער דאָס חיחיקען פונ'ם ווירטה גאָר־נישט געפעלען, און דער שמועס צווישען ווירטה און צווישען גאַסט האָט אָנגעהויבען וואָס ווייטער אַריין אין ערנסט, ביז עס האָבען דערהערט אויך די איבריגע געסט פון רעסטאָראַן און האָבען

זיך אויך אַריינגעמישט אין דעם הויך-אינטערעסאַנטנעם שמועס. דאָס האָט אונזער אַפּטייקער פערדראָסען, האָט ער זיך אויסגעשפּראָכען מיט זעהר אַ גיפטיג שמייכעלע, אַז מען קאָן זיך זיין אַ איד און ערלויבען עסען חמץ אין פסח, נאָר אַריינמישען זיך אין פרעמדע אַנגעלעגענהייטען איז נישט לויט דעם דייטשען עטיקעט... דערויף האָט איינער אַ דושענטעלמאַן מיט צוויי שעהנע באַקענבאַרדען שוין אַ ביסעל גרויהליך מיט נישט ווינציגער גיפט אַ פרעג געטהון ביי'ם אַפּטייקער פון וואַנען איז דער „העררˮ? און אַז ער האָט דערהערט, אַז דער „העררˮ איז אַ נאַררענבערגער האָט ער אויסגעצויגען אַ לאַנגען „אַאַאַˮ!!! און האָט זיך פערטיפט אין טעלער...

ווען אונזער נאַררענבערגער העלד זאָל נישט זיין אַזוי הונגעריג, וואָלט ער דעם דושענטעלמאַן מיט די באַקענבאַרדען פאַר אָט דעם דאָזיגען „אַ-אַ-אַˮ מכבד געווען ווי עס געהער צו זיין: ערשטענס וואָלט ער איהם דערלאַנגט זיין וויזיט קאַרטע מיט דער פירמאַ „דאָקטאָר פאַרמאַציע אין נאַררענבערגˮ; צווייטענס וואָלט ער געפאָדערט פון דעם דושענטעלמאַן מיט די באַקענבאַרדען, אַז ער זאָל איהם געבען זיין וויזיטקאַרטע מיט זיין פירמאַ — און וואָס נאָך דעם וואָלט געווען — ווייס איך נישט, איך בין נישט קיין נביא... וואָס ס'איז געווען — דאָס קען איך אייך דערצעהלען. און געווען איז אָט וואָס: אונזער נאַררענבערגער העלד איז פון דעם רעסטאָראַן אַוועק אַ ברוגז'ער אין אַ צווייטען רעסטאָראַן, אויך אַ אידישען, און האָט געטראָפען דאָרט פונקט דאָס אייגענע בילד: אויך אַ חמצ'דיגען מיטאָג, אויך חמץ'דיגע המן-טאַשען „כשר לפוריםˮ — און געענדיגט האָט זיך עס דערמיט, וואָס אונזער אַפּטייקער איז אַוועק פון דאָרט אין אַ כריסטליכען רעסטאָראַן און האָט זיך בעשטעלט אַ גויעשען מיטאָג „אַ לאַ קאַרטˮ. ער האָט זיך געטראַכט: „איידער עסען חמץ אום פסח איז שוין גלייכער עסען טרפה...ˮ

ו.

איינע פון די ניצליכסטע ערפינדונגען פון אונזער צייט בלייבט טאַקי נאָר דער טעלעפאָן, אַ דאַנק דעם טעלעפאָן איז גאַנץ נאַררענבערג אין פערלויף פון איין האַלבע שעה געוואָהר געוואָרען, אַז די הויפּט שטאָדט פון דייטשלאַנד, די אידישע שטאָדט בערלין האָט פערשפּעטיגט מיט'ן פסח כמעט אויף אַ גאַנצען חודש, אַז וועהרענד אין נאַררענבערג, איז שוין דער צווייטער טאָג חול המועד פסח, איז אין בערלין ערשט פורים! פאַר דער נאַררענבערגער קהילה איז דאָס געווען אַזוי איבערראַשענד, אַז זיי

האָבען געוואָלט וויסען וואָס וועט זאָגען דערויף „אונזער רבי״? און מען איז אַוועק צו אונזער ראַבינער דאָקטאָר און פּרעדיגער און מען האָט איהם שוין געטראָפען ביים טיש שרייבענדיג אַ טעלעגראַמע קיין בערלין צו זיינעם אַ קאָלעגאַ, אויך אַ ראַבינער און אויך אַ דאָקטאָר און אויך אַ פּרעדיגער. ער האָט געבעטען ביי זיין קאָלעגאַ ער זאָל איהם זאָפאָרט טעלעגראַפירען, וועלכער פייערטאָג איז היינט אין בערלין? און דעם זעלבען טאָג אַרום פאַר נאַכט האָט דער ראַבינער בעקומען אַ קלאָהרע תשובה פון בערלין. די תשובה איז בעשטאַנען נאָר פון איין וואָרט: „שושן פורים״... און טאַקי דורכ׳ן זעלבען טעלעפאָן האָט ער געגעבען צו וויסען דער גאַנצער שטאָדט און האָט געבעטען יעדען בעזונדער, אַז מען זאָל אַרייַנקוקען אין לוח אַריין, קאָנטראָלירען דעם דאַטום. און די שטאָדט נאַררענבערג האָט גענומען שטודירען דעם לוח מיט אַזאַ אינטערעס, גלייך ווי מען וואָלט וועלען דערגעהן, ווען קעהרט זיך איבער די וועלט?...

מען טאָר אָבער נישט אַוועקגעהן פונ׳ם אמת: נאַררענבערג איז טאַקי זעהר אַ פיינע שטאָדט און איהרע אידישע איינוואָהנער זענען טאַקי זעהר פיינע אָרענטליכע מענשען — איינס צום אַנדערן געהער זיך אָבער נישט אָן, קיין סך געלעהרענטע מענשען, וואָס זאָלען פערשטעהן לוח איז דאָרט נישט פאַרהאַנען, דער איינציגער אידישער געלעהרטער וואָס פערשטעהט אַ אידיש וואָרט איז איינער וואָס טראָגט זעהר אַ הויכען בעריהמטען נאָמען „מאַטיאַס דרייפוס״.

מיר פערהאַפען זיך אויף צו פריהער און מאַכען אויפמערקזאַם דעם לעזער, ער זאָל חלילה קיין טעות נישט האָבען און נישט מיינען, אַז דאָס איז דער מאַטיאַס דרייפוס, דער ברודער פון אונזער וועלט בעריהמטען מאַרטירער קאַפּיטאַן (היינט מאַיאָר) אַלפרעד דרייפוס. דער נאַררענבערגער מאַטיאַס דרייפוס איז דער שמש פון דער דאָרטיגער כאָר-שול און דער שוחט פון שטאָדט. ווי קומט צו איהם אַזאַ נאָמען — זאָלט איהר נישט פרעגען. למאי ס׳איז דאָ אין דעם זעלבען נאַררענבערג אַ איד אַנ׳אָרעמאַן, וואָס לעבט פון דעם וואָס ער זאָגט קדיש אַז מען בעצאָהלט איהם, און טראָגט דעם נאָמען נאַטאַניאַל ראָטשילד? אָדער ס׳איז פאַראַן, טאַקי אַלץ אין נאַררענבערג, אַ שוסטער און אַ קאַליקע דערצו, וואָס שעהמט זיך נישט און הייסט מיט׳ן נאָמען היינריך היינע? און אַ ראַזירער איז דאָרטען דאָ, שטעהט אויף זיין שילד אויסגעמאָלט אַ נקבה מיט אַ רויטען פאַריק און אונטען אָנגעשריבען מיט גרויסע לויטערע אותיות: לודוויג בערנע! עס פעהלט נאָך צום רעמעל אַ שטיוועלפוצער מיט׳ן נאָמען ברוך שפינאָזאַ... עס קען זעהר געמאָלט זיין, אַז עס דרעהט

זיך ערגיץ אַרום דאָרטען אין שטאָדט אַ ברוך שפינאָזאַ, נאָר איך האָב נאָך נישט געהאַט דאָס גליק מיט איהם פערזענליך צו בעקענען זיך... נאָר מיר קעהרען זיך אום צו אונזער געלעהרטען מאַטיאַס דרייפוס, דעם שמש פון דער כאָר־שול.

אַז דער געלעהרטער מאַטיאַס דרייפוס האָט דערהערט די געשיכטע וואָס דער אַפּטייקער האָט געבראַכט צו פיהרען פון בערלין אַז דאָרט איז ערשט פּורים, נישט פסח, האָט ער זיך גענומען גריבלען אין'ם לוח גאָר מיט אַנדערע כלים, ווי עס פּאַסט פאַר אַ געלעהרטען, וואָס איז אי אַ שמש, אי אַ שוחט און הייסט דרייפוס. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געגריבעלט ביז ער האָט זיך אַרויפגעגריבעלט אויף אַ שטיקעל דרך: ער האָט געפרעגט אַ קשיא, וואו איז אַהינגעקומען דער „ואדר" (אדר שני)? — לויט זיין רעכנונג, ער געדענקט דאָס נאָך פון פאַראַיאָהרען, האָט הייַנטיגס יאָהר — דאָנער וועטטער! — בעדאַרפט אויסקומען אַנ'עבור יאָהר. אַ בעוויַיז האָט ער פון'ם אָרגאַניסט, פריעדריך שפּיעלהאַגען, ער איז אַ קריסט און שפּיעלט בייַ די אידען יום־טוב אין כאָר שול, זאָגט ער, פריעדריך שפּיעלהאַגען, אַז בייַ זיי איז הייַנטיגס יאָהר אויך אַנ'עבור יאָהר!

מיט דעם דאָזיגען וויכטיגען מאַטעריאַל איז אונזער געלעהרטער דרייפוס אַוועק צום ראַבינער דאָקטאָר און פרעדיגער, און ביידע האָבען זיך אַוועקגעזעצט שטודירען דעם לוח גאָר איבער־אַ נייַעם. [illegible] דאָ איז געקומען די רעכטע קאַטאַסטראָפע: ביידע האָבען דערזען [illegible] זייער לוח איז נישט פון יאָהר תרס"ח (5668), נאָר פון'ם יאָהר תרמ"ח (5648). דאָס הייסט אַ פאַרצוואַנציגיאָהריגער לוח!!!...

*

*

דער פּערפּאַסער פון דער דאָזיגער אמת'ער געשיכטע בעדאַנקט דעם געעהרטען לעזער פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך גענעבען די מיה אויסצוהערען די מעשה כמעט ביז'ן סוף, און לאָזט איבער אויף זייַן אייגענער פאַנטאַזיע ער זאָל זיך פאָרשטעלען וואָס עס האָט זיך אָבגעטהון אין דער שטאָדט נאַררענבערג, ווען מען איז געוואָהר געוואָרען פון'ם רבי'ן אַלייַן. אַז זיי האָבען פערהאַפּט דעם פסח מיט אַ גאַנצען חודש פריהער, און אַז מען וועט דאַרפען פראַווען פסח נאָך אַמאָל פון'ם אָנהויב! איך וואָלט געקענט אויסנוצען אַלע שאַרפע אויסדריקע, ווי צום בייַשפּיעל: עמפּערט, ענטטוישט, איבעראַשט, אויפגעבראַכט, אויפגעטראָגען, צעקאָכט, נידערשלאָגען, אויסער זיך וכדומה. איך פיהל אָבער אַ ס'איז נישט דאָס, ס'איז

באנאל. דאָס ריכטיגסטע וואָרט וואָלט געווען, דאַכט מיר, פערניכטעט!... בערעכענט איך: אַ גאַנץ האַלב יאָהר האָט אַ שטאָדט אָפּגעלעבט פּאַלש נאָך אַנ'אַלטען אָפּגעלעבטען לוח פון פאַר צוואַנציג יאָהרען! געפייערט יום־טובים נישט אין דער ריכטיגער צייט! געגעסען מצה דאַמאָלס ווען אַלע אידען האָבען געשלאָגען המן'ען! היינט וואו זענען די בר מצוות? די יאָהר־צייטען? די קדישים???... און וועמען האָט מען צו פערדאַנקען? עפּיס אַ אידעל, אַ גאָרנישט, אַנ'אימיגראַנט — „אָה, דער פּאָלנישער יו־דע!" האָבען געזאָגט די נאַרדענבערגער אידישע דייטשען און האָבען זיך געשאַרפט די ציינער אויפ'ן „פּאָלנישען יודען", לאָז ער נאָר קומען קיין נאַרדענבערג מיט זיין פעקעל ספרים, וועט ער שוין טרוקען נישט אַרויס...

און דער „פּאָלנישער יודע", אונזער בוכהענדלער פנחס פּינקוס, איז אין דער צייט געזעסען מיט נאָך אַ סך אַזעלכע אַרויסגעוואָרפענע ווי ער אויף אַ ריזענשיף, וואָס איז געדולדיג און ראַשיג געשוואומען פון האַמבורג קיין ניואָרק... פונ'ם גאַנצען דאָברעמאַזעל וואָס ס'איז איהם געראָטען אַרויסצובעקומען פון די „דייטשען" האָט ער קוים צונויפגעשלאָגען אויף אַ שיפסקאַרטע צווישען דעק, און ער פאָהרט אַט דאָס אַהין, אינ'ם גאָלדע־נעם לאַנד, וואָס קאָלומבוס האָט ענטדעקט צוליעב דעם, אַז אָרעמע יודען פון דער גאָרער וועלט פעריאָגטע און פערוואָגעלטע, בערויבטע און פער־שענדעטע, זאָלען קענען עהרליך און מיט כבוד. חאָטש אפילו מיט גרויס מיה, פערדינען זייער שטיקעל ברויט...

לעזער! לאָמיר איהם ווינשען גליק און אַ פרעהליכען כשר'ען פסח...

א פסח'יגע עקספראפריאציע.

אַ פסח׳יגע עקספּראָפּריאַציע.

א.

כתרילעווקע האָט פון תמיד אָן נאָכגעטאַנצט אדעס; נאָר פון זינט עס האָבען זיך אָנגעהויבען די בהלות, טרעט כתרילעווקע נישט אָב פון אדעס אויף קיין האָר; אין אדעס אַ סטרײַק — אין כתרילעווקע אַ סטרײַק; אין אדעס קאָנסטיטוציע — אין כתרילעווקע קאָנסטיטוציע; אין אדעס אַ פּאָגראָם — אין כתרילעווקע אַ פּאָגראָם. אײַנער אַ ליץ האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז אין אדעס האָט מען אָנגעהויבען זיך אָבשנײַדען די נעזער, האָט מען אין כתרילעווקע גענומען שאַרפען מעסערס; אַ גליק, וואָס אין כתרילעווקע גופא האָט מען ליעב קוקען אויף יענעם, דעריבער האָט יעדער געוואַרט, ביז דער ערשטער וועט זיך אָבשנײַדען די נאָז. און מע וואַרט נאָך עד היום...

נאָך אַזאַ מין הקדמה וועט שוין קיינעם קיין וואונדער נישט זײַן, וואָס עס געהט נישט אַוועק כמעט אַ טאָג, מע זאָל נישט לייענען אויף די גאַזעטען אַלעמאָל אַנ׳אַנדער אומגליק פון כתרילעווקע; ווי אַזוי „חברה“ האָבען זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אַ בעקער און האָבען עקספּראָפּריאירט דאָס גאַנצע געבעקס, אָדער ווי אַזוי אַ שוסטער

האָט שוין געהאַט כמעט געענדיגט א פּאָר שטיוועל — ס'איז געבלי־
בען נאָר אַרויפצוציען א פּאָר פּאָדעשוועס מיט די אָבצאַסען, — איז
מען איהם בעפאַלען אין מיטען העלען טאָג, אָבגעזאָגט דעם געווי־
סען פּסוק „שאו ידיכם" — רוקי ווערך — און צוגענומען די שטי־
וועל. אָדער א יוד אַנ'אָרימאַן איז געגאַנגען איבער די הייזער —
דאָנערשטאָג איז געוועזען די מעשה — האָט מען איהם זאַסטעמפּעט
ערגיץ אין א געסעל, צוגעשטעלט איהם א פּיסטויל גלייך אין פּנים
אַריין און אויסגעטרייסעלט ביי איהם, וואָס ער האָט געהאַט. אָדער
הערט א מעשה, וואָס א יודינע דערצעהלט... נאָר וואָס א יודינע
דערצעהלט וויל איך אייך נישט איבער'חזר'ען; א פרוי האָט שוואַכע
נערוועז, די צייט איז א אונרוהיגע, עס קען זיך איהר אויסוויזען
א קוצע קוה פאַר א בּאַרנבּוים... איך וויל נישט נעהמען אויף זיך
„די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער געזעלשאַפט"...

בקצור, עס איז אוועק אין כתרילעווקע א סדרה פון עקספּראָ־
פּריאַציעס, איינע שרעקליכער פון דער אנדערער. עס איז געוואָרען
א מורא צו לעבען אויף דער וועלט, און מע האָט אָנגעהויבען בענ־
קען נאָך די אַלטע גוטע יאָהרען, ווען איין פּריסטאַוו, וואָס פלעגט
נעהמען א קערבל, האָט געקאָנט האַלטען א גאַנצע שטאָדט ביי
זיך אין זשמעני און מע האָט אָנגעהויבען בעטען גאָט און
תּפלה טאָן:

— גוואַלד, רבּונו של עולם, השיבנו נאַזאַד, האַרצעדיגער
פאָטער, חדש ימינו כּקדם...

דאָס איז אָבער נאָך אַלץ נישט מעהר ווי א הקדמה, די מעשה
הויבט זיך ערשט אָן.

ב.

בּנימין לאַסטעטשקע איז דער גרעסטער נגיד אין כתרי־
לעווקע. אויסרעכענען זיין גרויסקייט האָט נישט קיין שעור. ערש־
טענס האָט ער מחותּנים רייכע אויף דער גאַנצער וועלט. די מחו־
תּנים זענען שוין איצט נישט אַזוי רייך, ווי זיי זענען געוועזען אַמאָל,
איבער היינטיגע צייטען מיט היינטיגע אָנזעצען — ס'איז גאָר קיין
חדוש נישט, א חדוש איז נאָר, ווי יודען האַלטען זיך נאָך, און ווער

שמועסט די כתריליעווקער יודען — זענען שטארקער ווי אייזען ; ווי הערינג אין א פאס האבען זיי זיך צונויפגעפאקט אלע אויף איין ארט און זיי פרעסען איינס דאס אנדערע לעבעדיגערהייד. א שטיקעל גליק אט דאס אמעריקא, וואס נעהמט-צו פון דארטען אלע יאהר כמעט צוויי מאל אזוי פיעל, וויפיעל עס שטארבען אוים פון הונגער, פון פאגראמען און פון אנדערע שלעק... פון דעסטוועגען זעהט איהר דאך, אז גאט וויל, איז נאך דא אין כתריליעווקע א יוד א נגיד, וואס הייסט בנימין לאסטעטשקע, וואס אלע זענען איהם מקנא, וואס ער דארף נישט אנקומען צו קיינעם, א חוץ צו זיינע רייכע מחותנים. מאלט אייך, אנקומען צו א רייכען מחותן איז עפעס אויך נישט אזא זים שטיקעל ברויט, מחמת דאס רוב רייכע מחותנים זענען בטבע, נישט אויסגערעדט זאל זיין, גרויסע חזירים... פון דעסטוועגען איז בנימין לאסטעטשקע פארט דער נגיד אין כתריליעווקע. אז מע דארף א מאל א טובה, וואוהין געהט מען? צו בנימין לאסטעטשקע, און בנימין לאסטעטשקע הערט אוים, העלפט א מאל מיט אנ'עצה, א מאל מיט א גוטווארט, א מאל מיט א קרעכץ, — גוט איז דאס, ווארום אהן דעם וואלט דען געוועזן בעסער? אלץ איין שווארץ יאהר.

וואס איז דער חלוק פון א כתריליעווקער נגיד ביז, למשל, א נגיד אין יעהופעץ? די יעהופעצער נגידים האבען וויילע הערצער, קענען נישט צוזעהן דעם צער פון די ארימע לייט, האלטען זיי פערמאכט די טהיר, שטעלן אוועק א שווייצאר ביי דער שוועל, לאזען נישט צו קיין בן אדם, וואס געהט נישט אנשטענדיג אנגעטאן. און אז עס קומט דער ליבער זומער, הויבען זיי זיך אויף ווי די שוואלבען און פאהרען אוועק קיין אויסלאנד — געהט זוכט זיי! א נו, זאל פרובען א כתריליעווקער נגיד אזוי טאן, וועט מען איהם די ביינער צעטראגען! צי ער וויל, צי ער וויל נישט—בנימין לאסטעטשקע איז ראש וראשון אין קהל. אין אלע צדקה-זאכען איז ער דער ערשטער, נישט נאר אויף צו געבען די ערשטע נדבה, נאר אויף צו נעהמען דאס שטעקעל, מחילה, און געהן פון שטוב צו שטוב צענויפנעהמען נדבות פון ארימע לייט פאר ארימע לייט...

היינט ווער שמועסט ערב פסח ביי'ם צענויפנעהמען „מעות חטין" — א! דעמאלט מעגט איהר זיך פערגינען א קוק טאן אויף בנימין לאסטעטשקע חאטש פון דער ווייטען. איך ווייס נישט, אויב דער גרעסטער כלל-טוער פון דער גאנצער וועלט האט פאר דעם ברענג-

דינגסטען וואהל-קאמפף אמאל אזוי געשוויצט, ווי אונזער לאסטעטשקע שוויצט גאנצע פיער וואכען פאר פסח! ער שווערט, אז פון פורים ביז פסח שלאפט ער אין אנטאן! לאמיר איהם גלויבען אויף נאמנות, ווארום וואס קומט איהם ארויס פון דעם? קיין געלד פאדערט ער נישט פאר זיין טרחה. אי איהר וועט זאגען, ער טוט עס צוליעב כבוד? זאל זיין אזוי. וואס קען עס אייך ארען? יעדער מענש וויל כבוד; אפילו שררות האבען עס נישט פיינט; מיר ווילען די נאטור פונ'ם מענשען נישט איבערמאכען, — פארפאלען!

ד.

דער מנהג פון צענויפנעהמען מעות-חטין פאר ארימע לייט אויף פסח איז זעהר אנ'אלטער מנהג, זעהר א קאנסערוואטיווו מיטעל פון „פילאנטראפיע“; דאך, מיין איך, איז ער נישט אזוי ביטער, ווי די היינטיגע ווילען אונז איינרעדען. זיי זאגען, אז „פילאנטראפיע איז א שחיטה פאר דער געזעלשאפט“. איך וויל מיך מיט זיי אין חקירות און אין פאלעמיק נישט ארייניאזען. איך וויל נאר זאגען, אז נאך מיין מיינונג איז דא נאך א פיעל ערגערער מנהג: וואס די נגידים ווילען נישט געבען, און וואס מע דארף ביי זיי רייסען פון די ציינער. און נאך טויזענד מאל ערגער איז דאס, וואס די שענע מענשען, וואס ווילען נישט געבען, ווילען אייך איינרעדען א קינד אין בויך, אז דערפאר גיעבען זיי נישט, ווייל ס'איז פארהאן ביי זיי א „פרינציפ“... פאר אזעלכע מענשען זאלט איהר ענטלויפען, אזעלכע מענשען זענען טרוקען, ווי א טרוקען פישעל, און אומעטיג, ווי א קאץ... דאנקען גאט, וואס אין כתריליעווקע איז דער „פרינציפ“ נאך נישט אריין אין דער מאדע. די וואס גיעבען נישט, גיעבען נישט דערפאר, ווייל זיי האבען נישט... ערב פסח אבער, אז עס קומט צו מעות-חטין, איז דאס אויך קיין תירוץ נישט. אין כתריליעווקע געהט א שפריכווארט: „יעדער יוד איז מחויב אדער געבען מעות-חטין, אדער נעהמען מעות-חטין...

מאדנע מענשען די כתריליעווקער יודען! טויזענדער יאהרען זענען אוועק, זינט זייערע עלטער-עלטער-זיידעס האבען זיך בעפרייט פון גלות-מצרים, קענען זיי זיך נאך עד היום נישט אבגעוועהנען פון צו עסען מצות אלט טאג דורכאנאנד אלע יאהר, און איך האב זעהר מורא,

אַז דער דאָזיגער טרוקענער מאכל וועט נאָך לאַנג־לאַנג נישט אַרויס פון דער מאָדע... אַ גאַנץ יאָהר וועט אײַך אַ כּתרילעווקער ייִד שוואַ־לען פון הונגער, און קומט פּסח, מעג זיך איבערקעהרען די וועלט, מוז ער זײַן פערזאָרגט מיט מצות! עס איז נאָך נישט געווען דער פאַל, אַז אַ ייִד זאָל דאָרט שטאַרבען פּסח פון הונגער. און טאָמער מאַכט זיך אַ מאָל אַזאַ פאַל, דאַרף מען איהם פערשרײַבען אויפ'ן חשבון פונ'ם יאָהר, דאָס הײַסט, ער איז געשטאָרבען נישט חלילה מחמת דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט די אַלט טאָג פּסח קײַן מצה, נאָר מחמת דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט קײַן חמץ אין די 357 טעג פון אַ גאַנץ יאָהר. עס איז, פערשטעהט איהר מיך, אַ גרויסער אונטערשיעד!

ד.

נישטאָ אײַן זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט האָבען קײַן אויסנאַהם. דאָס יאָהר, וואָס מיר בעשרײַבען אונזער געשיכטע, איז געווען פאַר כּתרילעווקע אַזאַ יאָהר, וואָס מע האָט אַזעלכעס קײנמאָל נישט געהערט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז נעהמערס אויף מעות־חטין זענען מעהר ווי געבערס. מע זאָל זיך נישט שעמען פאַר לײַטען, וואָלטען כּמעט אַלע יודען דאָרטען זיך נישט אָבגעזאָגט פון צו נעהמען מעות־חטין... אַ צער־בעלי־חיים געווען אָנצוקוקען אונזער נגיד בנימין לאַסטעטשקע, ווי ער זיצט אין „קאָמיטעט" דעם לעצטען טאָג וואָס פאַר פּסח און האַלט אין אײַן אָבזאָגען:

— נישטאָ קײַן געלד!... אויסגעגאַנגען!... האָט קײַן פאַראיבעל נישט!...

— דערלעבט איבער אַ יאָהר — האָבען איהם געענטפערט די „אָבגעזאָגטע" אָרימע לײַט און צוגעלעגט אונטער דער נאָז: און איהר זאָלט קומען צו אונז נאָך מעות־חטין...

אײנס נאָך דאָס אַנדערע זענען די אָרימע לײַט אַרויס פון „קאָמיטעט" מיט לעדיגע הענד און מיט רויטע פּנימער ווי פון אַ שוויץ־באָד, געשאָלטען די נגידים אויף וואָס די וועלט שטעהט — ס'זאָל פאַלען אין ים אַרײַן.

צווישען די לעצטע „אָבגעזאָגטע" איז געווען אַ גאַנץ בינטעל

בחורים, אַרבײַט-יונגען, וואָס דרעהען זיך אום אַ גאַנץ ווינטער אָהן אַ שטאָך אַרבײַט. מע האָט שוין פערקויפט פון זיך אַלץ, וואָס מע האָט געהאַט. אײנער האָט פערזעצט אַ זילבערנעם זײגער און פאַר'ן געלד געקויפט פּאַפּיראָסען, און אַלע בחורים האָבען גערויכערט, אום צו שטילען דעם הונגער אַלע בחברותא — מעשה קאָמונע... געקומען אין „קאָמיטעט” האָט דאָס בינטעל בחורים אַרויסגעשטעלט פאַר'ן גע-נעראַל-רעדנער אײנעם, אַ דאַמסקי שנײַדער, מיט'ן נאָמען שמואל אַבּא פינגערעט. און חאָטש שמואל אַבּא פינגערעט איז געווען דער גענעראַל-רעדנער, פון דעסטוועגען האָט איהם דאָס גאַנצע „בינטעל” מיטגע-האָלפען און אַלע האָבען גערעדט, געטענה'ט, אַז זײ געהען-אויס פון הונגער, ממש זײ פאַלען מיט'ן פנים צו דער ערד. דער גבאי ראשון פון „קאָמיטעט”, בנימין לאַסטעטשקע, האָט זײ געלאָזט רעדען, און אַז זײ האָבען אויסגעלאָזט, האָט ער אָנגעהויבען בזו הלשון:

האָט קײן פאַראיבעל נישט, אײַערע רעד זענען אַרויסגעוואָרפען. ערשטענס זענט איהר נישט קײן בעווײַבטע, און מיר גיבען מעות-חטין נאָר פאַר בעווײַבטע; צווײטענס זענט איהר, קײן עין הרע, יונגע לײַט, וואָס קענען געהן אַרבײַטען און פערדינען אויף פּסח. דריטענס איז הײַנטיגס יאָהר בײַ אונז אַ גערעטעניש אויף אָרימע לײַט, פאַרהאַן מעהר נעהמערס, ווי געבערס; פירטענס — ס'איז אַ בזיון צו זאָגען, מיר האָבען שוין נישט פון גאַנץ פּריה אָן אַ צובראָכענעם גראָשען אין דער קאַסע. טאָמער גלויבט איהר נישט, נאַט זעהט.

און דער גבאי ראשון פון קאָמיטעט האָט זײ איבערגעקעהרט זײַנע אַלע קעשענים אויף דער לינקער זײַט, בעוויזען אויג-אויף-אויג, אַז ער איז נקי, רײן ווי גאָלד. דאָס „בינטעל” איז געבליבען אָהן לשון, נאָר דער לידער, שמואל אַבּא פינגערעט, האָט אַ פּה קדוש — מע דאַרף איהם די צונג נישט פּיקען. ער האָט זיך אָנגערופען צום גבאי מיט אַ גאַנצער דרשה האַלב יודיש האַלב רוסיש:

— ושאַל, וואָס איהר האָט נישט אָנגעהויבען פונ'ם סוף, וואָלט איהר פערשפּאָרט טראַטיען אַזוי פיעל פּאָראָך פּאָנאַפּראַסנאָ. נאָר איך וועל אײַך געבען אַ וואָפּראַזשעניע אויף אַלע אײַערע דאָוואָדען. וואָפּערוויך, וואָס מיר זענען חאָלאָסטיאַקעס איז דאָס פאַר אײַך אַ מעלה, ווינציגער אָרימע לײַט אין שטעדטעל. וואָטאָריך, וואָס איהר זאָגט: אַרבײַטען — סדיעלאַיטיע אָדאָלזשעניע! גיט אונז אַרבײַט, וועלן מיר אײַך איבער-קעהרען די וועלט! ווטרעטיך: וואָס איהר זאָגט אָרימע לײַט, איז אין

דעם שולדיג דער קאפיטאליזם ס'אדנאי סטאראני און די עקספלאאטאציע פונ'ם פראלעטאריאט ס'דרוגאי סטאראני. א ווטשעטוויארטיך, וואס איהר וויוואראטשעוועט די קעשענים אויף דער לינקער זייט, איז דאס נישט קיין דאקאזאטעלסטווא. מיר סאמניעוואיען זיך נישט, אז ביי אייך אין דערהיים, נאפרימער, זענען די שאפעס אנגעפאקט מיט מצות, אייער, ציבעלעס און קארטאפליס און געגזענשמאלץ און טאמו פאדאבנאיע און ווייך אויף ארבע כוסות... איהר זענט אלע בורזשוקעס און בעזסאוועסטנע עקספלאאטאטארעס און באלשע ניטשעווא! טאווארישטשי, קומט לאמיר געהן!...

מיר מוזען נאכגעבען, אז כתרילעווקע, וואס טאנצט-נאך אדעם און אלע אנדערע גרויסע שטעדט, איז נאך אזוי ווייט נישט פארגעשריטען, אז אזא עקספלאאטאטאר, ווי אונזער נגיד בנימין לאסטעטשקע, זאל עפענען די שאפעס, צוטיילען פאר די ארימע לייט די מצות מיט די אייער מיט די ציבעלעס מיט די קארטאפליס מיט'ן געגזענשמאלץ און מיט'ן ווייך אויף ארבע כוסות, און אליין זאל ער בלייבען מיט ווייב און קינדער אט אזוי א... איך בין אבער איבערצייגט, ווי צוויי מאל צוויי איז פיער, אז מיינע כתרילעווקער עקספלאאטאטארם וועלען דאס זיכער טאן, זאל נאר פריהער בעוויזען אדעם, אדער יעהופעץ, אדער אנדערע גרויסע שטעדט אזא מין ביישפיעל. כתרילעווקע, מיינע ליבע פריינד, איז נישט מחויב צו זיין די ערשטע אויפ'ן יריד...

ה.

מיט א ריינעם געוויסען, אנ'אויסגעבאדענער, א יום-טוב'דיגער, האט זיך בנימין לאסטעטשקע אוועקגעזעצט מיט ווייב און קינדער די ערשטע נאכט פסח צום סדר, רוהיג און אויפגעלעגט, טאקי ווי אנ'אמת'ער מלך, וואס פיהלט זיך גוט אין זיין מלוכה. אין דער רעכטער האנד האט ער די מלכה, שרה לאה זיין ווייב, אויסגעפוצט יום-טוב'דיג מיט א נייער זיידענער פאטשיילע, פון וועלכער עס קוקען ארויס צחוי לאנגע באמבעלדיגע אויהרינגלעך פון עכט זילבער 84-טע פרוב, און ארום און ארום טיש די קינדער, די פרינצען מיט די פרינצעסינם — א גאנצער בוקעט פון אויסגעצוואגענע קעפלעך, רויטע בעקלעך, בלישטשענדיגע אייגלעך, אפילו זלאטקע די דינסטמויד, וואס א גאנץ

יאָהר איז זי איינגעשפּאַנט אין יאָך און אַרבייט ווי אַן'אייזעל, האָט זיך אויסגעצוואָגען און אָנגעטאָן מיט פּאַטשולי-זייף און אַריין אין אַ ניי סיצען קלייד'על מיט נייע „באָטינקעס" און מיט אַ ברייטע רויטע סטענגע אויפ'ן שוואַרצען גלאַנצענדיגען שטערען. אַלע פּיהלען זיך גוט, מחיה, פריי, גלייך ווי זיי אַליין זענען נאָר-וואָס אַרויס פון מצרים. מיט אַ קנאַק האָט דער יונגסטער פון די פּרינצען אָפּגעקלאַפּט די פיער קשיות, און דער פאָטער דער מלך, בנימין לאַסטעטשקע, האָט גענומען לאַנג-זאַם, מיט זעהר אַ שענעם נגון, אויף אַ הויך קול, ענטפערן איהם אַ תירוץ, דעם אַלטען תירוץ, עבדים היינו — קנעכט זענען מיר געוועזען לפרעה במצרים — ביי פרעה'ן אין מצרים, האָט אונז גאָט אַרויסגע-צויגען פון דאָרטען מיט אַ שטאַרקער האַנד און מיט גרויסע וואונדער בעצאָהלט פרעה'ן מיט צעהן שענע מכות... און האָט גענומען אויס-רעכענען אויף אַ קול און מיט אַ נגון די שענע מכות — פּלוצים...

ו.

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טהיר, און נאָך אַ קלאַפּ, און נאָך צוויי קלעפּ. ווער זאָל דאָס זיין?... „עפענען אָדער נישט עפענען?"... און עס איז געבליבען, אַז יאָ עפענען, ווארום דאָס קלאַפּען איז געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער אין שטאַרקער, און דער מלך און די מלכה און די פּרינצען זענען אַלע געבליבען שטיל, און זלאַטקע די דיענסטמויד האָט געעפענט די טהיר, און אין שטוב זענען אַריין דאָס גאַנצע בינטעל בחורים מיט זייער לידער, שמואל אַבא פינגערעט, בראש, מיט אַ ברייטען „גוט יום טוב!"... אונזער נגיד בנימין לאַסטעטשקע, האָטש די נשמה איז איהם שוין געווען אין די פּיאַטעס, האָט זיך אָנגענומען מיט הארץ און האָט אַ זאָג געטאָן צו דער חברה:

— אַ גוט יום טוב, אַ גוט יאָהר, סקאָצעל קומט, וואָס וועט איהר זאָגען גוטס?

איז אַרויסגעטראָטען שמואל אַבא פינגערעט, דער גענעראַל-רעדנער, מיט אַ דרשה, ווי זיין שטייגער איז אויף דער געמישטער האַלב-רוסישער שפּראַך און האָט אַזוי געזאָגט:

— איהר זיצט דאָ אין דער ליכטיג ביי אַ גלאָז וויין און פּראַזד-

געווען דעם הייליגן יום-טוב, און מיר, אָרימע פּראָלעטאַריער, פּראָ-פּאַדאַיען פון הונגער. איך גלויב, אַז ס׳איז ניעספּראַוועדליווע, איך פּריקאַזיווע אייך, איהר זאָלט הייסן אונז אָפּגעבן אייער יום-טוב׳דיגע וועטשערע און איהר זאָלט נישט סטויען אַרויסלאָזן אַ פּיפּס, נישט עפענען קיין פענסטער, נישט רופן קיין פּאָליציע און טאָמופּאָדאָבנאָיע, וואָרום מיר וועלן מאַכן פון אייך אש... חבר משה, וואו איז די באָמבע...

— — — — — — — — — — —

די לעצטע עטליכע ווערטער זענען שוין געווען געזונג, דאָס גאַנצע געזינדעל זאָל בלייבן ווי געלעהמט, ווי צוגעקאָוועט צו די ערטער. נאָר אַז דער „חבר משה”, אַ שוואַרצער שוסטער-בחור מיט אַ שוואַרצער פּאַטלע און מיט שוואַרצע פינגער, איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט געגעבן אַ שטעל-אַוועק עפּעס אַ הויכע זאַך און אַ קיילעכיגע, איבער-געדעקט מיט אַ שמאַטע, — איז פון׳ם גאַנצן הויז-געזינד געוואָרן דאָס, וואָס ס׳איז אַמאָל געוואָרן פון לוט׳ס ווייב, אַז זי האָט זיך אויסגעדרעהט, געוואָלט זעהן, וואָס איז געוואָרן פון די שטעדט סדום און עמורה...

און זלאַטקע די דיענסטמויד האָט מיט קלאַפּענדיגע ציינער אונטער-געטראָגן צום טיש פריהער די הייסע פּעפּעריגע פיש, נאָכדעם די יויך מיט די פעטע קניידלעך, לאַטקעס און פּאָלירטשיקעס מיט אַלע אַנדערע גוטע זאַכן, און חברה האָבן דאָס אויפגעקלאַפּט מיט אַזאַ אַפּעטיט, גלייך ווי זיי האָבן טאַקי באמת שוין לאַנג נישט געגעסן, און האָבן אַלע מאָל פערטרונקען מיט ווייך, און האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט, נישט איבערלאָזן קיין טראָפּן, אַפילו דאָס איי מיט דער זרוע מיט׳ן כרפס מיט׳ן מרור מיט׳ן חרוסת האָבן זיי צורעכט געמאַכט, נישט איבערגעלאָזט קיין זכר, קיין סימן פון׳ם סדר, אַחוץ די הגדות. און בשעת מעשה האָט דער גענעראַל-רעדנער, שמואל אַבא פינגערעט, נאָך געמאַכט חוזק פון׳ם כתרילעווקער גביר דעם עקספּלאָ-אַטאַטאָר בנימין לאַסטעטשקע. ער האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

אַלע מאָל זאָגן מיר די הגדה און איהר עסט די קניידלעך; נאָר וו׳נאַסטאָיאַשטשיע ווערעמיא זאָגט איהר די הגדה און מיר עסן די קניידלעך... לחיים, בורזשוי, זאָל גאָט געבן איהר זאָלט ווערן אַ פּראָלעטאַרי אַזוי ווי מיר!... לשנה הבאה בקאָנסטיטוציע!...

דער עפּילאָג פון דער טראַגעדיע.

עס איז שוין געווען ארום האַלבע נאַכט, און דער אָרימער נגיד בנימין לאַסטעטשקע מיט זיין הויז-געזינד זענען נאָך אַלץ געזעסען אַרום טיש, נאָך אַלץ אין איין שרעק! אויפ'ן טיש איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס „אומגליק", דאָס הויכע, דאָס קײַלעכיגע מיט דער שמאַטע איבער-געדעקט. די „חברה-לײַט" האָבען אָנגעזאָגט פאר'ן אוועקגעהן, זיי זאָלען בלײַבען זיצען צוויי שעה אויף די ערטער, אַ'נישט — וועט זיין שלעכט... יענע נאַכט איז אין דער שטוב קיינער נישט געשלאָפען; מע האָט געדאַנקט גאָט, וואָס מען איז אַרום מיט'ן לעבען...

— נו, און וואָס איז געוואָרען מיט יענעם הויכען קײַלעכיגען „אומגליק", וואָס אויפ'ן טיש מיט דער שמאַטע איבערגעדעקט?...

אַזוי פרעגט דער נײַגעריגער לעזער. און מיר בערוהיגען איהם: אַ בלעכענע פושקע פון שוהוואַכס אָנגעפילט מיט מצה-מעהל איז נישט גע-פעהרליך. זי מעג שטעהן טויזענד יאָהר וועט זי נישט אויפרײַסען, פײַדען חלילה... אַ גוטען יום-טוב!

מען איז זיך מוחל.

מֶען אִיז זִיךְ מוֹחֵל.

(טִיפֶּען, וואָס שטאַרבֶּען אָב).

געשריבען לכבוד עשרת-ימי-תשובה.

אַ קוּרצֶע הקדמה.

צווִישֶׁען דִי פֶערשִׁידֶענֶע טִיפֶּען, וואָס דאָס יוּדִישֶׁע לֶעבֶּען גִיט אַרוֹיס, געפִינֶען זִיךְ אַזעלכֶע, וואָס האַלטֶען בּיים אַוועקגעהן, וואָס שטאַרבֶּען אָב. מאָלֶען לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענשֶׁען אִיז אַ תענוג; בּעשרייבֶּען דִי טִיפֶּען, וואָס שטאַרבֶּען אָב, אִיז אַ מצוה. זיי בּעטֶען זִיךְ: „מאָלט אוּנז, בּעשרייבּט אוּנז; לאָמִיר נִישט פֶערגעסֶען ווערֶען פוּנ'ם קוּמֶענדִיגֶען דוֹר"... אַזעלכֶע טִיפֶּען געב אִיךְ אַ גאַנץ בִּינטֶעל, אַ סעריע. אייניגֶע פוּן זיי — אָט דאָ, צוּלִיעב עשרת ימי תשובה; דִי אִיבּרִי[illegible]ֶע בּיי אַנדערֶע געלֶעגענהייטֶען.

א.

נח-וואָלף דער קצב.

דער טאָג פון ערב יום-כפור זאָל זײַן דרײַ מאָל אַזוי גרויס ווי ער איז, וואָלט ער אויך געווען קאַרג פאַר נח-וואָלף דעם קצב, ער זאָל פאַרטיג ווערען מיט זײַן אַרבײַט אין דער גרויסער ערב-יום-כפור'דיגער מנחה.

און אַרבײַט האָט נח-וואָלף גענוג — ער דאַרף זיך איבערבעטען מיט אַ שטאָדט יודען, בעטען מחילה בײַ אַלע זײַנע קונים, וואָס קויפען בײַ איהם פלייש, און בײַ אַלע זײַנע שכנים, וואָס וואוינען מיט איהם אויף איין גאַס, וואָס שטעהען מיט איהם אַקלײַט נעבען אַקלײַט און וואָס זיצען מיט איהם אַ שטאָדט נעבען אַ שטאָדט אין דער קצב'שער קלויז.

ס'איז נישטאָ אין שטאָדט אַ מענש, וואָס נח-וואָלף דער קצב זאָל מיט איהם נישט האָבען געהאַט עפּיס אַ סטיטשקע. נישט מחמת נח-וואָלף דער קצב איז, חלילה, אַזאַ שלעכטער מענש, נאָר ס'איז בײַ איהם, ווי ער אַליין זאָגט אויף זיך, אַ פאַדלער כאַראַקטער — זיך קריגען מיט דער וועלט.

קומט איהר צו איהם אין יאַטקע נאָך פלײַש, זאָל ער אײַך אָפּבאָדען מיט אַ שעפעל קאַלט וואַסער, ער ווייסט אַליין נישט, פאַר וואָס.

עס קומט אַרײַן אַ בעל-הבית'טע.

— רב נח-וואָלף, האָט איהר פריש פלייש?

ענטפערט איהר נח-וואָלף:

— ווי קומט צו מיר פריש? פערשטונקען פלײַש, אויב איהר דאַרפט, קאָנט איהר בײַ מיר קריגען...

אָדער:

— רב נח-וואָלף, גיט מיר עפּיס אַ גוטען חלק.

— איך וועל אײַך געבען סאַמע דעם חלק, וועלכען איהר פערדיענט...

אָדער:

— וואָס גיט איהר עס מיר פאַר אַ נבלה, וואָלט איך וועלען וויסען?

— ווי קומט א נבלה זיין א מבין אויף א נבלה?...

אט אזוי גראב בעגעהט זיך נח-וואלף מיט זיינע קונה'טעס די בעל-הבית'טעס. פון דיענסטען שמועסט מען נישט. א דיענסט, אז זי דארף געהן אין יאטקע אריין, פערשעלט זי זיך איהר געביין. זי וויסט פריהער, אז פון נח-וואלף דעם קצב וועט זי נישט גוט אבשניידען: אדער ער וועט איהר דערלאנגען מיט א לעקער איבער'ן פנים פון אוי-בען אראב, אדער ער וועט איהר אנטאן דעם קויש אויפ'ן קאפ, אדער ער וועט זי גאר דורכטרייבען:

— געה דיר, געה געזונטערהייד צו איין אנדערן, פארהאן גענוג קצבים אהן מיר.

פונדעסטוועגען, איינס צום אנדערן געהער זיך נישט אן. נח-וואלף דער קצב איז טאקי א כעכן, א משוגע'נער, און דאך וועט מען צו קיין אנדערן נישט געהן, ווארום נח-וואלף דער קצב איז דער עהרליכסטער פון אלע קצבים. אלע וויסען, אז זיין וואג איז א וואג און זיין ווארט איז א ווארט. זאגט ער אייך, אז דאס פלייש איז נעל-טען געקוילעט, דארפט איהר איהם דאס אנדערע מאל נישט איבער-פרעגען. זאגט ער אייך צו א מילץ, א לונג-און-לעבער אדער א פוס אויף שבת — קאנט איהר שלאפען רוהיג. היינט וועט ער אייך נישט אריינגעהן אין קיין גנבד'שע שטיק מיט דפר דיענסט און נישט מאכען יד-אחת מיט די קצבים, און דעריבער גראבען אויף איהם די דיענס-טען, ווי וויט זיי קאנען, און די קצבים וואלטען איהם דערטרונקען אין א לעפעל וואסער. ווי א ביין אין האלז שטעהט זיי נח-וואלף. א יוד איין עקשן, שפארט ער זיך איין — איז ווי איין אקס פאר דער שחיטה, פונ'ם ארט נישט צו ריהרען.

און אליין זעהט ער אויס אויך ווי איין אקס, ווי א וויזעל-טי-ער. א הויכער, א ברייטער, מיט א רויט פנים און א פאר ידים. אז ער נעמט האקען פלייש, איז מיט אזא רציחה, גלייך ווי דער אקס אדער די בהמה האט עפים חוטא געוועזן און איז פער'משפ'ט געווארען צעהאקט און צעשניטען ווערען פון זיינע הענד.

„א יוד א רוצח" — זאגט מען אויף איהם אין שטאדט און מע האט פאר איהם מורא.

נאר אויב א גאנץ יאהר עסט זיך נח-וואלף דער קצב איין אינטליבען אין די ביינער אריין, איז דאס נאר ביז תשובה-טעג, און קומען אן די תשובה-טעג, איז איהם נישט צו דערקענען, פונ'ם

ערשטען טאג ראש-חודש אלול ווערט ער שוין איין אנדער מענש. ער ווערט פרום, האט מורא פאר גאט, און פאר איין עבירה און פאר א בייזען חלום; הערט אויף צו קריגען זיך מיט די קצבים; צו די בעל-הבית׳טעם ווערט ווער ווייך ווי פוטער, צו די דיענסטען גוט האטש לעג איהם צו צו א מכה — גאר נישט דער נח-וואלף. אפילו דאס פלייש האקען האקט ער אהן א רציחה, ווי אלע מאל, נאר פאוואליג-קע, מיט רחמים. גאר נישט דער נח-וואלף.

ערב יום-כפור ווערט ער פארטיג פאר פריה; פערשליסט די יאטקע, דאווענען האט ער געדאווענט מיט׳ן ערשטען מנין, טוט אן די יום-טוב׳דיגע קאפאטע און געהט פון שטוב צו שטוב צו אלע זיינע קונים און שכנים, פריינד און בעקאנטע, זיי איבערבעטען, זיך מוחל זיין:

— א גוט יום-טוב! טאמער האב איך אייך אנגעריהרט מיט א קרום ווארט, בעט איך אייך איבער און ווינש אייך א חתימה טובה.

דערויף ענטפערט מען איהם: „גם אתם, לאז גאט מוחל זיין״ — און מע בעט איהם זיצען און מע איז איהם מכבד מיט לעקאך.

ב.

עוריאל דער פיליער.

זינט די וועלט שטעהט, האט זי נאך נישט געזעהען אזא בייזען נפש, ווי עזריאל דער פיליער.

א בייזער יוד מיט בייזע אויגען, מיט גרויסע ברעמען און וואנ-סים אזעלכע, וואס שטעלען זיך, און מיט א באָרד ווי איין אנגעקלעפ-טע, און א וואטענע לייבעל טראגט ער זומער און ווינטער, וואס סע זעהען זיך ארויס פון דעם די ציצות פון טלית-קטן און סע שמעקט מיט רויהע פיש פאר א מייל.

א גאנצע וואך זעהט מען איהם נישט. נאר אלע ערב-שבת און אלע ערב-יום-טוב קומט ער ארויס אין מארק אריין מיט א הויכען וואָ-גען פיש. אויפ׳ן וואגען זיצט ביי איהם א מיידעל מיט א שווארץ גע-שטופעלט פנים און גיט אכטונג אויף די פיש. און זיין ווייב, מיטע

די פּילערין, אַ יודענע אַ געשוואָלענע, שטעהט ביים וואַגען מיט אַ בעזומען אין האַנד און גיט אַכטונג אויף די פיש.

— פיש — פיש — פרישע — צאַפּעלדיגע — ווייבעלעך — אויף שבת!

אַזוי קלינגט אויס עזריאל דער פילייער אויף אַ קול מיט אַ שע־נעם ניגון איבער'ן גאַנצען מאַרק און לאָזט נישט אַראָב קיין אויג פון די ווייבער, וואָס האָבען בעלעגערט דעם וואַגען פון אַלע זייטען און חאַפּען די פיש ביי די קעפּלעך, פערקוקען אין די זשאַברעס, טיטשען מיט'ן פינגער אין די אויגען אָדער אין די בייכלעך אַריין — און דאָס האָט עזריאל דער פילייער פיינט ווי חזיר. כרייבט ער אָב די ווייבער פונ'ם וואַגען:

— אין דער ערד אַריין! גענוג טאַפּען!

אָבגעזאָגט דאָס דאָזיגע שטיל און גיך, רופט עזריאל דער פילייער ווידער אויס אויף אַ ניגון מיט זיין קלינגענדיגען קול:

— פיש — פיש — פרישע — צאַפּעלדיגע — ווייבעלעך — אויף שבת!

איטליכע יודינע, זי מעג זיין אַ בעל־הבית'טע אָדער אַ דיענסט, איז ביי עזריאל דעם פילייער פעררעכענט, אַז מע בעדאַרף אויף איהר האָבען איין אויג. דאָס הייסט, ער איז זי נישט חושד, חלילה, אַז זי איז אַ גנב'טע, נאָר ביי פיש איז נישט שייך. עזריאל דער פילייער האַלט, אַז די שענסטע נגידית און די ערהליכסטע צדקנית וועט זיך קוואַפּען אַמאָל, צווישען יאָ און ניין, בשעת בהלה, אַוועק'לקח'ענען אַ פישעל, אַז קיינער וועט נישט זעהען. „פיש, זאָגט ער, איז אַ נסיון, וואָס פאַר אַ בעל־הבית'טע איז שווער אויסצושטעהן"... עס טרעפט אַלע יאָהר אַ סקאַנדאַל: אַ ווייבעל קריגט פון איהם געפּאַטשט מיט אַ העלכטעל איבער די פיסקעס. לויפט מען זיך צעניף און עס ווערט אַ געטומעל. מענשען שטעלען זיך איין פאַר'ן ווייבעל, געבען איהר איין עצה, זי זאָל איינגעבען צום מיראָוואָי אָדער שלעפּען צום רב, נאָר ווייל דער בזיון איז גרויס, גרעסער פונ'ם וועהטאָג, צעגעהט זיך עס מיט גאָרנישט.

אַ סך ווייבער קענען שוין עזריאל'ן. זיי ווייסען, אַז אַליין טאָר מען זיך צו זיינע פיש נישט צוריהרען, אַזוי ווי, להבדיל, צו גאָלד אָדער צו טייערע שטיינער.

— וויִ טייער איז ביי אייך היינט אַ פונט ברילאַנטען? — פרעגט

איהם אַ ווײַבעל שטעהענדיג מיט'ן קויש פון דערווײַטען און ווײַזענדיג מיט'ן מינדסטען פינגעריל אויפ'ן וואָגען.

— איך האַנדעל מיט פיש, נישט מיט בריליאַנטען, — ענטפערט איהר עזריאל און איז זי נישט מזכה אפילו מיט אַ קוק פון זײַנע בייזע אויגען, און לאָזט אויס מיט אַ ניגון: „פיש — פיש — פרישע — צאַפּעלדיגע — ווײַבעלעך!‟

— אַ יוד אַ נכפה'ניק! — זאָגען אויף איהם די ווײַבער. זיי וואָלטען וועלען איהם אויסמײַדען, איז אונמעגליך: נישטאָ מעהר קיין פיליערס אין שטאָדט אויסער עזריאל דעם פיליער, חאָטש ציהט זיך אויס און שטאַרבט, אָדער בלײַבט, חלילה, אָהן פיש אויף שבת, וועלכעס איז נאָך ערגער, ווי געשטאָרבען, ווארום אַ מענש, אַז ער שטאַרבט, ווייסט ער, אַז ער איז געשטאָרבען — און אײַן עק; און אַ ווײַב, אַז זי קומט אַהײם אָהן פיש אויף שבת, וועט זי שוין האָבען אַ וואָך פון איהר מאַן — אויף אַלע שונאים געזאָגט געוואָרען!

— ער זאָל וועלען אָנלעגען מיט'ן קאָפּ, נישט אויף ערב-יום-טוב דערמאָנענדיג!

אַזוי זאָגען אויף איהם די ווײַבער דעם טאָג, וואָס ערב-יום-כפור, און לויפען מיט די קאָשעקלעך אין מאַרק אַרײַן, האָבען מורא, חלילה, נישט פערשפּעטיגען, ווארום ערב-יום-כפור איז עזריאל זיך נוהג אויפשטעהן כאור, אַז גאָט אַלײַן שלאָפט נאָך, און אַז יודען קלויבען זיך נאָך אין שוהל אַרײַן און קוקען אַרויס אויף לעקאַך פונ'ם גבאי, איז שוין עזריאל אַ יום-טוב'דיגער. דאָס וואַטאָווע לײַבעל האָט ער אַראָבגעוואָרפען און אָנגעטאָן אַ גראָבע לאַסטיקענע קאַפּאָטע, וואָס ער טראָגט נאָר שבת און יום-טוב און שמעקט פונדעסטוועגען דורך און דורך מיט רויהע פיש.

פריהער פון אַלע וועט זיך עזריאל דער פיליער פערפאַסטען. פריהער פון אַלע וועט ער קומען אין שוהל אַרײַן, וועט זיך אַוועקשטעלען מיט'ן פנים צו דער וואַנט אויף אײנעם פון די לעצטע ערטער אין דרום-זײַט, און איבערגעדעקט מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ וועט ער אויסשטעהן אַ מעת-לעת אויף די פיס, נישט צוגעזעצט זיך אפילו אויף אַ ווײַלע. און דאַוונען וועט ער אין דער שטיל, קײנער וועט פון איהם אַ וואָרט נישט הערען. און ווײנען וועט ער אַ סך, קײנער וועט בײַ איהם קיין טרער נישט זעהען.

נאָר דאָס וועט זײַן ערשט אויף דער נאַכט. דעם גאַנצען טאָג,

דארף ער אַרומגעהן צו זיינע קונים און קונה'טעס, זיי איבערבעטען, זיך מוחל זיין:

— אַ גוט יום-טוב! טאָמער האָב איך אייך אָנגעריהרט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אייך איבער און ווינש אייך אַ חתימה טובה.

ענטפערט מען איהם: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זיין“, און מע בעט איהם זיצען און מע איז איהם מכבד מיט לעקאַך.

ג.

גאַנטע דער מְלַמֵד.

הייסען הייסט ער זימעל, נאָר רופען רופט מען איהם „גאַנטע“. און גאַנטע רופט מען איהם איבער דעם, וואָס ער איז אַ גאַנטע, אַ גזלן.

זימעל איז טאַקי אַ בעריהמטער מלמד, אַ גוטער בעל-תנ"ך און אַ שענער בעל-לשון-קודש; קיינער שלאָגט אָבער נישט אַזוי זיינע תלמידים, ווי זימעל — גאַנטע. אַלץ הייסט געשלאָגען! זימעל הרג'עט, ממית'ט, מאַכט ברוין און בלוי. און שמייסען שמייסט ער — זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען! און מחמת זימעל איז שוין אַ זקן, אַריבער שמונים, וואָס האָט אויסגעהאַלטען אויף זיין שוים עטליכע דורות, איז נישטאָ אין שטעדטיל כמעט איינער, וואָס זאָל זיך קאָנען בעריהמען, אַז ער איז נישט געווען אַ געשמיסענער פון זימעל גאַנטע... זימעל גאַנטע — דעם שבח מוז מען איהם נאָכזאָגען — לעגט נישט קיין כבוד אויף קיי-נעם נישט: „יאָ שולדיג, נישט שולדיג, אַ נגיד'ס אַ יונגעל, אַ קבצנ'ס אַ יונגעל — לעג זיך, וועל איך דיר אַריינציטבלען“.

אַריינציטבלען איז ביי איהם אַ שמעק טאַבאַקע. ס'איז געווען צייטען, אַז גאַנטע איז נאָך געווען יונגער, פלעגט ער ברעכען ביינער, מאַכען יודישע קינדער פאַר קאַליקעס. אַ ווערטעלע — גאַנטע? אַ יוד אַ גבר, אַ הויכער און אַ ביינערינער. רויכערט נישט, שמעקט נישט קיין טאַבאַקע, טרינקט נישט קיין בראַנפען, קוקט אָהן אַ בריל, האָט נאָך כמעט אַלע ציינער אין מויל. אַ בערדעל איז ביי איהם אַ שיטערס, געצעהלטע האָהר, ווייס ווי זילבער. די הויט טרוקען און גלאַנציג,

געל ווי פארמעט, פון די באקען שטעקט ארוים צווי ביינער. אויפ'ן שטערען מורא'דיגע קנייטשען, אויף די הענד אדערען, און א קול איז ביי איהם פון א לעמפערט. קיין לעבעדיגער מענש האט נאך נישט זוכה געווען אויף דעם דאזיגען מורא'דיגען פנים צו זעהן א שמייכעל. זיין איינגען ווייב מיט זיינע אייגענע קינדער האבען פון איהם קיינמאל קיין גוט ווארט נישט געהערט. נישטא קיין מעהר מורא'דיגע זאך פאר אבצושרעקען קליינע קינדער, ווי: „אט געב איך דיך אב צו זימעל-גאנטע אין חדר אריין!" „גאנטע — גזלן" — אזוי רופט מען איהם אין שטאדט.

נאר איין טאג אין יאהר איז פארהאן, וואס גאנטע ווערט ווייך ווי וואקס. די מורא'דיגע קנייטשען פונ'ם שטערן ווערן עטוואס אויס-געלעגט, דאס טרויעריגע גלאנצענדיג-געל-פארמעטענע פנים ווערט עט-וואס פערדרויטעלט און אויף די אייביג שמרענגע ליפען בעוויזט זיך ווי א מין טרויעריג שמייכעלע, ווי ביי א קליין קינד, בעת עס קלויבט זיך אנהויבען צו וויינען. דאס איז דער טאג פון ערב יום-כפור.

געקומען פון מרחץ איין אויסגעצוואגענער און איין אבגעוואשע-נער, צעקעמט די געצעהלטע זילבערנע האהר אויף אלע זייטען און אנגעטאן די יום-טוב'דיגע צעהאקטע נאר אטלאסענע קאפאטע און דאס פליושענע היטעל מיט'ן מורא'דיג ברייטען דעניק, געהט ער אום, שא-רענדיג מיט די פאנטאפעל, פון שטוב צו שטוב, צו אלע זיינע בעל-הבתים, וואס זענען אלע א מאל געווען זיינע תלמידים, זיי איבערבע-טען, זיך מוחל זיין:

— א גוט יום-טוב! טאמער האב איך אייך אנגעריהרט מיט א קרום ווארט, בעט איך אייך איבער און וויגש אייך א חתימה טובה.

ענטפערט מען איהם: „גם אתם, לאז גאט מוחל זיין", מע בעט איהם זיצען און מע איז איהם מכבד מיט לעקאך.

ד.

ר' משה-וועלוועל דער בעל-עגלה.

דער, וואס מיינט, אז א בעל-עגלה איז א מענש, וואס קיינער איז נישט מחויב צו ליידען פון איהם גלות, האט א טעות.

רב משה-וועלוועל בעל-עגלה איז נישט גלייך צו אַלע אַנדערע בעלי-עגלות. דער נאָמען אַליין: „רב משה-וועלוועל" — זאָגט שוין גענוג. און בסך הכל איז ער גאָר אַ יוד אַ בעל-הבית, און אַ יוד, וואָס דאַווענט, און אַ יוד, וואָס קוקט אַריין אין די קליינע אותיות, און אַ יוד, וואָס פערשטעהט אַ פסוק חומש מיט רש"י און קאָן טרע-פען אַ שטיקעל „באר מים חיים".

קומט ער אויף איין אכסניה, אָדער אין אַ קרעטשמע, און ס'איז דאָ אַ מנין, בינדט ער אַרום די פערסמאָלעוועטע חלאַמידע מיט אַ רויטער פאַטשיילע, שטעלט זיך אַוועק מיט'ן פנים צו דער וואַנט, דאַ-ווענט אָב אַ מנחה'לע, אפילו אויף אַ הייזעריג פערדומפּען קול און אַ ביסעל אונטער דער נאָז, נאָר מיט אַלע דריידעלעך, מעשה חזן.

בטבע איז רב משה-וועלוועל אַ יוד דוקא אַ פרעהליכער און אַ שטיק ווערטעל-זאָגער, און אויף אַ שמחה — אַ הוליאַק, אַ גאַנצער לץ, אַ פערשלעפּטע קרענק. אַ פנים איז ביי איהם ווי פון מעטאַל, נישט מעש, נישט בלעך, נאָר גלאַנצענדיג-רויטליך, און אַ נאָז כמו ווי אַ צעפּלעצטע אָדער אַ צעשלאָגענע, וואָס דערפאַר קומט אוים ביי איהם דאָס לשון אַ ביסעלע דאָסיג, פאָנפעוואַטע. באָרד און פאות טראָגט ער, ווי אַ גוטער יוד, אַ חאַלמידע אַ לייווענטענע, נאָר אַ לאַנגע ביז דער ערד, מיט אַ בייטש פונדערסטוועגען אין די הענד אַ לאַנגע, שטי-וועל גוט אָנגעשמירט מיט סמאָלע, ווי אַ בעל-עגלה שטעהט אָן, און איין עזות-פנים איז ער, ווי דרייסיג בעלי-עגלות אינאיינעם.

לאָז עמיצער זיך איינשטעלען איהם זאָגען גלאַט „משה-וועלוועל", נישט „רב משה-וועלוועל", איז חיות נישט זיכער!

אָדער, אַ שטיינער, זייט אַ בריה, אויב איהר זענט אַ דאָרטיגער בעל-הבית, און פרובט אַוועקזעצען זיך ביי דער באַהן, למשל, אויף איין אַנדער בעל-עגלה, בעת ער, רב משה-וועלוועל, איז דאָ און קומט אַרוים אויף פאַרשוינען, איז דעמאָלט אַז אָך און וועה צו אייך און צו יענעם בעל-עגלה און צו זיינע סוסים. ער וועט אייך מאַכען מיט דער בלאָטע גלייך. און איהר וועט שוין פערזאָגען אַ צעהנטען, אַז איהר קומט מיט דער באַהן, זאָלט איהר אייך קודם גוט אַרומזעהען, צי איז נישטאָ ערגיץ רב משה-וועלוועל מיט זיינע סוסים.

אָדער פרובט זיך שאַפען מיט איהם, ווי מע שאַפט זיך מיט אַ בעל-עגלה, און זאָגט איהם נישט: „זייט זשע מוחל, רב משה-וועל-וועל!" אָדער: „איהר וועט אייך מטריח זיין, רב משה-וועלוועל"... און

האָט איהר זיך אַרױפגעזעצט בײַ איהם אין װאָגען, בעדאַרפט איהר געדענקען, אַז איהר זיצט נישט בײַ אַבי װעמען, נאָר בײַ רב משה-װעלװעלען, און אַז רב משה-װעלװעל װעט אײַך הײסען קריכען אין בויד, װעט איהר קריכען, און אַז ער װעט אײַך הײסען אװעקזעצען פּאַריטש אַקעגען, װעט איהר זיצען, און אַז ער װעט אײַך הײסען געהן אַרױף אַ באַרג מחילה צופוס, װעט איהר געהן. קײן דעות, װע-מען ער זאָל נעמען אין װאָגען אַרײַן, װעט איהר איהם נישט זאָגען. און אַז איהר װעט איהם זאָגען, װעט זיך אײַך נישט העלפען. איהר װעט נאָך װערען אָבגעזידעלט פון קאָפּ ביז פיס און װעט זײַן גערן, אַז ער װעט אײַך נישט אַרױסזעצען פון װאָגען אין מיטען װעג.

שולדיג אין דעם איז נישט רב משה-װעלװעל, נאָר טאַקי די שטאָדט גופא. װי אַזױ מע פערװױעגט אַ מענשען, אַזױ פיהרט ער זיך אויף. די שטאָדט האָט געמאַכט פון איהם אַ גאַנצען יש, טראָגט זיך אַרום מיט זײַן תורה, בעריהמט זיך מיט זײַן פרומקײט און יודישקײט, מײנט ער, אַז לעקיש איז זײַן פעטער און קריכט אַלעמען אויפ'ן קאָפּ און זידעלט איטליכען בעזונדער, מאַכט איהם מיט דער בלאָטע גלײַך.

„אַ מכה אשר לא כתובה בתורה"—רופט מען איהם אין שטאָדט און מע היט זיך פאַר איהם, װי פאַר פײַער. מיט אײן איבריג װאָרט איז מען מיט איהם נישט זיכער. סכנות-נפשות!

נאָר אײן טאָג אין יאָהר איז פאַרהאַן אַזעלכער, — דאָס איז דער טאָג פון ערב יום-כפור — װאָס דעמאָלט קאָנט איהר זײַן זיכער, אַז ער װעט אײַך נישט זאַטשעפּען. אדרבה, ער קומט צו אײַך אַ יום-טוב'דיגער מיט אַ קנאַקענדיגער ליוסטרינענער קאַפּאָטע און מיט אַ נײַעם קאַשקעט אויפ'ן קאָפּ. פונ'ם װײַסען העמד קוקט אַרױס אַ מאָד-נער ברײטער קאָלנער, אָבגעלעגט מיט צװײ שפּיצעליגע עקען אויפ'ן האַלז. אויף זײַן בלעכען-מעשען פנים איז אויסגעגאָסען דאָס װאָרט „יום-טוב", און אַלײן קומט ער אַרײַן צו איטליכען מיט אַ ברײטען „גוט יום-טוב", איבערבעטען, זיך מוחל זײַן:

— אַ גוט יום-טוב! טאָמער האָב איך אײַך אָנגעריהרט מיט אַ קרום װאָרט, בעט איך אײַך איבער און װינש אײַך אַ חתימה טובה.

ענטפערט מען איהם: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זײַן", און מע בעט איהם זיצען און מע איז איהם מכבד מיט לעקאַך.

ה.

סאַנע דער וואַסערפיהרער.

— די גאַנצע שטאָדט איז בײַ מיר אין די הענד, כּחומר ביד היוצר — ווי אַ פערדעל אין אַ וואָגען. ברצותו מקצר וברצותו מפצר — וויל ער — גערט ער, וויל ער — שטעהט ער. אַ רוח זײַ אין טאַ-מען אַרײַן, די בעלי-בתים. ווילען זײַ וואַסער, זאָלען זײַ צערעכט מאַ-כען די גרעבלי. אַניט — זאָלען זײַ טרינקען קדחת מיט רביעית און נישט האָבען קײַן טענות צו סאַנע דעם וואַסערפיהרער: „רב סאַנע, וואַסער! רב סאַנע, וואַסער!"

אַזוי טענה'ט זיך אויס סאַנע דער וואַסערפיהרער מיט זיך אַלײַן, זיצענדיג אויפ'ן לעדיגען פעסעל, און אונטערשמײַסענדיג דאָס פערדעל, קריכט ער איבער די בעל-הבית'טעס, ווי זײַ שטעהען בײַ דער שוועל פון זײַערע הײַזער און שלעפּען איהם יעדע צו זיך: „רב סאַנע, וואַ-סער! רב סאַנע, וואַסער!"

סאַנע ענטפערט זײַ נישט דאָס אַנדערע וואָרט. סאַנע איז בכלל אַ יוד אַ שווײַגער. רעדען רעדט ער נאָר אָדער מיט'ן פערדעל, אָדער מיט זיך אַלײַן. זיצענדיג אויפ'ן פעסעל, זאָגט ער תהלים אַ קאַפּיטעל נאָך אַ קאַפּיטעל, און אַז ער קומט צווישען מענשען, שווײַגט ער. איהר קאָנט איהם זידלען, איהר קאָנט איהם חנפה'ענען — פאַר איהם איז אַלץ אײנס. האָט ער וואַסער אין קעסעל, וועט ער אײַך אָנגיסען אַ פולע דײַזשע. האָט ער נישט — מעגט איהר רעדען פון הײַנט ביז מאָרגען. האַפּען זיך, לויפען, מקריב זײַן צוליעב אײַך זיך און דאָס פערדעל — דאָס איז ער נישט מחויב.

דערפאַר אָבער אַז עס קומט פרײַטאָג, איז די צווײ גילדען מיט'ן קוילעטש — דאָס מוז זײַן. אַנישט — וועט ער בלײַבען שטעהן נעבען אײַער שטוב, נישט ריהרען זיך פונ'ם אָרט ביז מאָרגען, אַזוי אַז די גאַנצע גאַס וועט וויסען, אַז איהר האָט נישט צו צאָהלען דעם וואַסערפיהרער פאַר וואַסער...

אַ מאָדנער יוד אָט דער סאַנע דער וואַסערפיהרער. אַלײַן איז ער אַ קורצינקער און אַ גראָבינקער, האַפּט דעם אָפּבליק פון זײַן פעַ-סעל מיט וואַסער. טראָגען טראָגט ער אַ גוי'עש פעלצעל מיט אַ שמוי-סען-היטעל. די שטיוועל זענען בײַ איהם שטענדיג חרוב, די האָליוועס

מיט אַ שטריקעלע אַרומגעבונדען. ווינטער טראָגט ער געפּלאָנטעטע װאַנטשקעס אויף די הענד מיט גרויסע לעכער. וואָנסים האָט ער האַלבע, נאָר סימנים פון וואָנסים, און אויגען האָט ער קליינע, קוקט בלינדליך און זעהט ניט, ווי העכער האַלב וואַסער ווערט ביי איהם אויסגעפּלעסקעט פונ'ם שפּונט.

דאָס איז דערפאַר, וואָס די גאַסען זענען נישט געפּלאַסטערט, טאַנצט דאָס וועגעלע אַהין און אַהער; און מחמת די רעדער זענען ביי איהם קיינמאָל נישט געשמירט, קאָן מען הערען פאַר אַ מייל, אַז סאַנע דער וואַסערפיהרער פאָהרט מיט'ן פעסעל. קומען אַרויס צו איהם די בעל-הבית'טעס אַקעגען, איטליכע מיט איין אַנדער טענה:

— איהר האָט מיר אָנגעגאָסען אַ האַלבע דייזשע מיט וואַסער!!

— ווען וועט איהר שוין ברענגען מיר אויך אַ מאָל וואַסער?

סאַנע קוקט איף זיי מיט די קליינע בלינדליכע אויגען, ענטפערט נישט דאָס צווייטע וואָרט, גלייך ווי נישט איהם מיינט מען.

„שלים-מזל!" — רופט מען איהם אין שטאָדט און מע ליידט פון איהם דעם גיהנם.

נאָר איין טאָג אין יאָהר דאַרף מען סאַנע דעם וואַסערפיהרער נישט דערמאָנען וועגען וואַסער. דאָס איז דער טאָג פון ערב יום-כפור.

פון כאור הבוקר ביז האַלבען טאָג ווערען ביי איהם אַלע דייזשעס אָנגעפילט מיט וואַסער, און סאַנע וואַרפט אַראָב פון זיך דאָס גאָר'עשע פעלצעל מיט'ן שמויסען-היטעל, טוט אָן די שבת'דיגע קאַנגאַרענע קאַפּאָטע מיט'ן קאָלינקאָרענעם קאַשקעט. איין אויסגעצוואָגענער און אַ צוגעקעמטער, זעהט ער אויס ווי אַ בעיאָהרטער אלמן צו דער צווייטער חופּה. פון שטוב צו שטוב געהט ער צו זיינע בעלי-הבית'טעס איבערבעטען, זיך מוחל זיין:

— אַ גוט יום-טוב! טאָמער האָב איך אייך אָנגעריהרט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אייך איבער און ווינש אייך אַ חתימה טובה.

ענטפערט מען איהם: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זיין", מע בעט איהם זיצען און מע איז איהם מכבד מיט לעקאַך.

ו.

רְפָאֵל דער מַשְׁגִיחַ.

רפאל איז אַ משגיח, ער גיט אַכטונג.

אויף וואָס גיט ער אַכטונג? אויף אַלסדינג. ער גיט אַכטונג אויף דער תלמוד-תורה, די קינדער זאָלען נישט געהן נאַקעט און באָרפיס; אויפ׳ן ביקור-חולים, אָרימע לײַט זאָלען דאָרט נישט אויסגעהן פון הונגער; הײַנט גיט ער אַכטונג אויף די בחורים, וואָס זיצען אין בית המדרש און לערנען, זיי זאָלען האָבען, וואָס צו עסען און נישט געהן אין צעריסענע שטיוועל, און גלאַט אויף אָרימע לײַט אין שטאָדט גיט ער אַכטונג, זיי זאָלען האָבען אויף שבת און אויף יום-טוב.

ער אַלײן טאַקי געהט דאָס פון ווײַערטעווענען איבער די הײַזער, קלויבט קאָפּיקעס, נעהמט צענויף פון ווײַערטעווענען אויף חתונות, אויף ברית׳ען, אויף פּדיון-הבן׳ס און אויף אַנדערע שמחות, לאָזט נישט דורך קײנעם, רײַסט פון טויט און פון לעבעדיג און קריעגט זיך, זידעלט זיך און שלאָגט זיך פאַר „זײַנע" אָרימע לײַט.

אַ גאַנצע וואָך געהט ער אום מיט אַ שטעקען. און ערב שבת און ערב יום-טוב — מיט אַ זאַק אויף די פּלײצעס. אין דעם דאָזיגען זאַק וואַרפט איהר איהם אַרײַן, וואָס איהר האָט: אַ שטיקעל ברויט, אַ פּולקע פון אײַן עוף, אַ געבאַקענע קאַרטאָפעל, אײַן אוגערקע, אַ קנאָבעל, אַ ציבעלקע, אַ בײַנדיל — אַלסדינג איז אַ סחורה. און פּרובט, אדרבה, וואַרפט נישט אַרײַן רב רפאל׳ן אין זאַק אַרײַן גאָרנישט נישט, וועט איהר קריגען געזידעלט, און אַז איהר וועט זיך שטעלן אויס׳טענה׳ן, קאָנט איהר איהם נאָך אַרײַנברענגען אין כעס, און ער קאָן אײַך געבען מיט׳ן שטעקען.

רפאל איז אײַן אויסגעדיענטער סאָלדאַט, אַ ניקאָלאַיעווסקער, און האַלט זיך גלײַך, ווי אַ סטרונע און געהט, ווי אַ סאָלדאַט. אַז איהר ווילט, קאָנט איהר זעהען בײַ איהם אונטער דער קאַפּאָטע, אויפ׳ן לײַבעל, אַ מעדאַל פון ניקאָלאַי׳ען. צוויי מעדאַלען: אײַנע אַ זילבערנע, די אַנדערע אַ בראָנזענע, און האָט צו דערצעהלען פון ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש׳ען מעשיות מיט מעשיות. נאָר וואו האָט ער צײַט צו דערצעהלען מעשיות, אַז ער האָט אויף זיך אַזוי פיעל אַרבײַט? אַ קלײניגקײַט — אַ מענש אַ משגיח!

ווער האָט איהם געמאַכט פאַר אַ משגיח — ווייסט קיינער נישט. ווער צאָהלט איהם און וויפיעל בעקומט ער פאַר זיין אַרבייט — ווייסט קיינער נישט. קיינער ווייסט נישט און קיינער נעהמט נישט אָב ביי איהם קיין דין וחשבון, מע גלויבט איהם. מע ווייסט, אַז וואָס רפאל פערדינט פאַר זיין אַרבייט, מעגען דאָס די שונאים האָבען אויף זייער פערמעגען, ווארום ער אויף זיך אַליין בעדאַרף גאָרנישט. און ער געהט מיט דעם גאַנג, אַז איהר בעדאַרפט אויך גאָרנישט. ער קאָן זיך פער-גינען אייך זאָגען מוסר, למאי איהר גיט אוים געלד אויף דער רוח ווייסט וואָס, בעת אין שטאָדט זענען דאָ אַזוי פיעל אָרימע לייט. די גאַנצע וועלט איז ביי איהם בעשאַפען געוואָרען נאָר פון די אָרימע לייט'ס וועגען. דערזעהט ער אויף אייך אַ ניי מלבוש, וועט ער עס אַ טאַפּ טאָן און וועט אייך אַ פרעג טאָן: „וואָס קאָסט?" און וועט נעה-מען אויסרעכענען אייך, וויפיעל אָרימע לייט וואָלט מען געקאָנט דער-מיט אויסקליידען. קומט ער צוגעהן אויף אַ חתונה, אַ ברית, אַ פדיון הבן אָדער אַזוי אַ שמחה, איז דאָס ערשטע, וואָס קומט איהם אויפ'ן זינען; „וויפיעל אָרימע לייט וואָלט מען מיט אַזאַ סעודה געקאָנט אָנ-האָדעווען?"... און ער וואַרט אָב, ווען וועט דער עולם אָבבענטשען און צוגעהן זיך, בכדי ער זאָל קאָנען צונויפנעהמען די איבערגעבליבע-נע שטיקלעך פאַר זיינע אָרימע לייט...

ווי אַלט איז ער? — דאָס ווייסט קיינער נישט, און ער אַליין — אויך נישט. ער איז שוין אַביסעל טויבליך. אַז איהר רעדט צו איהם און ער דערהערט נישט, צעשרייט ער זיך אויף אייך, אַז „איהר שפּרעכט איהם אָב אַ גוט אויג", און איהר מוזט רעדען העכער. אויך די ראיה איז ביי איהם די לעצטע צייט אַביסעל געשלאָגען. אַז ער געהט, קוקט ער גלייך און טאַפּט מיט'ן שטעקען. ער טרעפט אָבער אַהין, וואו מע דאַרף, און אַז מע גיט איהם, דערזעהט ער, און אַז מע גיט איהם נישט, בייזערט ער זיך, קלאַפּט מיט'ן שטעקען:

— איהר האָט שוין היינט זיך אָנגעפרעסען, דאַנקען גאָט, און אָנגעזליאַקעט, און איצט רוילערט איהר זיך אַ פּאַפּיראָסעל. אייך איז, קיין עין-הרע, גאַנץ גוט! און דאָס ווייסט איהר, אַז מיינע אָרימע לייט פאַסטען נאָך פון נעכטען אָן, יאַדראָ וואַשו קאַטשקו!...

דאָס איז זיין יונישע קללה, וואָס ער איז מכבד מיט איהר קליין און גרוים. ענטפערען איהם עפּיס דערויף איז אַרויסגעוואָרפען, מע קאָן נאָך הערען פון איהם ערגערע ווערטער...

„גאט אייך אזא מין אנשיקעניש!" — זאגט מען אויף איהם אין שטאדט, און מע בעהאלט זיך אוים פון איהם, טאמער וועט ער נישט געפינען...

קיין קינדער האט ער נישט, ער האט זיי אלעמען איבערגעלעבט, ער האט נאר אייניקלעך, וואס האלטען איהם אוים מיט גרויסע צרות — און דאס גיט איהם די מעגליכקייט, ער זאל זיך קאנען אינגאנצען אפ-געבען צו זיינע ארימע לייט און טאג ווי נאכט ארומגעהן איבער דער שטאדט, זשעברעווען, שלעפען, רייסען, דעקוטשען, איינעסען זיך אין די ביינער אריין, זידלען זיך און שעלטען זיך אויף יוניש...

נאר איין טאג אין יאהר איז פארהאן, וואס אונזער בעל-משגיח לאזט צורוה דעם עולם. דאס איז דער טאג פון ערב יום-כפור.

ער האט שוין בעזארגט זיינע ארימע לייט נאך פון נעכטען, זיך איבערגעקריגט מיט דער גאנצער שטאדט, אויסגעוויזען מיט ראיות, אז ארימע לייט בעדארפען אויך שלאגען כפרות, אז ארימע לייט בע-דארפען אויך האבען, מיט וואס צו פארפאסטען זיך — עס געהט אזא הייליגער טאג. יאדרא וואשי קאטשקי!... און איצט מארשירט ער מיט זיינע אלטע סאלדאטסקע פיס איבער דער שטאדט שוין אהן א זאק און אהן א שטעקען, יום-טוב'דיג, מיט ביידע ניקאלאיעווסקי מע-דאלען אויף דער ברייטער ברוסט. און מחמת דעם שטעקען האט ער געלאזט אין דערהיים, געהט ער הארט ביי די ווענט, פון שטוב צו שטוב, איבערבעטען דעם עולם, זיך מוחל זיין:

— א גוט יום-טוב! טאמער האב איך אייך אנגעריהרט מיט א קרום ווארט, בעט איך אייך איבער, און ווינש אייך א חתימה טובה.

ענטפערט מען איהם: „גם אתם, לאז גאט מוחל זיין", מע בעט איהם זיצען און מע איז איהם מכבד מיט לעקאך.

ז.

געצי גובערנאטאר.

געצי גובערנאטאר — דאס איז דער שמש פון אלטען בית-המדרש. אומעטום, אין אלע בתי-מדרשים פון דער גאנצער וועלט, זענען אפשר די שמשים — שמשים. געצי דער שמש פון אונזער אלטען

בית-המדרש, איז מעהר בעל-הבית, ווי שמש. וואָס זאָג איך? ער איז בעלי-הבית איבער אַלע בעלי-הבתים.

געצי לאָזט נישט פיהרען קיין וועלטען אין בית-המדרש, ער זאָגט, אַז אַ שוהל איז אַ מקום-קודש. ווילט איהר רעדען געשעפט — קאָנט איהר געהן אין מאַרק. ווילט איהר שמועסען פּאָליטיקע — איז דאָ, להבדיל, אַ מרחץ. בשום אופן וועט איהר ביי איהם נישט פועל'ן, ער זאָל אייך לאָזען רעדען אפילו שבת צו אויסנעמעניש. געצי איז אַ יוד, וואָס לעגט נישט קיין כבוד אויף קיינעם, איהר קאָנט אייך שטעהן אויבענאָן אין מזרח-וואַנט און מעגט אייך האָבען זיעבעצעהן זילבערנע עטרות אויפ'ן טלית, ווערט ער פאַר אייך נישט בטל. איהר קאָנט אייך זיין דער גרעסטער גביר פון שטאָדט, רב יהושע-העשעל אַליין, ווילט איהר נאָר אויסרעדען אַ וואָרט, אַזוי דערהערט איהר אַ זעץ איבער'ן שלחן און אַ געשריי „שששאַ!“ — אַז איהר ווערט פערטויבט.

אָדער פּרובט נעהמען אַ ספר פון דער בית-המדרש-שאַפע און נישט צוריקברענגען צו דער צייט, וועט איהר האָבען פון געצי'ן דעם גרעסטען בזיון.

אָדער זייט מנדר שבת צו עלית התורה אַ חצי פונט נרות על הבית המדרש, אָדער ח"י פּרוטות אויף אָרימע לייט, און ווילט נישט אָבגעבען — זענט איהר שוין איין אָנזעצער. סיידען איהר האַלט ביי עוקר זיין און אַוועקלאָזען זיך קיין אַמעריקאַ.

אָדער לאָז עמיצער איינשטעלען זיך שיקען געצי'ן מיט אַ שליחות, וואָס איז נישט שייך מיט בית-המדרש, וועט ער אויסהערען און אַ זאָג טאָן:

„פּיס האָט איהר? זייט זיך מטריח און געהט אַליין“! אָט אַזאַ מענש איז געצי.

די איינציגע, וואָס דערוועגען זיך אַרויסטרעטען מיט עזות קעגען געצי דעם שמש, איז נאָר יונגוואַרג. ציקאַווע בחורים'לעך, חדר-יונג-לעך, קונדיסים, שטאָדט-שקצים — פון זיי האָט ער דעם טויט. זיי טועל איהם, וואָס מע טוט קיין יודען נישט: זיי קעהרען איהם איבער די סטענדערס, אַז קיינער זעהט נישט. זיי לאָזען איהם אַרויס דאָס וואַסער פונ'ם האַנטפאַס. פערקניפּען איהם דעם האַנטוך. קאַפּען איהם אָן חלב אויף די בית-המדרש-גמרות. רייסען אַרויס דעם צווייטען „יקום פורקן“ פון אַלע קהל'שע סדורים, אַזוי אַז וואָס פאַר אַ סדור מע זאָל נישט עפענען, איז ער נאָר מיט איין „יקום-פורקן“.

פון די דאָזיגע ווײַסע-חברה'ניקעס האָט געצי אָבגעשניטענע יאָהר, דעם גיהנם! און ער קוקט זיי נאָך, טאָמער וועט ער עמיצען פּאַקען, און האָט ער געפּאַקט אַ חברה-מאַן, רעכענט ער זיך שוין אָב מיט איהם פאַר אַלע, אַרויס פון געצי'ס הענד מיט אַ בײַל, מיט אַ בלוי אויג אָדער אָהן אײַן אויער — הײַסט נאָך גוט אָבגעשניטען; געצי האָט פײַנד לאַנגע מחזקות, גבית עדות מיט פוסטע כפּראַווקעס, אַ נגיד'ס אַ יונגעל, אײַן אָרימער יתום — אויסגעפּאַטשט, פאַרפאַלען!

געצי קאָן פּאַטשען. אַז ער לאָזט אַראָב אַ האַנד, קאָן מען דער-זעהען דעם זיידען פון יענער וועלט. אַ יוד אַ גבר (אַ משפּחה פון גבורים), חאָטש אַפילו אַזוי, אויפן קוק, וועט איהר פאַר איהם ניט געבען קיין צוויי צעבראָכענע גראָשען. דאַר, אויסגעטריקענט, הויט און ביינער, נאָר פּאות צוויי גראָבע, שוואַרצע, און אַליין איז ער אַ שוואַר-צער, שוואַרץ ווי אַ טאָטער, מיט שוואַרצע אויגען, בייזע, וואָס קאָנען ניט קוקען גלײַך אין פּנים אַרײַן, נאָר אַראָב. באַקען אײַנגעפאַלענע, אַ נאָז אַ פערלעגטע און וואָנסים שוואַרצע, אַראָבגעלאָזטע אַראָב, די אַלע זאַכען אינאיינעם מאַכען דעם אײַנדרוק, אַז אָדער ער וויל געבען אַ נים און קאָן נישט, אָדער ער האָט זאַך עפּיס צו זאָגען און וויל נישט, אָדער גלאַט אַ רע, אַ רשע.

„אַ רשע מרושע!" — זאָגט מען אויף איהם אין שטאָדט. — אײַן אײַנגעגעסענע בריאה, אַ יוד אַ צו-להכעיס'ניק, אַ מה-יעשה'ניק, האָט נישט אויף זיך קיין אויבערהאַר, טוט וואָס ער וויל, וויל ער עפענען די שוהל — עפענט ער. וויל ער פערמאַכען — פערמאַכט ער. קומט ווינטער, דאַרף מען זיך אויסציהען פאַר איהם, ער זאָל דורכהייצען דאָס בית-מדרש. און אַמאָל, אַז עס קומט איהם אָן, זאָל ער אײַך אָנהייצען, ווי, להבדיל, אין אַ באָד.

אַ שטײַגער, לאָז אײַן אָרימאַן אויסגעהן, געצי זאָל איהם לאָזען איבערנעכטיגען אין בית-מדרש. „אַ שוהל איז נישט קיין הקדש", — זאָגט ער, און טרײַבט אַרויס אין דרויסען אָהן אַ טראָפּען רחמנות.

אַז עס קומט די צייט פון ימים-נוראים, פיהרט געצי די ממשלה אין בית-מדרש ביד רמה. האָט ער אויף אײַך געוואָרפען אײַן אומחן, וועט איהר נישט פועל'ן בײַ איהם, אַז אײַער זוהן אָדער אײַער איידעם זאָלען זיצען דאָרטען, וואו איהר ווילט; זײַט זיכער, אַז זיי וועלן שוין זיצען דאָרט, וואו ער וויל, און אַז איהר וועט קומען צום גבאי מיט טענות, וועט מען אײַך ענטפערן:

— געהט צום גובערנאַטאָר.

דאַרפט איהר שוין וויסען, אַז דאָס מיינט מען געצי דעם שמש, אין די אויגען זאָגט מען איהם דו, און אונטער די אויגען רופט מען איהם „גובערנאַטאָר".

דאָס אייגענע איז סוכות מיט'ן אתרוג. איהר ווילט, ער זאָל אייך ברענגען דעם אתרוג אין סוכה אַריין וואָס פריהער, אָט דוקא ווייל איהר ווילט, וויל ער נישט, און אַז איהר שרייט אָן אויף איהם, שרייט ער נאָך העכער:

— איהר קאָנט וואַרטען. איך האָב אויף אייך מעהר געוואַרט.

קומט איהר אין שוהל אַריין און שטעלט איהם צו אַ בענקעלע פאַר'ן גבאי. זאָגט אייך דער גבאי:

— וואָס קאָן מען טאָן מיט אַ גובערנאַטאָר?

און אַזוי איז הושענא-רבה מיט די הושענות. און אַזוי איז חנוכה מיט די חנוכה-ליכטלעך, פורים מיט'ן גרעגער, פסח מיט מצה-שמורה, שבועות מיט גרינס. אומעטום איז געצי. אַלסדינג איז ביי געצי'ן אין די הענד. געצי דער שמש פיהרט די גאַנצע שטאָדט, געוועלטיגט איבער דער שטאָדט.

און די שטאָדט ליידט פון איהם גלות. די שטאָדט ליידט, האָטש מע וויל נישט ליידען. אַ מענש האָט אַ גאַל. קומט שבת אָדער יום-טוב, בּין מנחה למעריב, מע קלויבט זיך צענויף אין שוהל און מע שמועסט, כל-זמן מע דאַווענט נישט. האָט מען קיין מורא נישט פאַר'ן שמש און מע קאָן שמועסען פראַנק און פריי. קומט מען אַרויף אויף גלות-געצי. פרעגט מען זיך איינס ביים אַנדערען: „עד מתי? ביז וואַנען וועט מען טראָגען אויף זיך דעם דאָזיגען גלות?"... און דערביי בלייבט מען. וואָס קאָן מען טאָן? אַלאַהיי אַ רשע אַ גובערנאַטאָר, חאַ-חאַ!

נאָר איין טאָג אין יאָהר איז פאַרהאַן, וואָס געצי גובערנאַטאָר ווערט אוים רשע. נישט קיין טאָג, נאָר אַ האַלבען טאָג. עטליכע שעה. דאָס איז דער טאָג פון ערב יום-כפור, באַלד נאָכ'ן איבערפריהיגען דאַווענען, איידער דער עולם וועט קומען אין שוהל צו דער גרויסער מנחה און זיך לאָזען פון איהם שלאָגען מלקות. דעמאָלט ווערט געצי אוים שמש, אוים גובערנאַטאָר. ער איז אָנגעטאָן יום-טוב'דיג און לויפט פון שטוב צו שטוב, צעלאָזט די גראָבע שוואַרצע פאות, איבערבעטען די בעלי-בתים, זיך מוחל זיין.

— א גוט יום-טוב! טאַמער האָב איך אײַך אַנגעריהרט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אײַך איבער און ווינש אײַך אַ חתימה טובה.

ענטפערט מען איהם מיט אַ האַלבען מויל: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זײַן“, מען בעט איהם זיצען און מע איז איהם מכבד מיט לעקאַך.

ח.

זיסעל דער יורד.

זיסעל איז איין אַלטער בחור, אַ בלאָסער, שוין מיט אַ גרויליך בערדעל. ער זיצט אין בית-מדרש מיט אַלע בחורים, וואָס לערנען, נאָר ער אַליין לערנט ניט, ער זיצט גלאַט אַזוי, ער האַלט זיך אויף אין בית-המדרש, ער איז איין עלענדער, ער איז אַ יורד.

גישט ער, זיין טאַטע איז געווען אַ יורד, אַ געפאַלענער נעבעך קומט אַרויס פון דער שענסטער משפחה, סאַמע נגידים, גבירים, אַדירים.

זיסעל דער יורד האָט נאָך הײַנט אויך רײַכע פרײַנד. כמעט אַלע פײַנסטע בעלי-בתים פון שטאָדט זענען זײַנע קרובים.

אַ סברה, אַז דער נגיד רב יהושע-העשיל אַליין איז זײַנער אַ שני-בשלישי, טאַקי איין אײגענער אַ גליעד-גליעד-געשוועסטער-קינד, לאָז ער נאָר וועלן, יהושע-העשעל הײסט דאָס, אויסרעכענען זיך, וועט איהם שוין זיסעל בעווײַזען, וואָס פאַר נאָהענטע קרובים זײ זענען.

ערשטענס, פון טאַטענ'ס צד, זיסעל'ס זײדע, דאָס הײסט, זײַן טאַטענס טאַטע, אברהם-מרדכי, און יהושע-העשיל'ס באָבע, דאָס הײסט, זײַן מאַמע'ס מאַמע, פײגע-עטעל, האָבען זיך אַנגעקעהרט...

נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז מע לאָזט איהם ניט רעדען? מע גיט איהם אַ נדבה און מע הײסט איהם געהן, אַרויסגעהן זאָל פון זײ די פאָרע, טאַקי פון זײַנע רײַכע קרובים! אויף קײן גוט אָרט זאָלען זײ ניט שטעהן! ס'זאָל זײ אָנהויבען געהן פון הײַנט אָן און ווײַטער שלים-שלים-מזל און זײ זאָלען אַריבערקומען אויף זײַן שטאַנד, רבונו של עולם!

אַזוי בענטשט זיסעל דער יורד זײַנע רײַכע קרובים, וואָס העלפען

LIBRARY OF THE
BUREAU OF JEWISH EDUCATION
CLEVELAND, OHIO

העלפען זיי איהם, נאר זיי לאָזען איהם נישט אויף די אויגען, זיי האָבען איהם פיינד. איין אָרימאַן האָט מען פיינד, דאָס איז שוין איין אַלטער כלל.

זיצט ער אין בית-מדרש און נעהמט קצבה און שעלט מיט טויטע קללות. ער שווערט, אַז ער וואָלט בעסער געגאַנגען אַרבייטען, האָלץ האַקען, וואַסער טראָגען, נאר וואו?

ערשטענס, איז ער אַ יורד, אַ טאַטענס אַ קינד, קומט אַרויס פון סאַמע נגידים, גבירים, אַדירים, רב יהושע-העשעל אַליין געהער איהם אָן אַ שני-בשלישי...

און צווייטענס, איז ער אַ קאַליקע, איין פוס איז ביי איהם, נישט פאַר אייך געדאַכט, מאָדנע אויסגעבויגען, אַז ער געהט, וואַרפט ער מיט אַ פוס, עס מאָהלט זיך אויס, אַז ער איז אין כעס און שליידערט, וויל געבען מיט'ן פוס אין די ציינער אַריין.

און אין כעס איז זיסעל טאַקי שטענדיג, ער איז אַ כעסן בטבע, אויף דער גאַנצער וועלט איז ער צונגעשטויסען, און איז אפשר גאָר נישט אומגערעכט אויך. קיין עין-הרע, אַזאַ משפחה פון סאַמע נגידים, גבירים, אַדירים, זענען זיי קראַנק אויסהאַלטען אַ געפאַלענעם קרוב אַ קאַליקע, נישט לאָזען איהם געהן איבער די הייזער, נישם לאָזען איהם וואַלגערען זיך אויף דער הוילער באַנק אין בית-מדרש, אַז פרעמדע בחורים זאָלען דאַרפען געהן פון זיינעטוועגען צענויפנעהמען אַמאָל אויף אַ מלבוש, אַמאָל אויף אַ פּאָר שיך, — ס'זאָל אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אַריין, טאַקי די דאָזיגע בחורים! איידער מען בעט זיי איין, זיי זאָלען איהם מאַכען אַ נייע קאַפּאָטע, יענע איז שוין צעריסען-צעפיצעלט! אָדער אָננעהמען זאָגע אויף אַ העמד, נייהען וועט ער שוין אַליין אַוועקגעבען, נייהען זאָל מען זיי תכריכים און אַלעמען, אַלע יודען פון שטאָדט! אַ שטאָדט פון סאַמע רשעים! סדום! סדום איז אַ הונט אַקעגען איהר!

איין אַנדער שטאָדט וואָלט אין זינען געהאַט: עס זיצט איין אַלטער בחור, אַ יורד—וואָס וועט ער אויסזיצען? זיי זאָלען זיין לייטישע מענשען, מיט אַ ברעקעל יושר אין האַרצען, וואָלטען זיי געזאָרגט פאַר זיסלען עפּיס אַ שידוך...

די משפחה איז נישט קליין צו געבען נדן, געבען זאָל זיי נאָך קרענק מיט קדחת, און אַ כלה וואָלט זיך שוין געפינען... נישטאָ דען קיין גרעסערע קאַליקעס פון איהם, קרומע, שטומע, בלינדע? פון

דעסטוועגען, האָבען זיי דען נישט חתונה געהאַט?

אויף איהם, אויף זיסלען, וואָלטען זיך געפונען צעהן בעלנים פאַר איינעם, ווען זשע? אז עמיצער זאָל איהם טראָגען אויפ'ן קאָפּ, זיך זגבגעבען מיט איהם.

אָט, למשל, דרעהט זיך ארום ביי געציי דעם שמש א מויד, אפנע רופט מען זי, זי קומט אמאָל אויסקעהרען דאָס בית-המדרש, אמאָל וואַשען די בענק, א געזונטע מויד, א שוואַרצע, דער רוח זאָל זי נעהמען!...

אין זיסלען וואָלט זיך געציי אָנגעהאַפּט מיט ביידע הענד. ווער איז געציי דער שמש, און ווער איז זיסעל דער יורד? ער וואָלט נאָך געמעגט אויסשלאָגען ביי איהם א קניע ערד, אָט דער שמש, א רוח אין זיין טאַטענס מאַמע אריין!

בלאָטע! זיסעל וועט אָבער נישט געהן צום שמש זיך אָנשלאָ-גען, נישט דערהאַרען וועט דאָס די שטאָדט, קומען זאָל אויף איהר א שרפה, א מגפה און א חלירע היינטיגען טאָג, רבונו של עולם, ס'זאָל זיי אויסקוייקלען פון איין עק ביז'ן אנדערן!...

אָט אזוי שעלט זיסעל דער יורד זיין משפחה און די גאַנצע שטאָדט, וואָס האַלט איהם אוים מיט קצבה.

„א רעשטיל צו די צרות!" — זאָגט מען אויף איהם אין שטאָדט און מע לאָזט איהם נישט פאַלען, מע זעהט איהם נעהמען אויף שבת און אויף יום-טוב, אלע מאָל צו איין אנדער בעל-הבית. מע וויל יוצא זיין פאַר איהם — פאַרט א יורד, נעבעך א געפאַלענער...

און טאָמער פערגעסט מען זיך אָן זיסלען, איז דאָ א רפאל בעל-משגיח אין שטאָדט, וואָס דערמאָהנט, לאָזט נישט, מע זאָל פערגעסען אָן דעם יורד.

און דער יורד איז אין כעס. ער מאַהלט זיך איהם אוים, אז נישט זיין משפחה, נישט די בחורים פון בית-מדרש, נישט רפאל דער בעל-משגיח — קיינער, קיינער איז נישט געגוג יוצא קעגען איהם, און ער שעלט, שעלט זיי אלעמען מיט דער תוכחה!

איין טאָג אין יאָהר נאָר איז באַרהאַן, ווען זיסעל דער יורד שעלט זיך נישט. דאָס איז דער טאָג פון ערב יום-כפור.

דעם טאָג פון ערב יום-כפור טוט זיסעל אָן דאָס נייע העמד, וואָס ער אליין האָט זיך געגעבען נייהען, און די נייע קאַפּאָטע, וואָס די בחורים האָבען איהם געמאַכט, מיט א פּאָר גאַנצע, כמעט נאָך גאַר

נײַע שטיבלעטען, וואָס רפאל בעל-משגיח האָט ערגיץ אויסגעמאַנטאַטשעט פֿון זײַנעטוועגען, און ער לאָזט זיך געהן פֿון שטוב צו שטוב צו איטלעכן צו פֿרעמדע, שלײַדערענדיג מיט'ן קראַנקען פֿוס, צו איבערבעטען דעם עולם, זיך מוחל זײַן. אַלע יודען געהען זיך מוחל זײַן — מיט וואָס איז ער ערגער פֿון אַלע? דאָס פּנים איז בײַ איהם בלאַס, ווי תמיד. דער קוק איז בײז און רעדט מיט כּעס, ווי תמיד. און גיט אָב דעם „גוט-יום-טוב" מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט געשאָלטען אין טאַטען אַרײַן.

— אַ גוט יום-טוב! טאָמער האָב איך אײַך אָנגערירט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אײַך איבער, און ווינש אײַך אַ חתימה טובה.

זיסעל הוסט און קוקט אין האַנד אַרײַן, טאָמער וועט מען איהם עפּיס געבען.

ענטפֿערט מען איהם מיט אַ שמײכעל: „גם אתם, לאָז גאָט מוחל זײַן", מען גיט איהם אַ נדבה און מע איז איהם מכבד מיט לעקעך.

מע הוליעט.

מע הוליִעט!

(טיפען, וואס שטארבען אב).

נעשריבען לכבוד שמחת-תורה.

עטליכע ווערטער וועגען די „הוליאקעס".

„חברה הוליאקעס" — אזוי רופט מען זיי ביי אונז. דאס זענען יודען דוקא שטילע מענשלעך און דוקא נישקשה פון ארימע לייט און געהערן זיך נישט אן אגאנץ יאהר איינס מיט'ן אנדערן גארנישט נישט, נאר אז עס קומט שמחת-תורה, ווערט מען לעבעדיג-פרעהליך און גלייך, ווי מע וואלט זיך אויפגערעדט: מע נעהמט זיך ארום גאנץ ברידער-ליך און מע געהט איבער די גאסען טאנצענדיג און זינגענדיג פרעהלי-כע נגונים און מע מאכט פרעהליך די גאנצע שטאדט. מע קומט אריין צו אלע בעלי-בתים גוט יום-טוב בעטען, מע רייסט זיך אריין אויך צו די נגידים און מע מאכט זיי דעם פרעהליכען שמחת-תורה'דיגען קדוש און באין ברירה מוז געשטעלט ווערן ווייִן אויפ'ן טיש, אדער ביער, אדער פשוט'ער בראנפען מיט פערבייסען, אנישט קאנען די הוליאקעס אליין נעהמען. זיי וויסען, וואו-וואס עס שטעהט. זיי קאנען טרעפען צום אויווען און ארויסנעהמען וואס איז דא, ארויסציהען פון די שאפעס די איינגעמאכטסען, ארויבלאזען זיך אין קעלער און ארויפ-טראגען פון דארטען די גוטע „נאליווקעס" מיט די שענע געזאלצע-ע

אוגערקעס מיט די קלוגע געזאַלצענע אַרבוזעס, וואָס שטעהען ביי די נגידים צוגעגרייט אויפ'ן ווינטער, און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס איז גאָרנישט צו גלויבען, אַז יודען קאָנען אַזעלכעס טאָן...

דאָס אַליין איז נאָך גאָרנישט, אַמאָל (אוי, אַמאָל!) פלעגט מען אַליין זיין שכור, ווי לוט און אויך די „נאַטשאַלסטווע" אָנ'שכור'ען אַזוי, אַז זי פלעגט טאַנצען מיט אַלע יודען, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, אָהן קאַפאָטעס ביים נגיד אויפ'ן דאַך; איצט איז שוין אַנדערע יאָהרען מיט אַנדערע „נאַטשאַלסטווע". מע איז געוועהן, אַז זי לאָזט חאָטש יודען איין מאָל אין יאָהר זיין שכור און געהן פראַנק און פריי פון שטוב צו שטוב און זינגען פרעהליכע נגונים. וואָרום אין אַנדערע שטעדט, זאָגט מען, טאָר מען דאָס אויך נישט...

פערשטעהט זיך, אַז פון יאָהר צו יאָהר ווערט ביי אונז די „חברה הוליאַקעס" שיטערער און ווינציגער. אַ סך זענען אויסגעשטאָרבען, און די, וואָס זענען געבליבען, האַלטען ביים אָבשטאַרבען. דעריבער וויל איך מיך די דאָזיגע בעריהמטע הוליאַקעס צו בעשרייבען. יעדען איינציגען מיט זיין טיפּ און ביי זיין נאָמען — לאָז חאָטש בלייבען אַ זכר, אַ סימן פון דעם, ווי מע הוליעט ביי יודען אין גלות, אַז עס קומט שמחת-תורה.

I.

אַליק דער מעכאַניק.

פערשטעהט זיך, אַז ער איז אַ שניידער, און נישט נאָר אַ שניידער, נאָר אַ שניידערעל, דאָס מיינט, אַז ער איז אַ קליינינקער מיט קורצע פיסלעך, מיט קליינינקע הענטעלעך, מיט אַ קליין בערדעלע, נאָר אַ קול האָט ער דוקא אַ געמבע, אַ באַסאָווע שטימע. אַלע וואונדערן זיך, ווי קומט צו אַזאַ קליין יודעלע אַזאַ געדיכטע באַסאָווע שטימע? נאָר קשיות פרעגען איז קיין קונץ נישט. אלא מה, ווי קומט צו אַזאַ קליין יודעלע, ער זאָל אַריינגיסען אין זיך אַזוי פיעל בראָנפען, אַז עס קומט שמחת-תורה?

אָבער טאַקי נאָר שמחת-תורה, אַ גאַנץ יאָהר טרינקט ער נייעט

קיין בראנפען, נישט קיין וויין. נישט מחמת ער האלט נישט פונ'ם ביטערען טראפען, נאר איבער איין אנדער טעם — ער האט נישט. ער איז נעבאך א גרויסער ארעמאן. מע קאן זאגען, איין אביון. קינדער, קיין עין־הרע, א סך. און ארבייט — וואס א יאהר, וואס א יאהר וויניגער. איין אויסהאפעניש זאל קומען אויפ'ן „גאטאוויך פלאטיעוו“! זינט עס האט זיך געעפענט אין שטאדט דער „גאטאוויך פלאטיעוו“, איינגעזונקען זאל ער ווערען, און ס'איז געווארען א מאדע פארטיגע קליידער, און נאך אויף אויסצאהלען דערצו, האט אליק דער מעלאניק פערלוירען איינציגוויז אלע זיינע בעלי־בתים.

וואלט חאטש דער „גאטאוויך פלאטיעוו“, א מיתה פאהיבעל זאל אויף איהם קומען, וועלען צושארען א מאל א שטיקעל ארבייט. איז ווי לאנג קרענקט ער! למאי זאל א יוד פערדינען א שטיקעל ברויט? אמעהר לאז א גוי האבען פרנסה. א גוי איז בילכער. חאטש אפילו ס'איז א פערדראסיגע זאך, מילא, אז ער האלט א צושניידער א גוי, איז חאפט איהם בעני. א גוי א צושניידער שניידט אויף איין אנדער פאסאן. אבער שטעפעלטס? פערוואפעלטס? אונטערנייהעלטס? דערויף מוז מען שוין אויך אנקומען צום גוי? איין עק? איינניייהען א קנעפעל, צוסטריגוען א בענדעל, אויספרעסען א קאלנער — דאס קאן שוין אויך נישט א יוד?

וואלט דער „גאטאוויך פלאטיעוו“, דער שלאק זאל איהם טרעפען, חאטש אליין געוועזען א גוי. איז ניין! דוקא א יוד, און נאך וואסער א יוד! א כשר'ער יוד און הייסט רב לייזער. ער איז א געוועזענער חייט, נאר היינט איז ער א בעל־הבית, א חשוב ביי נאטשאלסטווע, און פאהרט אלע זומער „זאגראניצע“ און ברענגט פון דארטען צופיהרען אלע יאהר נייע מאדעס מיט נייע זשורנאלען. אין שוהל זיצט ער אויבענאן. עליות קויפט ער זיך די פעטסטע. שדוכים טוט ער די שענסטע. אז ער איז געוועזען אמאל א שניידער, האט ער שוין לאנג פערגעסען. דעם נאמען חייט קאן ער גאר נישט הערען. א „נאש בראט“ לאזט ער נישט אויף די אויגען. טרייבט ארעמע לייט מיט שטעקענס, און גאט זעהט און שוויגט!

אדרבה, וואס א יאהר, ווערט „לייזער גאטאוויך פלאטיעוו“ רייכער. צו איהם צוצוטרעטען דארף מען שוין גאר האבען א זכיה: א גלעקעל ביי דער טהיר!

א גליק, וואס ס'איז חאטש פאראן איין טאג אין יאהר, אזעל-

לער, וואָס מע קאָן דערמאָלט צו איהם צוטרעטען אָהן זכות-אָבות'ן, אָהן גלעקלעך, אָהן קלינגעניש. דאָס איז דער טאָג פון שמחת-תורה.

שוין אין דערפריה, בעת אַנדערע יודען זענען נאָך אין שוהל, איז אֶליק דער מעלאַניק, ווי די גאַנצע חברה הוליאַקעס, לאַנג איין אָבגעדאַווענטער, איין אויסגעטרונקענער און איין איבערגעבּיסענער. און מע געהט שוין אַרומגענומען אַלע מיט אַ געזאַנג איבער די גאַסען, פון איין נגיד צום אַנדערען, גוט יום-טוב בעטען. און צום אַלעם ערשטען געהט מען צום נייעם נגיד, „רב לייזער גאַטאָוויך פלאַטיעוו“ (לכבוד שמחת-תורה האָט מען אַראָבגענומען דאָס גלעקעל פון טהיר). פון גאַנץ פריה אָן שטעהט צוגעגרייט אויפ'ן טיש בראָנפען און ביער און ויין אַ פלעשעל מיט אַלערליי פערביייסעלעצען. רב לייזער אַליין געהט זיי אַקעגען מיט אַ פּאַרטיג שמייכעלע און בעט אֶליקן ער זאָל מאַכען קדוש. טוט איהם אֶליק צוליעב און מאַכט דעם ברייטען יום-טוב'דיגען קדוש אויף זיין גראָבע באַסאָווע שטימע, דרעהט און ציקעלט זיך מעשה חזן, און די חברה הוליאַקעס ענטפערט איהם מיט'ן כאָר, ווי זינגער-לעך דעם חזן:

אָ—אָ—אָ—מ—ן!

„לייזער גאַטאָוויך פלאַטיעוו“ קלויבט כלומרש'ט נחת פונ'ם קדוש, און לייזעריכע כלומרש'ט קוועלט אויך, ציטערט, מע זאָל איהר נישט פערגיסען דאָס טישטוך, נישט צעברעכען אַ גלעזעל, אָדער חלילה איין אַנדער שאָדען. און ביידע שעצען זיי זיך גליקליך, אַז זיי דרעהען זיך אַרויס פון אֶליק'ן אָהן אַ סקאַנדאַל. וואָרום אֶליק דער מעלאַניק, אַז ער איז רעכט אונטער'ן גלעזעל און ווערט גוט פערקנאַקט, קאָן ער דערצעהלען דעם נייעם נגיד מאוסע מעשיות. ער קאָן איהם אָננעמען פאַר אַ האַנד און זאָגען איהם דעם גאַנצען פסוק גאַנץ איידעל און פערשטעלט:

— הער זשע אויס, ברודער גאַטאָוויך פלאַטיעוו! חאָטש דו ביסט די כפרה פאַר אַ גוי, די כפרה מעגסט דו זיין פאַר אַלע גוים, און חאָטש דו האָסט פיינט אַ יודען ערגער ווי אַ יוד חזיר, נאָר אַזוי ווי מיר האָבען היינט יום-טוב אויף דער גאַנצער וועלט, און אַזוי ווי דו האָסט אונז מכבד געווען מיט לעקאַך און בראָנפען, טאָ לאָמיר טרינ-קען לחיים, און לאָמיר זיך ווינשעווען דערלעבען איבעראיאָהר שמחת-תורה, און זיין די איינענע יודען וואָס מיר זענען, און לאָמיר זיך צו-קושען אין די פּיסקלעך, און לאָז חאָטש די וועלט נישט וויסען, אַז

דו ביסט אַ חיות בן חיות, און אַ פערד, און אַ שונא ישראל, און אַ רוח אין די שונאים'ס טאַטענ'ס טאַטען אַריין!

אָבגעפאַרטיגט זיך מיט'ן נייעם נגיד, לאָזט זיך חברה הוליאַקעס מיט אַ געזאַנג צו די איבעריגע נגידים. דאָרט ווערט דער קדוש איבערגע'חזר'ט נאָך אַ מאָל מיט'ן זעלבען פאַראַד און מיט'ן כאָר. דערצו ווערט צוגעזעצט נאָך אַ פּאָר שטיקלעך פון ימים נוראים, וואָס אֶליק איז דערויף אַ גרויסער קינצלער, און אַז איהר וועט איהם שטאַרק בעטען, וועט ער אייך בעווייזען, ווי אַזוי איין ערשטלינג געהט צו קינד און נאָך אַזעלכע שטיק, אַבי צו משמח זיין דעם עולם, מאַכען איהם לעבעדיג-פרעהליך, וואָרום ס'איז שמחת-תורה, — און שמחת-תורה דאַרף מען הוליען און הוליען.

II.

קאָפּעל בעל-מח.

אַזוי רופט מען איהם דערפאַר, ווייל ער האָט אַ גרויסען שטערען און אַ גלאַנצענדיגען. „אַ שטערען, ווי ביי אַ מיניסטער — זאָגט מען אויף איהם". קאָפּעל איז אָבער נישט קיין מיניסטער. קאָפּעל איז אַ בעל-מלאכה. אַ שוסטער איז ער.

בטבע איז קאָפּעל אַ יוד אַ בעל-מרה-שחורה. שטענדיג פערזאָרגט, פערחשכ'ט, אָבגעריסען, געשטימט טרויעריג, פּעסימיסטיש.

פון וואַנען נעמט זיך עס? אפשר דערפון, וואָס ער קוקט אויף דער וועלט כל ימיו פון אַ פינסטערען קעלער? דאָרט אין זיין וואַרשטאַט, דאָרט קלאַפּט ער פלעקלעך. דאָרט איז זיין הוים, דאָרט לעבט ער. שוסטעריי איז נישט שניידעריי, אַ שניידער מוז האָבען ליכט, אַ שוסטער קאָן זיך בעגעהן אין דער פינסטער.

דאָס הייסט, אַז מע וויל צוריק, בעדאַרף אַ שוסטער אויך צו זעהען, וואוהין ער שטעכט מיט דער נאָל און וואוהין ער קלאַפּט אַ פלעקעל. נאָר דערצו איז גענוג אַ קליין פענסטער'ל, אַ קוואַטירעל, וואָס קוקט דורך אַ געל-גרינבליך גלאָז אין דרויסען אַרויס. אַ מענש, וואָס זיצט אָב אַזוי פיעל יאָהרען אויף אַ קיילעכיג לעדערען זעטעל

און קלאַפּט מיט'ן האַמער אין דער פענסטער, קאָן נישט זיין קיין אָפּטימיסט.

און אפשר נעהמט זיך זיין מרה-שחורה דערפון, וואָס גאָט האָט איהם געבענשט מיט אַ ווייב אַ צרה, וואָס אַ חוץ דעם, וואָס זי בעגראָבט איהם אַלעבעדיגען, האָט זי אין זיך ניין מאָס רעד, דאָס מויל מאַכט זיך איהר נישט צו?

„שרה די זאָגערין״ — אַזוי רופט מען זי צווישען די שכנים, וואָרום זי האָט אַ מענה לשון און רעדט אָהן אַן אָבשטעל. עס געהט ביי איהר געבונדען און געקייטעלט און עס לאָזט זיך ביי איהר נישט אויס, ווי פון אַ קוואַל.

מיר קאָנען נישט פאָדערן פון אונזער פריינד-לעזער, אַז ער זאָל אונז גלויבען אויף גאמנות. ער איז עס נישט מחויב. דעריבער געבען מיר דאָ אַ מוסטער פונ'ם מענה לשון, וואָס „שרה די זאָגערין״ לעגט אַוועק אין אַ שענעם פריהמאָרגען, בעת קאָפּעל קלאַפּט מיט'ן האַמער און זיינע צוויי שוסטער-יונגען העלפען איהם אונטער, איינער ציהט אַ דראַטווע און דער אַנדערער פוצט אַ פּאָדעשווע. מיינט נישט, שרה אַליין זיצט אויך נישט צונויפגעלעגט די הענד, זי טוט דריי אַרבייט מיט אַמאָל: מיט די הענד שיילט זי קאַרטאָפּליס, מיט די פיס וויגט זי אַ קינד און מיט'ן מויל רעדט זי און דוקא צו זיך אַליין.

— גיט זיך אויס אַ טאָג, איז חאָטש עפען טהיר און טויער, ווי אין אַ מאַנהויז, פון כאור אָן הו-האַ, אויף און אָב, טאָ דער, טאָ יענער, טאָמער איז קאַרג דאָס קלאַפּען, קלאַפּען זאָל איהם אין קאָפּ, ווי ער קלאַפּט מיט'ן האַמער, איז זי אויך דאָ, טאַקי די שוועסטער זיינע, די קלאַפּעטיריכע מיט'ן צינגעל, ווי אַ גלעקעל דזין-דזין-דזין, אַ גדולה אויף דער באָבע, זי האָט אַ בריוועל פון איהר דאָלי, אָנגעקומען אַזש פון אַמעריקע, קומט איהם אַ דאַנק, ער האָט נאָך נישט האַסלירע געהאַט דער שענער מאַנדיוק פאַר איין אַנדערע דאָרטען, אַ מכה איהם, ווי חיה-קיילע'ס מאַן האָט דאָרטען אָבגעטאָן, פערהאַפּט זאָל עס ווערען, אָט דאָס אַמעריקע טאַקי! וואָרום אַז מע קומט אַהין פערגעסט מען, אַז מע האָט געלאָזט אַ ווייב אין דערהיים, גרינגע פייגעלעך, אַ קיש-קיש מיט'ן קאָפּ אין דער ערד! נישט אויסצוהאַלטען פון דער קורעלאַפּניטשע מיט איהרע עופות! געהען אַרום הונגעריגע און וויל האָבען פון זיי שמאַלץ, חאָטש ווען אַמאָל זיך לעגען אויף אַ טשיקאַוועס, שענקען איין איי אויף דער חלה צו בעשמירען ביי דעם

דאָזיִגען יקרות, וואָס ניִשט צוצוריִהרען זיִך, ניִשט צו קיין איי, ניִשט צו קיין קאַרטאָפֿליִ, ניִשט צו קיין ציִבעלע, חאַטש לויף איִן דער וועלט אַריין, אַ סיִפּע איִהם איִן פּנים אַריין און אַ געשוויִר איִהם איִן זייט, טאַקיִ דעם גוי, וויִ ער איִז קליִגער געוואָרען, און וויִל שוין אָבנאַרען אַ יודען. קאָפּוי או מענע קאורקו נאַ שאַבעס, לאָזט זיִך אויס, אַז ס'איִז אַזוי אַ קאורקו, וויִ דו ביִזט אַ רב. אָ דע טוואָיאַ קאורקאַ? — שטופּט זיִ איִן פּנים אַריין אַ קורטשאַטקע דיִ גרויס וויִ אַ מייזעל. חיִבאַ צע קאורקאַ? ציע בלאָכאַ! — ווערט זיִ נאָך מלא גזלן און רייצט זיִך: או טעבע ראָשע נעמאַ! און בעהאַלט דאָס שענע היִנדעל איִן בוזעם. אַ קאָטאַ צו אַלדע שוואַרצע יאָהר! נאַ דיִר נאָך טאָמער איִז קאַרג, ברוך הבא אַ קאָטער האָט זיִך פֿערנאַדעט צו דיִ קעץ, וויִ פּייסיִ חיים'ס צו ריִווע־לאה דיִ מאָדניִציִ, אַלע איִן דערפּריִה און אויף דערנאַכט, וויִ אַ זייגער, שמעקט איִן אַלע טעפּ. ניִשטאָ גאָרניִשט! אויסגעטריִקענט! טרוקען זאָל דיִר זיין איִן האַרצען און איִן קאָפּ און...

— וועמען שעלסט דו דאָס? — טוט ביי איִהר קאָפּעל אַ פֿרעג, אויף אַ טשיִקאַוועס, הערט אויף אַ ווײַלע קלאַפּען מיִט'ן האַמער, און שטעלט אַוועק אויף זיין ווײַב דעם גרויסען גלאַנצענדיִגען מיִניִסטעריִשען שטערן.

— טאַקיִ דיִך מיִט דיינע ממזרים — ענטפֿערט איִהם שרה גאָרניִשט לאַנג געטראַכט און טוט זיִך איִהרע דריי מלאכות וויִ פֿריִהער, און איִז צופֿריִעדען, וואָס זיִ האָט פֿריִשען שטאָף אויף איִהר מענה לשון, וואָס ציִהט זיִך ביי איִהר אָהן אַ סוף און אָהן אַ ברעג, וויִ דער ים, וויִ דער יודיִשער גלות, וויִ קאָפּעלס דלות. אָריִמער קאָפּעל! וואוהיִן וואָלט ער ניִשט געלאָפֿען, ער זאָל ניִשט זיין צוגעבונדען אָט צו דעם לעדערנעם געזעסעל? מוז ער אָבער פֿערענדיִגען אַ שטיִקעל אַרבייט, אַניִשט וועט ער ניִשט האָבען אויף שבת, און אַז ער וועט ניִשט האָבען אויף שבת, וועט זיין אָבגעשניִטענע יאָהר פֿון שרה'ן מיִט איִהר מענה־לשון.

שוואַרץ, חשך וויִ דיִ ערד, זעהט אויס קאָפּעל דער שוסטער, און דערשלאָגען. מע הערט פֿון איִהם קיין פּיִפּס. שטיִל טראָגט ער אויף זיִך דעם גלות מיִט'ן דלות מיִט אַלע צרות, שטיִל האַלט ער עס איִן זיִך. מע בעדאַרף זיין אַ פֿיִלאָזאָף, מע זאָל קאָנען האַלטען איִן זיִך אַזוי פֿיִעל. קאָפּעל בעל־מוח איִז אַ פֿיִלאָזאָף. אַ שטיִלער פֿיִלאָזאָף, און אַ פֿערזאָרגטער.

נאר אויב קאפעל איז א גאנץ יאהר פערזארגט, איז דא א טאג,— און דער טאג איז שמחת-תורה — וואס ער איז פרעהליך. וואס זאג איך פרעהליך? נייגעבוירען, אויסער זיך, משוגע, ריין משוגע! שטעלט אייך פאר קאפעל בעל-מוח צווישען חברה הוליאקעס מעהר הוליאק פון אלע הוליאקעס! ער האט זיך געביטען מיט אליק דעם מעלאניק מיט די היטלען, — אז דער האט א היטעל, ווי א שיסעל, און יענער האט א היטעלע, ווי א פייג די גרויס — קאן מען נישט פלאצען פאר געלעכטער? משפעט נישט, זיי האבען זיך געוואלט בייטען מיט די קאפאטעס אויך, קריכט נישט אליק'ס קאפאטקעלע אויף קאפעלס גע-זונטע פלייצעס.

קאפעל דער שוסטער זעהט אויס קעגען אליק דעם שניידער, ווי א גלית-הפלישתי. עס איז דעריבער א קאמעדיע אנצוקוקען, ווי די צוויי בעהמען זיך ארום ברידערליך, געהען טאנצענדיג איבער די גאסען, און חאטש קאפעל האט א קול פון א ריקבעט, מע קאן זאגען, כמעט גאר קיין שטימע נישט, פונדעסטוועגען טוט ער זיך אן א כוח און העלפט אליק'ן זינגען, ווי א געטרייער משורר דעם חזן. און אז אליק שטעלט זיך אוועק מאכען דעם פרעהליכען קדוש, האלט איהם קאפעל אונטער: „באם!" און אז אליק האט געענדיגט דעם קדוש אויף זיין באסאווע שטימע מיט א געדרעהטען „מקדש ישראל" און מיט א ציקעל-דיגען „ו—ה—ז—מ—נ—י—ם"— און וויל צוטראגען דעם כוס צו די ליפען, חאפט אויס קאפעל ביי איהם דאס גלעזעל פון די הענד. און איידער מע קוקט זיך ארום, איז שוין קאפעל מיט'ן כוס פארטיג. ער האלט שוין גאר ביי לאזען זיך א טענציל. דערווייל טרייבט ער אונטער אליק'ן, אז אליק זאל זינגען, וועט ער איהם העלפען, טוט איהם אליק צוליעב און ביידע זינגען זיי א יום-טוב'דיג ליעד און די גאנצע חברה הוליאקעס העלפען אונטער, ווער מיט'ן קול און ווער מיט'ן פליעסקען פון די הענד. אט דאס איז דאס ליעד, וואס זיי זינגען:

„אתה בחרת—ת—תנו
מכל הע—מים.
איזא וסיעך נארא—ר—א—ראדאוו
טי נאם פאליוביל."

— שטארקער, יודען, שטארקער! — שרייט קאפעל בעל-מוח און דער שטערן ביי איהם שוויצט סכנות — נישט געזארגט, ברידער,

דער עיקר—נישט געזאָרגט זיך, און נאָר געזונגען, און נאָר געטאַנצט, און נאָר געהוליעט, און נאָר געהוליעט!

III.

מענדעל דער בלעכענער.

ריכטיגער וועט זיין — דער בלעכער, מחמת מענדעל איז פון פאַך אַ בלעכער, נאָר מע האָט איהם אַ נאָמען געגעבען ביי אונז „דער בלעכענער", ווייל ער זעהט אויס גלייך, ווי ער וואָלט געווען געמאַכט פון בלעך.

אַ הויכער יוד, אַ גלייכער, אַ טרוקענער, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגע האַרטע בלעכענע נאַקידקע, אַ בלעכען פנים, אַ בלעכענער באָרד, און אפילו אַ קול אויך פון בלעך — אַ בלעכען קול.

זיין אַרבייט — איז סאַמאָוואַרען; ער גלייזט, דאָס הייסט, ער ווייסט אויס סאַמאָוואַרען. נאָר אַזוי ווי סאַמאָוואַרען גלייזט מען ביי אונז מיינסטענס נאָר אויף פּסח, איז די גאַנצע שפע ביי איהם ערב פּסח, און אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָהר קוקט ער נישט אָן קיין סאַמאָוואַר אין די אויגען. ביי אַזעלכע גאָלדענע געשעפטען וואָלט „מענדעל דער בלעכענער" געהאַט אַ ברירה צו שטאַרבען אַ גאַנץ יאָהר פון הונגער, ווען ער זאָל נישט האָבען אין האַנד נאָך עטליכע פּרנסות.

למשל, ער קאָן היילען בהמות, מאַכען, זיי זאָלען זיך מעלקען און נאָך אַזעלכע זאַכען. וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו בלעכעריי? — קיין שום שייכות נישט. נאָר אַז אַ מענש האָט אַ טאַלאַנט צו נאָך עפּיס — וואָס מאַכט עס קאַליע? אלא מה ער קאָן אויסלעגען אוווענס אויך? אָדער צענויפלייטען געבראָכענע כלים, אַז מע זאָל גאָרנישט דערקענען? צי אַ שטיינער אין פאַרבעריי, מיינט איהר, האָט ער שוין גאָר קיין ידיעה נישט? אַז מע שמועסט אַ מענש קאָן אַלסדינג איז דאָך נישט שייך.

פון דעסטוועגען שרעקט אייך נישט. פון די אַלע פּרנסות האָט מענדעל דער בלעכענער קוים וואַסער אויף קאַשע. ווי ער אַליין

דריקט זיך אויס, אז דאָס מוז איהם אַמאָל אונטערהעלפען זײַן װײַב ריסעל.

ריסעל איז אַ באָבע (אַ הויבאַמע), נאָר אָהן פּראַקטיקע, נישט מחמת זי איז אַ שלעכטע הויבאַמע, נאָר איבער די אַקושערקעס. עס איז געװאָרען די לעצטע צײַט בײַ אונז אַ גערעט אויף אַקושערקעס. נישטאָ בײַ אונז כמעט אַ יודישע שטוב אָהן אײַן אַקושערקע. אַ יוד האָט דרײַ טעכטער, זענען צװײַ פון זײ אַקושערקעס און די דריטע שטודירט אויך אויף אַקושערקע.

— אַ שטאָדט פון אַקושערקעס! — זאָגט מענדעל דער בלעכע-נער און איז אין כעס און פײַערט מיט סכנת נפשות — אויף יעדער געװינערין צװײַ אַקושערקעס און מיט דער געװינערין — דרײַ, װאָרום די געװינערין אַלײן איז אויך אַנ'אַקושערקע.

אַזוי קריטיקירק מענדעל די אַקושערקעס. מענדעל איז בכלל אַ שאַרפער קריטיקער, נישטאָ אַ זאַך, װאָס מענדעל זאָל נישט קריטיקירען, נישטאָ אַ מענש, װאָס מענדעל זאָל געפינען אויף איהם אַ זכות, זאָגען אַ גוט װאָרט, אַזאַ טבע בײַ איהם, עס גיט זיך אויס אַ מענש, װאָס עס געפעלט איהם נישט קײנער, און איז מיט קײן זאַך נישט צופריע-דען. למשל, לאָז געהן אַ רעגען אין דרויסען, װעט אײַך מענדעל נישט זאָגען, אַז עס געהט אַ רעגען, נאָר אַ „מבול", און פערקעהרט לאָז נישט געהן קײן רעגען, איז אויך שלעכט: „אײַן אויסטריקעניש, אַ דער-שטיקעניש, אַ מדבר!" קײן מאָל װאַרעמט נישט בײַ איהם די זון, נאָר „זי ברענט", זי „שרפה'ט". אַ שנײ איז בײַ איהם אַ „פערשיטעניש", אַ פראָסט אַלײן איז איהם קאַרג, ער מוז צוגעבען דאָס װאָרט: „אַ ברע-נענדיגער". שטאַרבט, חלילה, אַ מענש אין שטאָדט הײסט עס בײַ איהם אויף זײַן לשון: „דער עולם טראָגט זיך אָב, מע פאַלט, װי פליגען"... זײַן אויף אַ לויה, קומען יענעם מנחם אבל זײַן, אָדער אַ קראַנקען מבקר חולה זײַן — דערויף איז מענדעל תמיד פונ'ם ערשטען מנין. זײַן טרײסטען, זײַן אויסרעדען דאָס האַרץ בעשטעהט אין דעם, אַז עס „קאָן נאָך זײַן אַ סך ערגער, װי עס איז". אַ צאָהן לאָז אײַך װעה טאָן, װעט אײַך מענדעל זאָגען: „אָט דאָס הײסט בײַ אײַך צײַהנװעהטיג? צײַהנװעהטיג פרעגט מיך!" און ער װעט אײַך דערצעהלען, װאָס ער האָט געהאַט פון אַ צאָהן, אָדער ער װעט אײַך איבערגעבען פון זײַנעם אַ בעקאַנטען, װאָס איז שיער נישט געשטאָרבען פון אַ צאָהן, שוין געװען פערבײַ, נאָר מע האָט איהם אָבגעשריגען...

אָדער פּרובט זיך קלאָגען פאַר איהם, אַז איהר הוסט; וועט ער אייך באַלד אַ פרעג טאָן: „מיט בלוט?...״ דאָס איז נישט, ווייל מענדעל איז אַזאַ שלעכטער בטבע און וויל, אַז איהר זאָלט, חלילה, הוסטען דוקא מיט בלוט, ניין! נאָר ס'איז ביי איהם אַזאַ כאַראַקטער, זעהען יעדע זאַך אינ'ם ערגסטען צושטאַנד און לעגען יענעם שטיינער אויפ'ן האַרצען. ער קאָן אַנדערש נישט. אַ געבוירענע זאַך, פאַרפאַלען.

היינט געהט רעכט זיך, אַז אַזאַ מיזאַנטראָפּ, ווי מענדעל דער בלעכענער, וועט ער זיין שמחת-תורה צווישען חברה הוליאַקעס אַ גאַנצער קונצענמאַכער, אַ קאָמענדיאַנט און אַ פערשלעפּטע קרענק!

קומט שמחת-תורה ווערט מענדעל אַ דייטש. דאָס הייסט, ער פערשטעלט זיך אויף דעם טאָג פאַר אַ דייטש און רעדט נישט קיין אַנדער שפּראַך אויסער דייטש. די לאַנגע בלעכענע נאַקידקע האָט ער אונטערגעבונדען, געמאַכט פון איהר אַ פּידזשאַק, די פּאות האָט ער פערלעגט אַהינטער די אויערן — קיין סימן פון קיין פּאה, און אַ קאַפּעלוש האָט ער אָנגעטאָן — יודען! פון וואַנען נעהמט זיך אַזאַ קאַפּעלוש אויף דער וועלט? וואו האָט ער איהם אויסגעקראַצט? כלומר'שט אַ צילינדער-הוט, נאָר צעקנייטשט, צעשטעכערט, און הויך, ווי אַ קוימען, און אָהן אַ דעק, מיט אַ לאָך פון אויבען — טאַקי ווי אַ קוימען. אַ פאַבריטשנער קוימען. און חאָטש דער דאָזיגער קוימען איז שוין גוט בעקאַנט אין שטאָדט פון פאַר-אַ-יאָהרען, פון פאַר צוויי יאָהרען און פאַר דריי-יאָהרען שמחת-תורה, פון דעסטוועגען בעגעגענט מען מענדלען מיט דער זעלבער גדולה און התפּעלות, וואָס פאַר-אַ-יאָהרען, פאַר צוויי-יאָהרען און פאַר דריי-יאָהרען, און חברה קונדסים מאַכען איהם די איינגענע אָוואַציעס, וואָס אַלע שמחת-תורה.

— אַ גוט יום-טוב, דייטש! הוררא קוימען! הוררא קאַפּעלוש!

נאָר מענדעל דער בלעכענער ענטפערט זיי נישט. מענדעל האָט נישט צו טאָן מיט קונדייסים, מענדעל איז בעשאַפען געוואָרען אויף צו משמח זיין די גרויסע, די גאַנצע שטאָדט בעדאַרף זיך מיט איהם פרעהען, עס ווערען אַרויסגעטראָגען אַלע טישען מיט אַלע בענקלעך פון שטוב, און מענדעל דער בלעכענער (איצט שוין „מענדעל דער טייטש״) מיט'ן קוימען אויפ'ן קאָפּ, איין האַנד פאַד באָקאָם, אין דער אַנדערער האַנד אַ פלעשעל, טאַנצט אַ „דייטש״ און זינגט אַ דייטשעם לידעל:

„זוּנגען מיר דײַטשען
און האָבען קײן זאָרג.
נישטאָ קײן מזומן —
נעהמען מיר אויף באָרג.
און די איבעריגע חברה הוליאַקעס חאַפּען אונטער:
בים—באָם, בים—באָם
בים—בים—בים—באָם!
און מענדעל זינגט ווײַטער:
זוּנגען מיר דײַטשען —
אײנס צוויי דרײַ פיער.
גיט מען נישט קײן בראָנפען,
טרינקען מיר ביער.
חאַפּט אונטער די חברה הוליאַקעס:
בים—באָם, בים—באָם,
בים—בים—בים—באָם!
און מענדעל זינגט ווײַטער:
זוּנגען מיר דײַטשען,
אונז קען גרױס און קלײן;
ווײַל מען אונז נישט געבען,
נעהמען מיר אַלײן.
בים—באָם, בים—באָם.
בים—בים—בים—באָם!

און אַזוי ווײַטער. פּלוצים שטעלט זיך מענדעל אָב:

— יודען! איך — וואָלט וועלען וויסען, וואָס איז נאָך דאָ בעסערס אויף דער וועלט, ווי אַז מע איז אַ יוד? ניין. איך פרעג נאַר אײן זאַך, וואָס קאָן זײַן בעסער, ווי אַז מע איז אַ יוד?

דער עולם איז מסכים, אַז ס'איז גאָרנישטאָ קײן בעסערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אַז מע איז אַ יוד, און מע ווערט וואָס ווײַטער אַלץ לעבעדיגער און פרעהליכער; די פּיס הויבען זיך אַלײן, און עס גלוסט זיך אַלעמען מיט איהם חאַפּען אַ טענצעל. נעהמט מען זיך מיט איהם פאַר די הענד, און מע מאַכט אַ ראָד, און מע דרעהט זיך, און מע טאַנצט, און מע טופּעט מיט די פּיס, און מע הוליעט, און מע הוליעט.

IV.

משה־יענקעל דער אפיקורס.

שוין א יוד אין די יאהרען, נאר ער האלט זיך יונג, ער האט נאך נישט אפילו איין גרויע האר אין בארד, אזא משפחה ביי זיי, שטארבען — און ווערן נישט גרוי. איין זאך נאר, וואס דאס פנים איז איהם חאטש געקנייטשט. זעהט אויס, ווי א געזייערטער עפעל, ווי א זויערע קיסליצע. אנגעטאן געהט ער א לאנגע קאפאטע, טראגט שיך און זאקען און געהט אום א פערטראכטער אין עולמות.

ער איז א זייגער־מאכער און הייסט משה־יענקעל, נאר רופען רופט מען איהם „דער אפיקורס."

מחמת ער איז א זייגער־מאכער און ווייסט דעם גאנג פון די רעדלעך און פערשטעהט דעם שכל פונ'ם מעכאניזם, פאר וואס עס דרעהט זיך, האט ער א ידיעה אין אזעלכע זאכען, וואס פאר איין אנדערן איז דאס א סוד, און מחמת ער האט צו טאן מיט שקיעת החמה, ווייסט, ווען די זון זעצט זיך און ווען זי געהט אויף, פערשטעהט ער שוין במילא דעם שכל, פאר וואס איז ביי טאג טאג, און ביינאכט — נאכט, און למאי איז זומער — זומער און ווינטער איז — ווינטער, און פאר וואס געהט זומער א רעגען און ווינטער א שניי, און וואס קומט פריהער: דער דונער אדער דער בליץ — און נאך אזעלכע זאכען, קורץ: משה־יענקעל דער זייגער־מאכער שמ'ט פאר א חקרן, א פילאזאף און איין אפיקורס.

נאר לא די, וואס משה־יענקעל איז אליין איין חקרן, א פילאזאף און איין אפיקורס, וואלט ער א בעלן געווען, אז די גאנצע וועלט זאל זיין אויפגעקלעהרטע, פילאזאפען און אפיקורסים. צוליעב דעם האט ער ליעב, אז מע קומט צו איהם מיט א זייגער פעררינכטען, זאל ער זיך אוועקזעצען חקירה'ן, פילאזאפירען און אבלאכען פון א גוט אויג, און פון א חלום, און פון בעגעגענען א גלח, און פון ליידיגע עמער און אבלצ'עווען, להבדיל, פון א גוטען יודען, מאכען חוזק פון די חסידים.

אבלאכען פון א גוטען יודען — דאס איז ביי איהם א גאנצער צימעס. ער קאן אייך ארומקלויבען ארום זיך א גאנץ רעדעל און דער־צעהלען אייך א מאדנע מעשה אהן איין אנהויב און אהן א סוף, און שטעלט אוועק דערביי אזא איין ערנסט פנים, קיין שמייכעל אפילו

ניִשט צו טאָן, אַזוי אַז איהר קאָנט זיכער מײנען, אַז דאָס דערצעהלט אײַך אַ הײסער חסיד אַ מופת פונ'ם רבי'ן.

— פאָהרט ער, הײסט עס, אײן מאָל אין וועג. — אַזוי הויבט אָן נאַג'ן שטיל משה-יענקעל צו דערצעהלען גלײַך פונ'ם מיטען און איהר זענט שוין אַלײן מחויב צו וויסען, ווער איז דער „ער" — פאָהרט ער זיך אַזוי אײן מאָל אין וועג, פרײַטאָג איז דאָס געוועזן פאַר ליכט-בענטשען, פאָהרט ער און פאָהרט, פאָהרט און פאָהרט, פאָהרט און פאָהרט. ווערט דאָך זײ קשה — ביז וואַנען? ס'איז דאָך שוין באַלד שבת? מאַכען זײ צו איהם: וואָס וועט זײַן? ענטפערט ער ניִשט דאָס אַנדערע וואָרט און הײסט פאָהרען ווײַטער. העלפט זיך ניִשט, אַז ער הײסט פאָהרען דאַרף מען פאָהרען, פאָהרט מען און מע פאָהרט, פאָהרט מען און מע פאָהרט, פאָהרט מען און מע פאָהרט. די זון הויבט שוין אָן צו זעצען זיך. אָט-אָט, נאָך אַ שעה, נאָך אַ האַלבע שעה, און עס ווערט נאַכט, ווערט זײ קאַלעמוטנע, הויבען זײ שוין אָן אַביסעל שטאַרקער: גוואַלד, וואָס וועט זײַן דער תכלית? מע וועט דאָך שוין באַלד אָ ניִשט טאָרען! רופט ער זיך אָן: טפררררו! בלײַבט מען שטעהן, שטעהט מען און מע שטעהט, און מע שטעהט און מע שטעהט, און מע שטעהט און מע שטעהט. ווערט זײ נמאס, מאַכען זײ צו איהם: אָט דאָ וועלן מיר האַלטען שבת? זאָגט ער: פאַר וואָס ניִשט? זאָגען זײ: וואָס הײסט? נו און פיש? וואו וועט מען נעהמען פיש אויף שבת? זאָג ער: עס וועט זײַן פיש. זאָגען זײ: פון וואַנען? זאָגט ער: פון טײַך. זאָגען זײ: וואו האָבען מיר אַ טײַך? זאָגט ער: אָט איז דער טײַך. כך הוה, מע הויבט אויף די אויגען — אַ טײַך, אַ ים, אײן אוקינוס! ווערט זײ שוין אַביסעל גרינגער אויפן האַרצען. זאָגען זײ: וואו-זשע נעהמט מען אַ גוי? זאָגט ער: אויף וואָס דאַרפט איהר אַ גוי? זאָגען זײ: ער זאָל אונז חאַפּען פיש. זאָגט ער: און וואו זענט איהר? ווערען זײ מבויש און זאָגען: מיר זאָלען חאָטש האָבען אַ נעץ. זאָגט ער: נאַט אײַך מײַן פאַטשײלע. האָבען זײ פערשטאַנען, וואָס ער מײנט, האָבען זײ גענומען די פאַטשײלע, און זענען אַרײַנגעגאַנגען מיט דער פאַטשײלע אין טײַך אַרײַן און זענען געגאַנגען און געגאַנגען, געגאַנגען און געגאַנגען, געגאַנגען און געגאַנגען — ניִשטאָ קײן סימן פון קײן פיש! דרעהען זײ אוים דעם קאָפּ צו איהם און מאַכען צו איהם: סע שלעכט. זאָגט ער: וואָס איז די שלעכטיגקײט? זאָגען זײ: עס חאַפּט זיך ניִשט. זאָגט ער: עס וועט זיך חאַפּען. און

כּך הוה. ווי נאַר ער האָט אויסגערעדט די דאָזיגע פיער ווערטער, האָבען זיי גלייך דערפיהלט, אַז די פּאַטשיילע ווערט וואָס ווייטער אַלץ שווערער און שווערער, שווערער און שווערער, שווערער און שווערער. איין עק. זיי בלייבען אָהן כחות. ווערט זיי שוין ווידער מאַרקאָטנע אויף דער נשמה. קוקען זיי צו איהם מיט די אויגען, שטויסט ער זיך אָן און זאָגט צו זיי: שלעפּט — ווייטער שלעפּט! און אַז ער זאָגט: שלעפּט—דאַרף מען שלעפּען. האָבען זיי זיך אַ נעהם געגעבען מיט די לעצטע כחות און האָבען גענומען שלעפּען, האָבען זיי געשלעפּט און געשלעפּט, און געשלעפּט און געשלעפּט, און געשלעפּט און געשלעפּט, און געשלעפּט און געשלעפּט...

—אַ, פערשלעפּען זאָל מען איהם! אַז אַ וועלט זאָגט אַפּיקורס, זאָל מען גלויבען, און מע שפּייט אויס און מע טרעט אָב פון דעם אַפּיקורס. נאָר אַ יודישע נשמה קאָן מען נישט שאַצען. דוקא אָט דער אַפּיקורס, אַז עס קומט שמחת-תורה ווערט אויף איהם אַ נייע הויט. עס איז איהם גאָרנישט צו דערקענען. זיין טרינקען האָט קיין שיעור, קיינער פון דער חברה הוליאַקעס וועט זיך נישט אונטערנעהמען אַריינגיסען אין זיך אַזוי פיעל משקה, וויפיעל אָט דער משה-יענקעל, און משה-יענקעל, אַז ער שטעלט אַריין די ערשטע עטליכע כוסות, ווערט ער שכור? הס מלהזכיר! — נאָר פרעהליך. ער ווערט אַליין פרעהליך און מאַכט דעם עולם פרעהליך. אַ גאַנץ יאָהר איין אַפּיקורס, און שמחת-תורה איין ערהרליכער יוד. אַ גאַנץ יאָהר אַ פילאָזאָף, און שמחת-תורה אַ מאַרשעלאָק, און נאָך וואָס פאַר אַ מאַרשעלאָק! עס איז כדאַי אָנצוקוקען משה-יענקלען, ווי ער טאַנצט מיט אַ בעזעם אין האַנד, מיט איין שטיוועל און מיט איין באָרוויס און זינגט אַ ליטוויש ליעדעל:

האָפּ—טשוק, בעריל!
האָפּ—טשוק, שמעריל!
מיט איין באָרוויס און מיט איין זאָק,
מיט׳ן לאַנגען יאַמשענשטאָק,
מיט׳ן ווייסען לייבסערדאָק...

דערביי ציהט אַרויס אונזער אַפּיקורס אַ מורא׳דיג לאַנגען טלית-קטן, און טאַנצט אַזוי גרינג, ווי אַ פעדער, קוים קוים, וואָס ער ריהרט אָן די ערד מיט די פיס, און ער נעהמט זיך אַרום מיט אַלעמען, און ער קושט זיך מיט אַלעמען, מיט חסידים און נישט מיט חסידים, און טענה׳ט מיט טרערען אויף די אויגען:

— בערעכֿענט נאָר, וואָס פאַר אַ גרויסען גאָט מיר האָבען! וואָס פאַר אַ גרויסען גאָט, און וואָס פאַר אַ שטאַרקען גאָט, און וואָס פאַר אַ געוואַלדיגען גאָט, וואָס מע קאָן איהם גאָרנישט משיג זיין מיט'ן שכל! נו, ווי אַזוי זאָלען מיר זיך נישט איבערנעהמען? ווי אַזוי זאָלען מיר זיך נישט פרעהען, נישט טרינקען קיין לחיים?

לחיים, יודען! לחיים!

לשנה הבאה בירושלים!

דער עולם האָט גאָר פערגעסען, אַז משה-יענקעל איז אַ חקרן, אַ פילאָזאָף און איין אַפיקורס, און מע טרינקט מיט איהם לחיים און מע נעהמט זיך מיט איהם ביי די הענד, און מע איז זיך משמח מיט'ן יום-טוב, און מע הוליעט און מע הוליעט.

V.

שעיה דוד בעל-תשובה.

מסתמא איז ער אין די יונגע יאָהרען געווען אַ גרויסער בעל-חטא, אַז ער איז אויף דער עלטער געוואָרען אַ בעל-תשובה.

אַמאָל האָט ער געהייסען איין אַנדער נאָמען: שעיה דוד דער כלי-זמר. ער איז אַ כלי-זמר, דאָס רוב כלי-זמר זענען געהאַפט, זאָגט מען; די פרנסה זייערע איז אַזעלכע. מע האָט צו טאָן מיט מיידלעך און מיט ווייבלעך. און ווען? אויף חתונות, אויף פאַרשפּיעלען און אויף חתן-מאָל'ס. פון פרומקייט איז מען ווייט, פון יודישקייט — אָבגע-ריסען, הײנט די הלבשה זייערע, דאָס אָנטאָן זיך ביי זיי איז אומע-טום און פון תמיד אָן מעשה פראַנט.

פערהאַן מענשען, וואָס געדענקען נאָך שעיה דוד דעם כלי-זמר מיט אַ פּאַטלע האָר אויפן קאָפּ געקרייזעלטע, מיט איין אונטערגעהאַק-טע קאַקאָטע, און אַ שוואַרצע טענדע-ווערענדע האָט ער געטראָגען אויף די אַקסלען, און דאָס בערדעל — אַ סברא — איז געווען אונ-טערגעפוצט.

הײנט האָט ער זיך פערלאָזט באָרד און פאות, אַ קאַפּאָטע טראָגט ער אַ לאַנגע, אַ יודישע, און איז דער איינציגער צווישען די

כּלי-זמר , וואָס לאָזט ניִשט דורך איִן דערפריִה און אויף דערנאָכט דאָס דאַווענען .

נאָר ס'איִז פאַרהאַן אַלערלײַ דאַוונער'ס אויף דער וועלט. שעיה דוד דאַווענט ניִשט, וויִ אַלע מענשען. ערשטענס, שרײַט ער. ער געוואַלדעוועט אַזוי, גלײַך וויִ דער יודיִשער גאָט וואָלט שוין באמת געווען אַזוי אַלט, אַז מע דאַרף צו איִהם שרײַען. הײַנט האָט אָט דער כּלי-זמר אַ טבע זאָגען צוויי מאָל אַ וואָרט און צוויי מאָל אַ שורה, ער האָט מורא, טאָמער האָט ער דורכגעלאָזט. לאָז, זאָגט ער, מײַנס איִבערגעהן: „בּרוך בּרוך, שאמר שאמר, והיה והיה, בּרוך שאמר והיה"... „העולם העולם, בּרוך בּרוך, הוא הוא, בּרוך בּרוך, גוזר גוזר... העולם בּרוך הוא בּרוך גוזר, העולם בּרוך הוא בּרוך גוזר" ; משוגע צו ווערען! די, וואָס זיִצען נעבען איִהם, זאָגען, אַז ס'איִז פון איִהם ניִשט אויסצוהאַלטען, ער פערשרײַט זיי דעם קאָפּ און מיִט זײַן איִבער'חזר'ען צוויי מאָל אַ וואָרט, שלאָגט ער זיי אַראָב, זאָגען זיי, פונ'ם וועג .

וואָס איִז די מעשה, וואָס שעיה איִז מיִט אַמאָל געוואָרען אַזאַ פרומער יוד — ווייס קײנער ניִשט. אַז איִהר וועט איִהם פרעגען, וועט ער אײַך ניִשט ענטפערען. און אַז איִהר וועט פון איִהם לאַכען, וועט ער זיִך מאַכען ניִשט וויִסענדיִג, און בּכלל ווייסט איִהר ניִשט, וואָס מיִט איִהם טוט זיִך . אַ שטיִלער יוד , אַ פערבאָרגענער , אַ בעל-תשובה .

עפּיִס האָט מיִט דעם מענשען בעדאַרפט פּאָרקומען. איִן שטאָדט זאָגט מען, אַז דאָס ווײַב האָט איִהם אַוועקגעוואָרפען, נאָך איִן דער יוגענד . און מיאוס אַוועקגעוואָרפען , אַנטלאָפען מיִט אַ „פּאָמאָצניִק פּריִסטאַוו". געזעסען איִן שכנות, אַ שטיִלער גוי. ליִעב געהאַט אַ יודען, געה ריִכט זיִך, אַז ווען מע וועט איִהם אַריִבערפיִהרען איִן אײַן אַנידער שטאָדט וועט ער איִבעררעדען שעיה דוד דעם כּלי-זמר'ס ווײַב, זי זאָל מיִט איִהם מיִטפאָהרען . וואָלט דאָס חאָטש געווען בײַטאָג , וואָלט זי אפשר שעיה דוד איִבערגערעדט צוריִק, אָדער פערהאַלטען מיִט גוואַלד. האָט זיִך עס אָבער בעדאַרפט טרעפען בײַנאַכט, און ניִשט איִן אַ פּראָסטען טאָג , נאָר איִן אַ פרײַטאָג-צו-נאַכטס, געה פאָהר איִהר נאָך! דער בּזיון איִז געווען געוואַלדיג גרויס, און דער וועהטיִג נאָך גרעסער, זי האָט איִהם איִבערגעלאָזט אַ קיִנד נאָך איִן די וויִקעלעך, אויפ'ן קיִנד האָט די שטאָדט געשמועסט, אַז... נאָר וואָס מע קאָן

ביי אונז אין שטאָדט אויסטראַכטען!... דאָס קינד איז געוואַקסען און אויסגעוואַקסען, אַ מיידעל, און נאָך אַ יפת-תואר דערצו, געראָטען אין דער מאַמע, אינגאַנצען די מאַמע, אַפילו מיט'ן כאַראַקטער... שוין געווען אַ כלה, געהאַט אַ גאַנץ פיינעם חתן, וועט איהר הערען, געהט זי און וואַרפט אַוועק דעם חתן מיט'ן טאַטען און טוט אָב אַ זאַך, וואָס נאָר אַזאַ מיידעל, וואָס האָט אַזאַ מאַמע קאָן אַזעלכעס טאָן. לאַנג דערצעהלען אייך בעדאַרף מען נישט, עס איז שוין איין אַלטע מעשה, די שטאָדט האָט שוין לאַנג פערגעסען, נישט פערגעסען האָט עס נאָר דער פאָטער. ווי קאָן אַ פאָטער פערגעסען איין און איינציג קינד, זי מעג זיין די גרעסטע בעל-עבירה'ניצע, די שענדליכסטע פער-ברעכערין אין דער וועלט. פאָרט אַ קינד!

אמת, שעיה דוד האָט נאָך מיט קיין מענש דערפון נישט גע-רעדט. מיט וועמען וועט ער רעדען, איין עלענדער און אַ פערבאָרגע-נער? און ווער וועט איהם פרעגען אַזאַ זאַך? ווער וועט איהם געהן זאָלצען אויף די וואונדען? און וואָס וועט העלפען דאָס רעדען? אַ גליק, וואָס עס מאַכט זיך אַמאָל אַ חתונה, אַ פאָרשפיעל און אַ חתן-מאָל און מע דאַרף געהן שפיעלען. שפיעלען איז שעיה דוד געגאַנגען אויף דער אַנדערער וואָך נאָכ'ן אומגליק, וואָס זאָל מען טאָן? — פרנסה! נישט געהן שפיעלען — וועט מען איהם אַרויסוואַרפען פון אָרקעסטער. איצט האָט ער שוין פאַר אַרויסוואַרפען קיין מורא נישט. שוין באַלד פופציג יאָהר, אַז אַ מענש שפיעלט. מאָהלט אייך, אַלץ הייסט געשפיעלט. אַמאָל, אין דער יוגענד, קאָן זיין האָט ער אפשר גע-שפיעלט, היינט רימפעלט ער, ער האַלט צו אויף דער צווייטער פי-דעל, אויף דער סעקונדע.

ראַם—טאַם, טאַם—טאַם.

ראַם—טאַם, טאַם—טאַם.

און בשעת רימפלען מאַכט זיך, אַז שעיה דוד הויבט אָן צו דרימלען, בעקומט ער מיט'ן שטעקעלע פון פרץ דעם דיריזשאָר איבער דער נאָז: „רב זייט-זשע מוחל, שטעהט אויף צו סליחות". חברה כלי-זמר האָבען דען זייטען פון שעיה דוד'ן? מע טוט איהם, וואָס מע טוט קיין יורען נישט. מע גנבה'ט אַוועק ביי איהם די קאַנעפאָליע, אַמאָל שמירט מען איהם אָן דעם עמיטשעק מיט פוטער, מע לעגט איהם אַריין אַ קאַץ אין שיידעל, און שעיה דוד זאָל דאָס איבערקעהרען די צונג! אַ שטילער יוד, אַ „פערביסענער" — זאָגען אויף איהם חברה

כלי-זמר און טועֶן איהם צום טויט.

מעהר פון אַלֶע דערקוטשעט איהם „פרץ דער דיריזשאָר“ פאַר זיין פרומקייט. פרץ איז אַ יונגערמאַן אַ שטשאָגעל מיט אַ געל אונטער-געשוירען בערדעל, מיט קליינען אויף די הענד, האלט זיך פאַר אַ גרויסען מוזיקער, „סאָטשינאַעט נאָטען“ און מאַכט בעת דיריזשירען אַזעלכע אָנשטעלען מיט'ן אָרקעסטער, אַז מע קאָן שטאַרבען! ביי פרץ'ן אַרבייט נישט נאָר דאָס שטעקעלע, ביי איהם אַרבייטען די הענד, און דער קאָפּ, און די אויגען, און די ברעמען, און די נאָז, און די פיס, און וואָס איהר ווילט. דאָס שפּיעלען, זאָגט ער, מאַכט איהם נערוועז. נאָר חברה כלי-זמר רופען עס משוגע, און זיין משוגעת לאָזט ער אויס מיינסטענס צו שעיה דוד'ן. איהם לאָזט ער נישט אָב אויף קיין מינוט. „רב זיינט-זשע מוחל“ — קיין אַנדער נאָמען האָט ער נישט ביים „דיריזשאָר“.

— רב זייט-זשע מוחל, פערשפּיליעט די קאַפּאָטע.

— רב זייט-זשע מוחל, בעהאַלט די ציצה.

— רב זייט-זשע מוחל, איהר קאָנט שוין גיהן דאַווענען.

— רב זייט-זשע מוחל, וויפיעל קאַפּיטלעך תהלים האָט איהר שוין היינט אַריינגעשלונגען אויפ'ן ניכטערען האַרצען?

חברה כלי-זמר ווערן צושמאַלצען פונ'ם געלען דיריזשאָר'ס חכמות, און שעיה דוד דער סעקונדניק — שאַ, גלייך ווי נישט איהם מיינט מען. אַ פערטראָגענער מלאך.

וואוינען וואוינט שעיה דוד אין עק שטאָדט, ערגיץ ביי אַ גוי, קאָכט זיך אַליין אָב דאָס עסען אין אַ טעפּעלע, און טוט אַליין אַלם-דינג, וואָס מע דאַרף. זומער קאָנט איהר איהם בעגעגענען געהן פונ'ם מאַרק מיט אַ דיני אָדער מיט אַ רעטעך אונטערן אָרעם. געהט שטילע טריט, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט אַראָב און געקומען אַהיים זעצט ער זיך אוועק אָדער דאַווענען, אָדער זאָגען תהלים שטילערהייד אויף אַ נגון, און צוויי מאָל אַ וואָרט, ווי זיין שטייגער איז: „אשרי אשרי, האיש האיש, אשר אשר, לא לא, הלך הלך... אשרי האיש אשר לא הלך, אשרי האיש אשר לא הלך“ — אַ שטילער בעל-תשובה!

פלוציים וואַקסט אויס אונזער שטילער בעל-תשובה מיט אַ גאַנצען קאָפּ העכער, און פלוציים חאַפּט ער זיך אויף, ווערט מונטער, לעבעדיג און פרעהליך.

דאָס איז אינ'ם טאָג פון שמחת-תורה.

ווער רייסט זיך אריין א פארטינגער, א פערקנאקטער מיט די הול-יאקעם אין שוהל אריין בעת דער עולם איז נאך ניכטער און דאווענט נאך? ווער שלעפט אב דעם חזן פונ'ם עמוד און שטעלט אוועק אויף זיין ארט אליק דעם מעלאניק, אז ער זאל זיך צעבאמקען אויף זיין באסאווע שטימע און חברה הוליאקעס זאלען איהם אונטערהעלפען מיט'ן גאנצען פאראד? ווער שטעלט זיך אוועק ביים ארון קודש אויס-טיילען די פסוקים פון „אתה הראית" צווישען די הוליאקעם?

קיינער נישט, נאר שעיה דוד דער כלי-זמר, אט דער שטילער בעל-תשובה, וואס מע הערט פון איהם קיין הויך ווארט א גאנץ יאהר, איז דאס מיט אמאל געווארען א גאנצער ברעלער, א קאמאנדיר, א רעדעל-פיהרער, ער רופט ארויס מיט א נגון די חברה הוליאקעם איינצינגווייז און איז מכבד יעדען מיט א פסוק פון אתה הראית:

— איז מען מכבד התורני החייט רב אליק מעלאניק מיט'ן ער-שטען פסוק כון אתה הראית!

— איז מען מכבד התורני הסנדלר רב קאפעל בעל-מח מיט'ן צווייטען פסוק פון אתה הראית!

— איז מען מכבד התורני הסאמאווארניק רב מענדעל דער בלעכענער מיט'ן דריטען פסוק פון אתה הראית!

און אזוי ווייטער. מען איז שטארקער פון אייזען, אז מע האלט דאס אויס! נאר מע האט געדולד, מע לאכט און מע קוקט, וואס וועט זיין ווייטער; דער עולם ווייסט שוין פריהער, וואס וועט זיין ווייטער. מע געדענקט דאס פון פאר-א-יאהרען שמחת-תורה; מע ווייסט, אז נאכ'ן אויסטיילען די פסוקים פון אתה הראית, וועט שעיה דוד דער כלי-זמר נעהמען אויסטיילען אויך די הקפות צווישען דער חברה הול-יאקעם, מיט'ן זעלבען נגון און מיט'ן איינענעם סדר, וועמען די ער-שטע און וועמען די צווייטע און וועמען די דריטע הקפה, נאר זיך לאזט ער אויפן סוף און גיט זיך אליין אויך אב כבוד:

— איז מען מכבד התורני הכלי-זמר רב שעיה דוד מיט דער לעצטער הקפה!

און נאכדעם נעהמט מען זיך אלע חברה הוליאקעם פאר די הענד, און מע געהט ארום באלעמער א ראד, און מע זינגט עוזר דלים, און מע טאנצט, און מע פרעהט זיך מיט דער תורה און מעהר פון אלעמען שעיה דוד דער בעל-תשובה. ער האלט צוגעטוליעט די ספר-תורה נאהענט צום הארצען, ווי מע טוליעט צו א קינד א טרייסט.

— פרעהט זיך, יודען, מיט גאט'ס תורה — שרייט שעיה דוד אויסער זיך פון התפעלות. — הוליעט, יודען, הוליעט! הוליעט! קיינער האט נישט אזא תורה.

און מע גרעהט זיך מיט דער תורה, און מע טאנצט מיט איהר, און מע הוליעט און מע הוליעט.

VI.

רַבֵּינוּ יוֹנָה.

או באניו — אין באד אריין!
יודעלעך, פאמיטסא,
שטייסען זיך, פאסטריטסא,
קאסטאטשקי פאפראוויט,
צרות טאם אסטאוויט,
או באניו — אין באד אריין!

אט דאס לידעל קאנט איהר ביי אונז הערען יעדען ערב-שבת און יעדען ערב יום-טוב.

דאס זינגט יונה דער בעדער, א יוד איין אטלעט, א באַרדיגער, א האָריגער, א געלער, מיט געלע געדיכטע ברעמען, מיט זעהר א זיסע שטימע, האלב אויף גוי'עש, האלב אויף יודיש — בכדי יוצא צו זיין לכל הדעות, פאר יודען ווי פאר נישט יודען, ווארום האטש אונזער באד איז א קהל'ישע באד, געבויט פאר יודיש געלד פון יודענס וועגען און ווערט געהייצט אלע ערב-שבת אייגענטליך פון יודענס וועגען, דאך איז אונזער באד אפען פאר אלעמען, אהן א שום אונטער-שייעד און אהן א שום פראצענט-נארמע פאר „פרעמדע״... און בכדי אלע טאקי זאלען וויסען, וואוהין מע רופט זיי, האט יונה דער בעדער אנגעהאנגען אויף א גאנץ הויכען שטעקען א בעזעם — איין עמבלעם אויף אין באד אריין.

דערזעהען דעם בעזעם און דערהערט יונה דעם בעדערס געזאנג, פיהלען יודישע קינדער בעצייטענס דעם טעם און דעם ריח און דעם תענוג פון באד, און עס מאהלט זיך אויס, אז אט ליגען זיי שוין אויף דער אויבערשטער באנק איינגעהילט אין א געדיכטער היץ, מע זעהט

נישט איינס דאָס אַנדערע, און איבער זיי, אין דער הויך, געוועלטיגט יונה מיט׳ן בעזעמעל, פאַרעט זיי, בעזעמט זיי, שמייסט זיי און דרעשט זייערע לייבער און רעדט בעת מעשה איבער זיי העלער האַלב אויף רוסיש, ווי זיין שטייגער איז: „עך, דערזשים, בראַצי, לכבוד שבת באודיעם פאַרא פּאַראוואַט!״...

העלער האַלב אויף רוסיש רעדט יונה דערפאַר, ווייל ער האַלט זיך פאַר איין עלטען פּאַני, פון „טיעף ראַסיעיא״, פון „סימביר״, און ס׳איז טאַקי אַזוי. דאָס הייסט, אייגענטליך, איז יונה דער בעדער, אויב איהר ווילט וויסען, גאָר אַ אונזעריגער, טאַקי פון אונזער שטאָדט. נאָר ס׳איז מיט איהם אַ גאַנצע מעשה, און די דאָזיגע מעשה ווילען מיר אייך איבערגעבען אין קורצע ווערטער.

אמאָל — שוין לאַנג — האָט יונה געהאַט אויף זיך אַ „דיעלע״. וואָס — ווייס מע נישט, נאָר אַ דיעלע. יונה אַליין זאָגט, אַז די דיע-לע איז געווען אַ „פּוסטיאַשנע דיעלע״, אַ פּוסטיאַשנע נישט קיין פּוס-טיאַשנע, מע האָט איהם געבראַכט צום געריכט, אָבגעמשפּ׳ט און פער-שיקט אויף אַ היבש שטיקעל צייט אַהין, וואו מ׳לאָזט נישט אַריין קיין יודען, סיידען מ׳האָט איהם געחאַפּט מיט אַ גנבה, און אַז די צייט איז אַוועקגעגאַנגען און יונה האָט זיך בעדאַרפט אומקעהרען צוריק, האָט איהם אונזער שטאָדט אַפילו נישט אַזוי שטאַרק חשק געהאַט צו צושרייבען און מ׳האָט איהם דאָך צוגעשריבען און „יונה דער סימביר-ניק״ איז געוואָרען צוריק אַנ׳אונזעריגער. האָט ער אָבער אין שטאָדט נישט געטראָפען שוין קיינעם פון זייניגע, מען איז זיך צוקראַכען; דער איז אַרויסגעפאָהרען, דער איז אַוועקגעשטאָרבען. האָט ער זיך אויפגעע-האַלטען די ערשטע צייט אין בית-מדרש. נאָר וואָס קאָן טאָן אין בית-מדרש, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, איין יוד איין עם הארץ, וואָס ווייס נישט קיין צלם פאַר קיין אלף? עס איז נאָר געווען שטאָף פאַר די לצים אויף אָבצולאַכען, ווי אַזוי אַ יוד אַ סימבירניק זאָגט עברי, זעצט ווי אַ באָנדער. און ווי אויף צו להכעיס האָט מסתמא יונה ליעב, ווי אַלע גראָבע יונגען, דאַווענען דוקא הויך אויף אַ קול, בכדי די גאַנ-צע וועלט זאָל וויסען, אַז ער קאָן נישט קיין שטיקעל עברי. אַט דע-מאָלט האָט דאָס איהם חברה געקרוינט מיט׳ן נאָמען „רבינו יונה״, וואָס איז פאַר איהם ווי אָנגעמאָסטען.

— נו, רבינו יונה! זעצט זיך אַקאָרשט, זייט מוחל, אַוועק אָט דאָ ביים אויווען און דערצעהלט אונז עפּיס פון די ווייטע מדינות פון

סימביר... יונגע לײַט, דרך ארץ! — צערוקט אײַך, קוועטשט אײַך, מאַכט אײַן אָרט פאַר רבינו יונה'ן!...

און „רבינו יונה" זעצט זיך אַוועק און חברה אַרום איהם, און ער דערצעהלט זײַ מעשות פון די ווײַטע מדינות, פון די קעלטען, וואָס דאָרטען, און פון דער אַרבײַט, וואָס מע אַרבײַט, און פונ'ם עסען, וואָס מע עסט, און פונם שלאָגען, וואָס מע שלאָגט. אין די מעשות איז דאָ אַ טײַל אמת און אַ טײַל צוגעשמאָלצען פון יונה'ס פאַנטאַזיע, נאָר זײַ הערען זיך מיט אינטערעס און מיט פערגניגען, וואָרום „רבינו יונה" האָט אין זיך אַ כח — ער קאָן דערצעהלען, עס געהט בײַ איהם גלאַט, נישט צו דערקענען, וואו לאָזען זיך אויס פאַקטען און וואו הויבען זיך פאַנטאַזיעס... גאַנצע נעכט וואָלט מען, דאַכט זיך, אַזוי געזעסען און אויסגעהערט זײַנע שענע מעשות, איז אָבער דער חסרון, וואָס עס עסט זיך צו. קרעפלעך עסען, זאָגט מען, קאָן אויך נמאס ווערן. וואָס ווײַטער, איז געוואָרען ווינציגער בעלנים אויף רבינו יונה'ס מעשיות, און רבינו יונה איז געוואָרען אויס מיוחס, און דער שמש, אונזער אַלטער בעקאַנטער „געצי גובערנאַטאָר", וואָס האָט שוין לאַנג געקוקט קרום אויפן „סימבירניק", חאָטש ער אַלײַן האָט אויך נישט פײַנט געהאַט הערען זײַנע מעשות, האָט געוואָרפען אויף איהם אײַן אום-חן און האָט געזאָגט אײַן מאָל פאַר אַלע מאָל: אַ מקום קדוש איז נישט קײַן הקדש. ווײַל אַ יוד שלאָפען, זאָל ער שלאָפען אין דרויסען, זאָל ער גאָרנישט שלאָפען, אַבי נישט בײַ איהם אין שוהל...

אַ שווער שטיקעל צײַט איז אײַנגעטראָטען פאַר אונזער „רבינו יונה", אַ ביטערע צײַט. וואָלט ער געווען אַ יוד, וואָס קאָן לערנען, אָדער וואָלט ער געהאַט עפּים אַ מלאכה אין דער האַנד, אָדער ווענינגסטענס וואָלט ער חאָטש געווען אַ קראַנקער, אַ בעל-מום, אַ קאַליקע צו אַלדע שוואַרצע יאָהר, ווי אַ שטײַגער „זיסעל דער יורד", וואָלט זיך שוין געפונען אַ יוד, ווי, למשל, רב „רפאל בעל-משגיח", וואָס וואָלט זיך פאַר איהם געזאָרגט, ווי ער זאָרגט פאַר אַנדערע אָרימע לײַט. איז ער אָבער אויף צו להכעיס גלאַט און געזונד און שטאַרק, נישט ווי אײַן גוי, נאָר ווי צעהן גוים, און געהן בעטלען קאָן ער נישט, חאָטש האַקט איהם אָב דעם קאָפּ!

ליגענדיג אין דרויסען בײַם בית-מדרש מיט אַ קולאַק צוקאָפּענס, האָט אונזער „רבינו יונה", וואָס האָט זיך נישט אויף קאַטאָוועס פערבענקט נאָך „יענער ווײַטער מדינה", ווי אַ קלײַן קינד נאָך אַ מאַמע,

נישט איין מאָל געזעהען אין חלום דאָס ברייטע, דאָס פריייע, דאָס קאַלטע לאַנד פון טאַיגעס און שנייען, און ער האָט זיך פערשאָלטען דאָס געביין — „וועלכער רוח האָט איהם געבראַכט צוטראַגען אַהער, אויף זיין „ראַדינאַ״, אין אַזא העק, אַ לאַך, וואו יודען ליגען איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי די הערינג אין אַ פעסעל, אויף דערשטיקט צו ווערען ?!״...

דער גוטער רבונו של עולם אָבער פערלאָזט נישט קיינעם. געקומען אַ צייט אויך אויפן אָרימען עלענדען „רבינו יונה״. איהם האָט געטראָפען אַ גליק, וואָס נישט ער, נישט קיינער האָט זיך דערויף געריכט: רב אהרן, דער אַלטער בעדער, זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן-עדן (געווען אַן׳עהרליכער יוד), איז אוועקגעגאַנגען, און ס׳איז געבליבען אין שטאָדט אַ פרייע וואקאַנס אויף בעדער. דאַרף מען דען האָבען נאָך אַ בעסערן פערטרעטער, ווי „רבינו יונה״? ס׳איז געווען טאַקי נאָר מן השמים.

— לע ראָא ע מאָר — וויוו לע ראָא — אַזוי זאָגט דער פראַנצויז. דער טייטש איז: דער קעניג איז געשטאָרבען — לעבען זאָל דער קעניג; איין מלך אַראָב, דער אַנדערער אַרויף, — אָט אַזוי פיהרט זיך עס אויף גאָטס וועלטעל.

ווי וויים הויך „רבינו יונה״ האַלט די פאָהן פון בעדערייַ — דאָס האָבען מיר געזעהען אינ׳ם אָנהויב פון דער דאָזיגער ערצעהלונג פון זיין זינגען און פון זיין רופען דעם עולם „אובאַניו! — אין באָד אַריין״. נישט דאָס איז אָבער ביי אונז דער עיקר. די הויפטזאַך איז, וואָס אָט דער „רבינו יונה״ איז איינער פון די סאַמע פרעהליכע און סאַמע טיכטיגע אין אונזער בעריהמטער „חברה הוליאַקעס״. ווער עס האָט נישט אָנגעקוקט, ווי אַזוי „רבינו יונה״ הוליעט שמחת-תורה, דער האָט קיין שענם נישט געזעהען. אַ יוד, וואָס איז אַליין געווען אַ „פערשיקטער אויף סימביר״, אַליין „געאַרבייט טאַטשקע״, געטאָן כל עבודת פרך, אויסגעוועזען זיין צייט און געקומען בשלום צוריק „נאַ ראַדינו״, אין זיין שטאָדט אַריין, צווישען זיינע יודען, זאָל ער נישט זיין פרעהליך? זאָל ער נישט אַרומהאָפּען אַלעמען קושען זיך, האַלזיען זיך — „עך, בראַטיקי ראַדניע, גיסט מיר אָן אַ גלעזעל וויין!״

אַ יוד, וואָס איז אויסגעשטאַנען אַזוי פיעל אין זיין לעבען, וואָס איז שוין געווען, ווי יונה זאָגט אויף זיך, „נאַ קאָניע און פיד קאָניאָם״, זאָל ער נישט אויסרעדען אַלעמען דאָס האַרץ ביי אַזא שלעכטער צייט,

זיך אויסלאַכען פון אַלע היינטיגע צרות, יסורים און גלות?

— עך, בראַטצי! — טענה'ט זיך אוים „רבינו יונה" אויף זיין געמישטער שפראַך, צרות — ניע ביעדאַ! גזירות — פוסטיאַקי! גלות — נאַפלעוואַט! יודען זענען מיר געווען — און יודען וועלן מיר בלייבען... אַ פּאַטאַמו לחיים אין דאַוואַיטיע לכבוד שמחת-תורה אַ פרעהליכעם!

אמת, „רבינו יונה" איז נישט מעהר טאַקי ווי אַ בעדער און נאָך אַ „סימבירניק" דערצו. אָבער אַ יוד איז ער דאָך! אַ יוד גלייך מיט אַלע יודען, טשאַרט פּאַבעריִ! איז דען זייער יום-טוב נישט זיין יום-טוב? איז דען זייער שמחה נישט זיין שמחה? איז דען זייער תורה נישט זיין תורה?

„ראַדוויסיאַ איזראַיעל,
סעוואָדניאַ שמחת-תורה!"

אַזוי זינגט „רבינו יונה" דער בעדער אויף זיין העלסטער אָקטאַווע, מיט'ן קנאַק און מיט'ן קוויטש, אויפן עלט פּאָנישען שטיינער, און אַנו, לאָז עמיצער פון דער חברה הוליאַקעס אָדער פונ'ם איבעריגען עולם נישט וועלן מיטטאַנצען מיט איהם אָט דעם פּאָנישען שמחת-תורה'דיגען נגון! ניין, ווער וועט זיך דען איינשטעלען אַוועלכעס צו טאָן? סיידען אַוועלכער, וואָס וויל פערזוכען „רבינו יונה'ס" האַריגע האַנד, וואָס וועט איהם אַ נעהם טאָן מיט גוואַלד, ער זאָל געהן אין קאָן אַריין. שוין גלייכער מיט גוטען, און אַלע געהען מיט איהם דעם דאָזיגען פרעהליכען רוסישען טאַנץ. אַלע זינגען, אַלע פּליעסקען, אַלע טאַנצען, אַלע זענען זיך משמח מיט'ן יום-טוב, און מעהר פון אַלעמען און העכער פון אַלעמען הערט זיך „רבינו יונה'ס" קול, האַלב אויף רוסיש, האַלב אויף יודיש:

ראַדוויסיאַ איזראַיעל,
סעוואָדניאַ שמחת-תורה
דאַזשע איוו סיביריִ —
פאַר וועמען האָב איך מורא?!...

און עס גיסט זיך בראָנפען אַזוי ווי וואַסער, און יודען טרינקען, יודען שכור'ען, יודען הוליען אָהן איין עק.

גענז.

גענז.

(מאָנאָלאָג)

פון אַ יודינע וואָס הייסט בתיה, קוילעט גענז חנוכה און פרעגעלט שמאַלץ אויף פסח.

פאַר אַיאָהרען חנוכה האָב איך נישט פאַר אייך געדאַכט נישט פאַר מיר געדאַכט נישט פאַר קיין שום יודען געדאַכט געהאַט איין אומגליק מיט אַ גליק אין־איינעם, איהר מעגט דאָס האָרכען; אַזאַ מעשה טרעפט זיך איין מאָל אין טויזענד יאָהר! איך האַנדעל מיט גענז האַנדעל איך און מיט פסח'יגער שמאַלץ שוין עטליכע און צוואַנציג יאָהר, — האָט זיך מיר, הערט איהר אַזאַ מעשה נאָך נישט געטראָפען.

איך האַנדעל מיט גענז! איהר מיינט אַט אַזוי נעמט מען דאָס, און מע האַנדעלט? ראשית חכמה הויבט זיך אָן אַזוי: קומט אָסען־צייט, פרום נאָך סוכות, הויבט מען אָן איינקויפען גענז און פערוואַרפען די גענז אויפ'ן ווינטער אין שטייג אַריין, און האָדעווען די גענז, און אַכטונג געבען אויף די גענז, און קומט חנוכה, הויבט מען אָן די גענז קוילען און מאַכען פון גענז געלד. נאָר איהר מיינט אַז אַט אַזוי גרינג קויפט מען גענז, און מע פערוואַרפט גענז און מע קוילעט גענז, און מע מאַכט פון גענז געלד? ערשטענס דאָס קויפען גענז. קויפען גענז דאַרף מען האָבען מיט וואָס. קיין לאַגער־געלד, קיין קאַפּיטאַ'ען איינענע, הייסט עס, איז דאָך נישטאָ, מוז מען לייהען, אָנקומען צו רב אַלטערן, און רב אַלטערן קענט איהר דאָך, ס'איז אַ יוד, וואָס האָט ליעב אויסקאָכען די וואַסער, דאָס הייסט אָבזאָגען זאָגט ער נישט אָב, נאָר ער הייסט קומען מאָרגען, מאָרגען — איבערמאָרגען, נעמט אַרויס די נשמה, און ערשט נאָך דעם הויבט ער אָן ציהען די קליי: שלעפען פראָצענט, צורעכענען טעג. ס'איז אַ גוטער רב

אלטער! נישט אומזיסט האט ער אזעלכע פיסקעס, און זי, אלטעריכע, מיין איך, האט א פנים אויף אלע מיינע ליעבע, און א פאר באקען חאטש א מעסער אנצושארפען. הייגט איהרע פעריל! אט האט זי ערשט נישט לאנג פערקנסט דאס טעכטער'ל, איך זאל דאס פערמאגען מיט אייך אין-איינעם, הערט איהר, א דריט חלק, רבונו של עולם, וואס דאס קנס-מאל האט אבגעקאסט, וואלט איך פערשפארט האנדלען מיט גענז... חאטש א חתן האט ער גענומען שטראף מיך גאט אויב איך וואלט אזעלכעס פאר מיינע זינד געגעבען מיין טאכטער, אז בסך הכל האט ער גאר א פליך, איהר רופט עס פליך, איך רוף עס פארך, נאר ס'איז נישט מיין באבעס דאגה. איך רעד נישט חלילה קיין שלעכטס, און פון לשון הרע אויך ווייט... נאר איך מיש אייך איינס מיט'ן אנדערן, האט קיין פאראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אזא טבע, ווי זאגט איהר: א יודינע האט אין זיך גיין מאס רעד...

איינקויפען גענז! וואו קויפט מען גענז? אויפ'ן מארק מיינט איהר דאך מן הסתם? אודאי! יא! מיר זאלען דארפען אלע גענז צונויפקויפען אויפ'ן מארק וואלטען מיר געגאנגען אין גאלד! אז איהר ווילט קויפען גענז אויף מסחר בעדארפט איהר זיך מטריח זיין אויפשטעהן כאור, דעמאלס ווען גאט אליין שלאפט נאך, און ארויסגעהן העט-ווייט אונטערן שטאדט אויף יענער זייט מיהלען; געפינט זיך אבער נאך איינע אזא קלוגעטשקע ווי איהר און קומט ארויס נאך פריהער פון אייך אויף יענער זייט מיהלען; געפינט זיך נאך א קלוגערע פון יענער אויך און קומט ארויס נאך פריהער, און נאך פריהער — וואס טויג אייך סע ווערד א גאנצער יריד, און דארטען שטעהט מען און מע ווארט און מע לאקערט, טאמער וועט גאט רחמנות האבען א גוי וועט ארויסברענגען א פאר גענזלעך. בעפאלט מען איהם מיט די גענזלעך פון אלע זייטען: שא טאבי טשולאוויטשע זא גוסקי? — וואס ווילסט דו הייסט עס פאר'ן גענזעל? איז אויב ס'איז א גוי א סוחר און לאזט זיך רעדען, קאנט איהר זיך מיט איהם חאטש דינגען! און אז גאט העלפט, טרעפט איהר אן אויף מאנקאליניק, וואס לאזט נישט צו חאטש גיב איהם א קרענק: „העט בא! שרייט ער — געה אוועק! נעבא או מענע גוסקי — איך האב נישט הייסט עס קיין גענזעל!" — און געה טהו איהם עפיס! טענה'ט איהר דאך צו איהם: היתכן שאזש טי חאטשעס א סיפע דיר אין פנים אי נעחיי טובי באזשע דאיע קרענק אין די ביינער אי דאברע קדחת! און ער אין איין קול: „העט נע פראדאיו גוסקי — איך פערקויף נישט הייסט עס קיין גענז!" און אז גאט האט רחמנות געהאט דער גוי האט ארויסגעלאזט דאס גענזעל פון דער האנד, בעדארף מען דאס

געניזעל ערשט בעטראַכטען, און בעטראַכטען געגז בעדאַרף מען קענען, ס'איז אַ סברא הערט איהר אַז אויף גענז בעדאַרף מען זיין אַ מבין ווי להבדיל אויף בריליאַנטען. ביי אייך למשל קומט אויס אַז אַלע גענז זענען גלייך. דאָס ווייסט איהר אַז ס'איז פאַרהאַן גענז און ס'איז פאַרהאַן גאָנערם? אַ גאַנז איז נישט קיין גאָנער; אַ גאַנז איז אַ גאַנז און אַ גאָנער איז אַ גאָנער; אַ גאַנז נעמט אויף זיך שמאַלץ און אַ גאָנער מכות. אַי ווי אַזוי ווייסט מען וועלכעס איז אַ גאַנז און וועלכעס איז אַ גאָנער? מע ווייסט שוין! ערשטענס נאָכ'ן טשובעקל, אַ גאָנער טראָגט אַ טשובעקל אויפ'ן קעפעל און האָט אַ לאַנגען האַלז; הײַנט דערקענט מען אַ גאָנער נאָכ'ן קול, ער האָט אַ גראָב קול ווי ביי מאַנסביל. און אַז ער געהט געהט ער תמיד פריהער פאַר די גענז, אויך ווי אַ מאַנסביל, ווי להבדיל אַ מענש. ביי אונז אַ מאַנסביל ער מעג זיין דער גרעסטער שלים-מזל, אַבי אַ מאַנסביל, געהט ער אויף צו פריהער, ווי איינער רעדט: דאָס בין איך!... וואָס דאַרפט איהר מעהר? אָט נעמט מיין מאַן, דאַכט זיך מע דאַרף שוין נישט קיין גרעסערן שלים-מזל ווי מיין נחמן בער, וואָס האָט נישט געפּרובט פערדינען זינט איך קען איהם פאַר אַ מאַן קיין צוויי צעבראָכענע גראָשען! דער גאַנצער יחוס באשר בכן וואָס איז? ער קאָן לערנען און וואָס ער איז יאָסקע דעם נגיד'ס אַ ווייטער קרוב, ווי זאָגט איהר דעם פערדס בייטש שטעקעלס פאָר-קאָווע... פרעגט מיך וואָס האָב איך פונ'ם נגיד דעם קרוב? די שונאים זאָלען דאָס פערמאָגען אויף איין אָנבייסען! עגמת נפש, האָב איך, צרות מיט בזיונות נאָך, וואָס מע וואַרפט מיר אויס אַז מיין קרובה, מיין קרוב'ס שנור הייסט עס, געהט מיט די אייגענע האָר... און ס'איז דוקא נישט קיין ליגען, זי איז אַ רעכטע טשאַטשקע! איך רעד נישט אויף איהר חלילה קיין שלעכטס, פון לשון הרע בין איך ווייט... נאָר איך מיש אייך איינם מיט'ן אַנדערן, האָט קיין פאַראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ יודינע האָט אין זיך ניין מאָס רעד.

איינקויפען גענז... איינגעקויפט די גענז בעדאַרף מען הייסט עס די גענז פערוואַרפען אויפ'ן ווינטער אין שטייג אַריין. נאָר איהר מיינט אַז פערוואַרפען גענז איז שוין גאָר אַ גרינגע זאַך? האָט איהר אויך אַ טעות! גוט איז צו פערוואַרפען גענז אַז איך האָב מיר מיין דירה מיט מיין קאַמער און איך בין מיר ווי זאָגט איהר איינע אויפ'ן יריד. ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז איך בין געזעסען נישט הײַנט געדאַכט נישט פאַר אייך געדאַכט נישט פאַר קיין שום יודען געדאַכט אין שכנות ביי יענטען, קיין בעזונדער קעמער'ל האָב איך נישט געהאַט און די בעל-הבית'טע מיינע אַליין יענטע

הײסט עס האָט אויך אונטערגעהאַנדעלט מיט גענז און מיט פּסחיגער שמאַלץ, אַ נו, פּרובט אַ שטײגער האָבען מיט יענטען גענז אין אײן קאַמער און נישט פּאַטשען זיך מיט איהר דרײַ מאָל אַ טאָג. האָט איהר אײך אײן=מאָל אַוועק. הײַנט פּרובט זײַט אַ חכם און דערקענט וועלכע גענז ס'איז אײַערע גענז און וועלכע גענז ס'איז איהרע גענז? אַנומעלט אַז איך בין נישט הײַנט געדאַכט נישט פאַר אײך געדאַכט נישט פאַר קײן שום יודען געדאַכט געזעסען מיט איהר אין שכנות האָט זיך בײַ איהר, בײַ יענטען הײסט עס, אויפגעריסען די שטײַג אין קעמערל און עס זענען אַרױס זאָל זיך אײך דאַכטען אַלע גענז און האָבען זיך צוגעחאַפּט צו מײַן קאָרעטע מיט האָבער, איז ווער האָט געהאַט היזק? ווער האָט בעדאַרפט שרײַען? איך צי זי? געהט זי נישט און פאַלט נישט אָן אויף מיר? זי זאָל געוועזען, זאָגט זי, וויסען אַז איך האַנדעל מיט גענז, וואָלט זי מיר, זאָגט זי, נישט פערדונגען די דירה פאַר קײן הונדערט מיליאָן רענדלעך! זאָג איך צו איהר: מיט וואָס דען האָט איהר געמײנט האַנדעל איך? מיט ברילױאַנטען? זאָגט זי צו מיר: איהר זענט אַלײן אַ גוטער ברילױאַנט און האָט אַ מאַן אַ ברילױאַנט און קינדער ברילױאַנטען! זאָל איך איהר שווײַגען?...

אַ מאָדנע יודינע אָט די יענטע! אַזוי וועט זי אײך אַוועקגעבען דאָס לעבען מיט דער נשמה; טאָמער זענט איהר חלילה קראַנק, וועט זי זיך מפקיר זײַן פון אײערטוועגען, נאָר אַ „שפּילשלױוואַ" איז זי — מע זאָל בעהיט און בעוואָרענט ווערען! אָט האָבען מיר זיך אײן מאָל, ערב־חנוכה איז דאָס געוועזען, איך זאָל אײך דערצעהלען וואָלט איהר אויף זיך די האָר געריסען. דער חסרון וואָס איך קוק נישט אַרײַן אין יענעמס טעפּלעך און רעד נישט חלילה קײן שלעכטס און פון לשון הרע בין איך ווײַט... נאָר איך מיש אײך אײנם מיט'ן אַנדערן, האָט קײן פאַראיבעל נישט, ס'איז בײַ מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ יודינע האָט אין זיך נײַן מאָס רעד...

איצטער געהט אַ סדרה: פערוואַרפען גענז... אַז איהר ווילט די גענז זאָלען אײך געראָטען זאָלט איהר פערוואַרפען די גענז אינ'ם אַ ל ט ע ן חודש; גאָט זאָל אײך היטען איהר זאָלט זיך צוריהרען צו גענז אין אָנהויב חודש, תיכף נאָכ'ן מולד; ס'איז אײן אומגליק, די גענז וועלען אײך נישט געראָטען: די גענז וועלען זײַן גראָב אויפ'ן בײן, און דין אויף דער הויט, און אויף פלאָסטערן זאָלט איהר זיך פון די גענז גאָר נישט ריכטען! פלאָסטערן פערגעסט? אויך בײַ טאָג, ווען איטליכער דרעהט זיך אַרום, זאָלט איהר קײן גענז נישט פערוואַרפען. גלײַכער פאַר נאַכט בײַ

א ליכט אָדער אפילו אין דער פינסטער, נאָר בשעת מעשה זאָלט איהר זיך געבען א קניפּ און זאָגען שטילערהייד דריי מאָל: „אזוי ווי איך בין אויפ׳ן לייב אזוי זאָלסט דו זיין אויפ׳ן לייב...״ מיין מאַן לאַכט אפילו פון מיר און זאָגט אז ס׳איז ווערט א שמעק טאַבעקע, נאָר איך זאָל וועלען צוהערען אלסדינג וואָס ער זאָגט, וואָלט איך געוועזן ליטען גלייך. למאי ער פערגינט זיך זאָגען, דער מאַן מיינער — ער איז א גאַנצער למדן, זיצט טאָג ווי נאַכט און קוקט אין די ספרים — אז כפרות שלאָגען איז א נאַרישער מנהג. ווי געפעלט אייך א שטייגער? מאָלט אייך ער האָט זיך פון מיר נישט גענאַרט פאַר אזעלכע ווערטער! ביסט דאָס אליין טאַקי דערגאַנגען, זאָג איך, מיט דיין אייגענעם שכל?... זאָגט ער: סע שטעהט אזוי געשריבען אין די ספרים. קומט אוים, זאָג איך, אז איך און די מאַמע מיינע, און די מוהמע דבורה, און נחמה בריינע, און סאָסע, און דוואָסע, און צביה און צפורה און אלע, זענען בהמות? שווייגט ער, דער חכם, און ס׳איז זיין גליק, וואָרום איך קאָן איהם הערט איהר, אָבשפּיעלען א פּריה־מאָרגען, ער זאָל מיך געדענקען דריי טעג כסדר! איהר מיינט איך בין חלילה אזא ארורה, איין אָנחאַפּערן? גלויבט מיר איך ווייס גאַנץ גוט וואָס הייסט א בן־תורה, א יוד וואָס זיצט און לערנט, חאָטש ער טהוט נישט קיין האַנד אין קאַלט וואַסער, איהר מיינט ער פוילט זיך? ער וואָלט נעבעך געטהון אלסדינג ס׳זאָל נאָר זיין וואָס... זיצט ער און לערנט, לאָז ער לערנען, וואָס דאַרף איך זיין האָרעוואַניע, אז איך קאָן אליין בעשטעהן דאָס שטעדטעל מיינס, אז איך קאָן אליין אויסקומען ווי ס׳נישט איז מיט דער הוצאה אין שטוב. חלילה נישט אָנקומען צו יענעם. אליין, אומעדום אליין, אין מאַרק און אין שטוב און אוועקגעשטעלט זיך ביי׳ם אויוועז, צוגעשטעלט דאָס טעפּעל קאַרטאָפלעס און די קינדער אָנגעטהון און אָבגעשיקט אין חדר, דאָס איז ביי מיר דער עיקר! ברויט זעהט איהר, מאַכט זיך פעהלט אמאָל, חלה אויף שבת טרעפט אז ס׳איז נישטאָ, נאָר פאַר די קינדער שכר־למוד — פיער זכרים האָב איך זאָלען געזונד זיין א חוץ מיידלעך — דאָס מוז זיין, עס מעגען פאַלען שטיינער פונ׳ם הימעל! איך בין נישט גלייך צו די היינטיגע וואָס די קינדער זייערע שטופען זיי אין די קלאַסען, ווי למשל אונזער חזנ׳ס יונג בערעל, א פאָלנע גוי מיט קעלבאַס. חאַפּט איהם דער רוח, איך בין נישט גאָטס סטראַפּטשע, איך רעד נישט חלילה קיין שלעכטס און פון לשון הרע בין איך וויַט... נאָר איך מיש אייך איינס מיט׳ן אנדערן, האָט קיין פאַראיבעל נישט, ס׳איז ביי מיר אזא טבע, ווי זאָגט איהר: א יודינע האָט אין זיך ניין מאָס רעד...

פערוואָרפען די גענז בעדאַרף מען נאָר זעהן די גענז זאָלען האָבען האַדיוולע, דאָס עסען צו דער צייט און דאָס טרינקען צו דער צייט. און וויטער גאָרנישט, וואָרום גענז איז נישט קיין קאַטשקעס און נישט קיין עופות. קאַטשקעס האָבען מורא פאַר אַ טחויר, און עופות פאַר פּאָקען און גענז בעדאַרפען נאָר עסען. און עסען עסען גענז אַלסדינג: גענז עסען האָבער, גענז עסען פּראָסע, גענז עסען קאַשע, גענז עסען איך בעט איבער אייער כבוד נאָך ערגערס... אַ גאַנז קלויבט נישט איבער, אַ גאַנז שלינגט אַלסדינג, אַ גאַנז איז תמיד הונגעריג, ווי ביי איין אָרעמאַן קינדער להבדיל. ביי איין אָרעמאַן קינדער עסען קיין עין הרע געשמאַק אַלסדינג וואָס מע גיט זיי און זענען קיין מאָל נישט זאַט. איך ווייס עס פון זיך זעלבער. לאָזען זיי זיין געזונד, די קינדער מיינע, אַז זיי קומען פון'ם חדר, קיין עין-הרע נישט, קיין בעז אויג זאָל זיי נישט שאַדען — איידער מע קוקט זיך אַרום שטאַרבט אַ ברויט, און פון אַ טאָפּ קאַרטאָפלעס בלייבט נישט איבער איהר זאָלט זאָגען אויף אַ רפואה! און קומט שבת מוז מען זיי אויסטיילען חלה ווי לעקאַך, און דאָס איבריגע פערשליסען, וואָרום עס וועט נישט בלייבען אויף מאָרגען קיין זכר אַפילו! קינדער הערט איהר, איז אַ וואהלע זאַך און אַ ליבע זאַך. עס וואָלט מיר נישט נמאס געוואָרען און נישט שווער געוועזען קיין צעהן קינדער פּופצעהן קינדער פינף און זיבעציג אויסצוהאַלטען, איין חסרון נאָר אָט דער פּיסק! נגידים בעדאַרפען זיך פיהלען איך ווייס אַליין נישט ווי גליקליך, אַז זיי ווייסען וואהל, אַז זייערע קינדער לעגען זיך שלאָפען זאַט און עס חלומט זיך זיי נישט קיין ביטלערס, זיי חאַפּען זיך נישט אויף ביי נאַכט מיט אַ געוויין: „מאַמע ע-ע-ע-סען!....". הערט איהר, דאָס האַרץ טהוט וועה, ווערד אָקערשט נישט צעשפּרונגען און מע מוז נאָך מאָלט אייך אָנשרייען אויף זיי: „שלאָפען! ממזרים! וואָס פאַר עסען אין מיט'ן ביי נאַכט? שלאָפען, שלאָפען!..." פון דעסטוועגען זאָלט איהר זעהן די נגידים, ווי סע האַפּט זיי אַוועק דער רוח, טאָמער ווערד ביי זיי געבוירען חלילה איין איבריג קינד! אַי — אַי — אַי! אָט איז ביי אונז נישט לאַנג אַוועקגעגאַנגען איינע אַ נגידית'טע, אַ ווייבעל בלוט און מילך, און אַ גוטע זעעל אַ צדיקת, ביי'צע האָט מען זי גערופען, אַ שעהנע אַ געזונדטע אַ שטאַרקע, מיינט איהר איבער וואָס? ס'איז נישט כדאי צו דערצעהלען, זי איז שוין אויף דער אמת'ער וועלט, לאָז זי האָבען אַ ליכטיגען גן-עדן, איך רעד נישט חלילה קיין שלעכטס אויף קיינעם און פון לשון-הרע בין איך ווייט... נאָר איך מיש אייך איינס מיט'ן אַנדערן, האָט קיין פאַראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ יודינע האָט אין זיך ניין מאָס רעד...

אוי, אַ פרנסה גענז!... דאָס הייסט גענז איז אַ פרנסה אַפילו נישט קיין שלעכטע און אַז גאָט גיט אַריין אין די גענז די ברכה, קאָן מען אין די גענז פערדינען אַ שעהן קערבעל, נאָר וואָס דען? דאָס טרעפט זיך איין מאָל אין צעהן יאָהר. גיכער קען זיך מאַכען מע זאָל ביי די גענז נישט פערדינען גאָר נישט; מע זאָל נאָך דערלעגען! הײַנט די האָרעוואַניע וואָס אַרום די גענז איז אַזאַ גרויסע האָרעוואַניע אַז ס'איז חלעבען נישט כדאי דער גאַנצער טאַראַראַם! אַי איז דאָך די קשיא: ווי באַלד אַז ביי די גענז איז קיין פערדינסט נישטאָ הײַנט צו וואָס בעדאַרף מען האַנדלען מיט גענז? איז דער תירוץ: וואָס דען וועט מען טהון, אַז איך האַנדעל שוין אַזוי פיעל יאָהרען מיט גענז!... בערעכענט נאָר. אויסבינדען עטליכע און דרײַסיג פאָר גענז! אַוועקטראָגען צום שוחט עטליכע און דרײַסיג פאָר גענז! ברענגען עטליכע און דרײַסיג פאָר גענז! אָבפליקען עטליכע און דרײַסיג פאָר גענז! מאַכען, זאַלצען, אויסווייקען, אָבגיסען עטליכע און דרײַסיג פאָר גענז! — די הויטען בעזונדער, די פלאָסטערן בעזונדער, די דרויבלעך בעזונדער, די אָבדירקעס בעזונדער, פון אַלסדינג מאַכען געלד, נישט לאָזען געהן לאבוד קיין פיצעל נישט — און אַלסדינג אַליין! קודם כל אויספרעגלען די הויטען מיט די פלאָסטערן, מאַכען פון זיי שמאַלץ. איך מאַך תמיד אַלע יאָהר פסחיגע שמאַלץ, וואָרום מיין פסחיגע שמאַלץ האָט אַ שם אין שטאָדט פאַר דער בעסטער כשר'סטער שמאַלץ. איך, אַז איך פרעגל פסח'יגע שמאַלץ ווערד ביי מיר אין מיטען חנוכה פסחיג אין שטוב. דעם אויוועז כשר איך אוים. דעם מאַן שיק איך אָב אין בית המדרש אַרײַן לאָז ער לערנען, די קינדער טרײַב איך אַרוים לאָזען זיי געהן ערגיץ שפּיעלען אין דריידעל, און אַליין נעם איך זיך צו דער אַרבייט — פרעגלען שמאַלץ. און שמאַלץ האָט פײַנד אַנ'איבריג אויג, ובפרט פסח'יגע שמאַלץ! איך האָב אַמאָל געהאַט אַ פסק אַז איך בין נישט הײַנט געדאַכט נישט פאַר אײַך געדאַכט נישט פאַר קיין שום יודען געדאַכט געזעסען ביי יענטען אין שכנות; עס זענען געזעסען דאָרטען נאָך שכנים, האָט זיך איינער אַ שכנה, גנעסע האָט זי געהייסען, פערגלוסט זיך איהר באַקען לאַטקעס פון רעטשענע מעהל און דוקא דעם טאָג וואָס איך קילע גענז. בעט איך זי: גנעסיניו, האַרצעניו, ליובעניו! האַלט איין דעם יצר הרע אויף אַ טאָג. איהר וועט מאָרגען אם ירצה השם באַקען לאַטקעס! זאָגט זי: ביי מיר האָט איהר געפועלט; נאָר די קינדער, זאָגט זי, ווילען געוואָהר ווערען; איך האָב, זאָגט זי, קינדער טרפה'נע העלוזער וואָס האַלטען שטאַרק פון דער אכילה, זיי ווילען דערהערען, זאָגט זי, אַז ס'איז

אוים לאַטקעס וועלען זיי מיך, זאָגט זי, אויפעסען לעבעדיגערהייד!... כך הוה: די קינדער האָבען דערהערט ליגענדיג אויפ'ן אויווען אַז מע רעדט פון אָבלעגען די לאַטקעס באַקען אויף מאָרגען, האָט זיך איינער פון זיי, אַ זעליגעל, אַ יונגעלע מיט קאַסאָקע אויגלעך, צעשריגען אויף אַ קול: מאַמע! טאָמער באַקסט דו נישט קיין לאַטקעס פאַל איך אָטאָ אַראָב פונ'ם אויווען... מיר טהוען אַ קוק — אַ וועהטיג איז מיר — זעליגעל הענגט מיט'ן קעפּעל אַראָב, אָטאָ נאָך אַ מינוט פאַלט דאָס אַראָב און סע ווערט צעשאָטען אויף שטיקלעך! דערזעהן אַזאַ חתונה האָב איך אָנגעהויבען צו שרייען: גנעסיניו, נשמה'ניו, האַרצעניו, ליובעניו! באַקט לאַטקעס, באַקט!... מע זאָגט, הערט איהר, אַז איין אָרעמאַן האָט אַ קישקע אָהן אַ דנאָ, איז דאָס תורת משה! איהר זאָלט אָנקוקען ביי דער גנעסען קינדערלעך, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען, איך רעד נישט חלילה קיין שלעכטס, און פון לשון-הרע בין איך ווייט... נאָר איך מיש איך, איינס מיט'ן אַנדערן, האָט קיין פאַראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ יודינע האָט אין זיך ניין מאָס רעד.

שמאַלץ פון די גענז... פון גענז קאָן מען אויף שמאַלץ אַליין נישט אַרויסקוקען, די שמאַלץ אַז עס געראָט שוין גוט אָב, קעהרט אום צוריק נאָר דאָס וואָס די גענז קאָסטען; דאָס פערדיענסט דאַרף מען זוכען פון די שאר ירקות. ראשית חכמה אָבדירקעס; אַז עס מאַכט זיך די אָבדירקעס געבען זיך אוים שעהן, און פלייש איז אין שטאָדט טייער, — פערצוקערט מען זיי! ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז קצבים ביי אונז שמייסען זיך, און פלייש איז בזיל הזול, און די שטאָדט האָט דעם נגיד אויף צו להכעים אַראָבגעבראַכט נאָך אַ שוחט, און יענער שוחט, דער אַלטער הייסט עס, האָט איינגעגעבען אויף דעם שוחט, אויף דעם נייעם הייסט עס, אַכצעהן מסירות, און חוץ לזה האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אויף איהם, אויף דעם נייעם שוחט, הייסט עס, אַז ער, דער נייער שוחט הייסט עס, איז אַ חברה-מאַן פון די היינטיגע חברה-לייט פון די „צעניסטען", וואָס האָבען צו טהון מיט די חדרים און קלויבען „שקלים-געלד", און דער גביר אונזערער האַלט דאָך נישט פון די דאָזיגע צעניסטען, ער קאָן זיי נישט אָנקוקען; זיי זענען, זאָגט ער, גרויסע הולטייעס, און ווי באַלד אַזוי איז דאָך די שחיטה זיינע קיין שחיטה נישט, און נישט איטליכער איז אַ בעלן אויף פאַרטיגע אָבדירקעס. טענה איך מיט מיינע קונה'טעס: „ביי מיר מעגט איהר נישקשה קויפען אָבדירקעס, מיין שוחט איז דער אַלטער שוחט". זאָגען זיי: „יאָ, איהר זענט אודאי זעהר גערעכט, נאָר וואָס דען? אויפ'ן ביילעק שטעהט

בײַ זײַ נישט אויפגעשריבען פון וועמענס שחיטה זײַ זענען, פונ'ם אַלטען שוחט ציִ פונ'ם נײַעם שוחט"... זאָג איך: „וואָס הײסט סע שטעהט נישט אויפגעשריבען, אַז איך זאָג אײַך פונ'ם אַלטען שוחט, איז פונ'ם אַלטען שוחט; סײַדען, זאָג איך, איך בין שוין בײַ אײַך נישט בעגלויבט, איז שוין, זאָג איך, עק וועלט"... זאָגען זײַ: אַ מאָדנע יודינע איהר זענט! איהר זענט בײַ אונז אויף אַלסדינג בעגלויבט, נאָר אַז מיר קאָנען אויספיהרען אַלײן שיקען צום שוחט קוילען געגנז, וואָס זשע דאַרפען מיר אָבדירקעס, וואָס מיר קאָנען נישט וויסען וועמענס שחיטה דאָס איז? טפו! ווידער אַ מאָל, זאָג איך, דאָס אײגענע? אַז איך שווער אײַך בײַ מײַן מאַן און קינדער, איהר ווײסט, זאָג איך, ס'איז בײַ מיר אַ גוטע שבועה! זאָגען זײַ: צו וואָס דאַרפט איהר זיך שווערען, אַז מיר גלויבען אײַך סאַי וסאַי? זאָג איך: נו, נעמט זשע צו בײַ מיר אַ פּאָר אָבדירקעס, לאָס איך מאַכען גרינגער דעם קאָשעק. זאָגען זײַ: „מיר קענען נישט נעמען בײַ אײַך קײן אָבדירקעס איבער דער שחיטה"... נו? גײה טעסע פלעקער! אַרײַנגעהן אין יענעמס לאַגע דאָס איז נישטאָ! רחמנות האָבען: אַ יודינע מאָרדעוועט זיך אָן מיט געגנז, מע מײנט טאָמער, איך ווײס, מע וועט עפּיס פעדדיענען, עס האָט זיך געשטעלט אַזאַ ווינטער, האָלץ איז נישטאָ, שטרוי איז טײַער, אַ רענדעל אַ וואָגען שטרוי, און די קינדער נעבאַך לויפען באָרוועס אין חדר אַרײַן, קומען צו געהן אַהײם ברוין און בלוי, חאַפּען זיך אַרויף אויפ'ן אויווען, נאָרען זיך אײַן ווי די קראָליקלעך און קוקען אַרויס אויף הײסע קאַרטאָפלעס, און קאַרטאָפלעס איז מיט גאָלד גלײַך, אַ סך איז נישט געראָטען און אַ סך איז פערבליבען אין דער ערד. אַ שטאָדט! עמיצער זאָל זיך דאָס אַרומקוקען, אָרעמע לײַט געהען אוים פון קעלט, אָרעמע לײַט שטאַרבען, שוואַכען פון הונגער, קינדער פאַלען ווי שטרוי, ווי פליגען, מיט חסד ווי זאָגט איהר אָרעמע לײַט שטאַרבען, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען, איך רעד נישט חלילה קײן שלעכטס און פון לשון הרע בין איך ווײַט... נאָר איך מיש אײַך אײנס מיט'ן אַנדערן, האָט קײן פּאַראיבעל נישט, ס'איז בײַ מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ יודינע האָט אין זיך נײַן מאָס רעד...

די אָבדירקעס פון די געגנז... מע זאָל וועלען, הערט איהר, אַרויסקוקען אויף די אָבדירקעס אַלײן, וואָלט מען שעהן אויסגעזעהן מיט די געגנז! אַ חוץ אָבדירקעס איז פאַראַהאַן בײַ געגנז די דרויבלעך: גריזוען, לעבערלעך, פּיפּיקלעך, קעפּלעך און פיסלעך, גערגעלעך, פליגעלעך, צינגעלעך און הערצעלעך און נירלעך, הײנט העלזלעך! פאַראַהאַן בײַ מיר

איינע א בעל-הבית'טע, פעטשעריציכע הייסט זי, נעמט זי צו ביי מיר אלע העלזלעך וויפיעל איך האב; עס מעג זיין א האלבע מאה העלזלעך, לאזט זי מיך נישט ארויס. דער מאן איהרער, זאגט זי, פעטשעריצי הייסט עס, איז א ליעבהאבער פון ברוסט און פון העלזלעך; ברוסט האט ער ליעב זאגט זי קאלטערהייד מיט פעפער בעפעפערט, און העלזלעך געפילטע מיט מעהל, אדער מיט קאשע, אדער מיט פארפעלעך, אדער מיט לעבער און מיט גריווען, געבראטען בעזונדער, אדער געקאכט אין מייערן. וואס זשע מיינט איהר? ווי די מתים עסען אזא פנים האבען זיי, ער זעהט קיין עין הרע אויס קעגען מיין מאן ווי א יוד פון א יאהר עטליכע און דרייסיג; חאטש ער איז עלטער פון מיין מאן מיט גוטע צעהן יאהר... און חאטש מיין מאן טהוט אויך קיין שום ארבייט נישט, זיצט ער חאטש און לערנט, און אז ער קומט אהיים, וועט ער נישט זאגען ווי אנדערע מאנען: „הער נאר, דו, גיב עפיס עסען!" ער, אז ער קומט אהיים פון בית המדרש, איז דאס ערשטע נעמט ער זיך צו א ספר, קוקט אין ספר אריין און זיפצט — זיפצט שטילערהייד — א סימן אז ער וויל עסען. נאר זאגען גיב עסען — דאס איז נישטא. וואס דען? א קרעכץ און א נעם מיט דער האנד ביי'ם הארצען און א זאג: „אך — אך — אך!" — א סימן אז ער איז גוט הונגעריג. „וועסט עפיס אפשר נעמען אין מויל אריין?" פרעגט מען איהם. מאכט ער צו מיר: „מהיכא-תיתי"... וויפיעל מאל איך זאג איהם: איך פערשטעה נישט, האסט דאך א מויל קאנסט דו דאך זאגען אז דו ביזט הונגעריג, וואס דארפסט דו זיצען און קרעכצען?... ענטפערט די וואנד? איך וואלט וועלען אומיסטען זעהן וואס וואלט געוועזן איך זאל איהם דריי טאג כסדר נישט געבען קיין עסען? איהר מיינט ער איז חלילה אזא איין אבגעריסענער נארר? ווי קאן א יוד א למדן א מופלג זיין א נאר? ער זאל צו זיין קענען הערט איהר וואס ער קען לערנען נאך זיין א ביסעלע מיהר קריכער וואלט ער דען נישט געקאנט זיין ביי אונז א רב? אי וואס וועלען מיר טהון מיט'ן אלטען רב? למאי וואס וועלען מיר טהון מיט'ן אלטען חזן? מע האט נייטיג בעדארפט צו נעמען א נייעם חזן אין שול כדי דער אלטער זאל שטארבען פון הונגער, טאמער איז ער געוועזן פריהער הייסט עס א קליינער אביון? באשר, דעם גביר האט זיך פערגלוסט זינגען! ווילסט זינגען? געה אין טרעיאטער להבדיל וועט מען דיר דארטען זינגען צעזעצטערהייד!... איך זאל זיין הערט איהר א מאנסביל, וואלט איך זיך מיט די גבירים גערעכענט. אוי וואלט איך מיך מיט זיי גערעכענט! איהר מיינט איך האב עפיס צו זיי? איך האב צו זיי גאר נישט

נאָר איך האָב זײ פײַנט, איך האָב פײַנט אַ נגיד! אַ נגיד און אַ שפּין, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן, איך רעד נישט חלילה קײַן שלעכטס און פון לשון הרע בין איך װײַט... נאָר איך מיש איך אײנס מיט'ן אַנדערן, האָט קײַן פּאַראיבעל נישט, ס'איז בײַ מיר אַזאַ טבע, װי זאָגט איהר: אַ יודינע האָט אין זיך נײַן מאָס רעד...

מע האָט פון די גענז... מײַנט נישט אַז מע פערקױפט שױן אױס די גאַנצע שמאַלץ מיט אַלע אַבדירקעס מיט אַלע דרױבלעך פון די גענז װערד מען שױן גליקליך. גענז זאָלען נישט האָבען קײַן פּאַך און קײַן פעדערן אױף זיך װאָלט נישט כדאי געװען דער גאַנצער עסק. פריהער, אַז איך האַלט נאָך בײַ פערװאַרפען די גענז, סקובע איך זײ שױן אונטער, די גענז, אונטער די פאַכװעלעך, און קלױב צענױף דאָס ביסעל פּאַך. נאָך דעם, נאָכ'ן קױלען, שמועסט מען נישט; דאָס ביסעל פּאַך בעזונדער און די פעדערן בעזונדער, און איך גרײט מיר צו אַרבײַט אױף אַ גאַנצען װינטער. די נעכט זענען דאָך גענוג גרױס, מע קען זיך גענוג אָנפליקען. פליק איך... אַצונד האָב איך אַ שטיקעל הילף: מײדלעך; מײדלעך זענען נישט קײַן יונגלעך; יונגלעך געהען אין חדר אַרײַן און מײדלעך װאָס? מײדלעך זענען גענז, זיצען אין האַרעװען זיך, און װאַכסען; זען איך זײ אַנידער נעבען זיך איבער אַ זיפּ: העלפט, קינדערלעך, פליקען פעדערן, איך װעל אײַך דערפאַר אם ירצה השם מאָרגען שענקען אַ גריװו, בעשמירען אַ שטיקעל ברױט מיט שמאַלץ, אָדער גאָר צושטעלען אַ זופּ פון קישקעלעך! אַהאַ, זאָלט איהר זעהן װי סע װערד אַ גדולה און מע נעמט זיך צו דער אַרבײַט — אַ קלײנינקײַט אַ זופּ פון קישקעלעך! װאָס משטײנס געזאָגט אַז קײַן פלײש קוקט מען נישט אָן אַ גאַנצע װאָך, חוץ שבת! איך זאָל נישט האַנדלען מיט קײַן גענז, װײס איך נישט װאָס איך װאָלט געטהון אַ גאַנצע װאָך מיט די קינדער! אַזױ װאַרפט זיך פאָרט דורך אַ פלאָסטערל, אַ גערגעלע, אַ קעפּעל, אַ פיסעל, אַ קישקעלע, אַ ביסעל שמאַלץ, דער ריח אַלײן איז שױן גענוג! אַז איך בין געזעסען נישט הײַנט געדאַכט נישט פאַר אײַך געדאַכט נישט פאַר קײַן שום יודען געדאַכט, אין שכנות, בײַ יענטען הײסט עס, האָב איך אַלײן געהערט פון גנעסעם מויל, אַז עס קומט, זאָגט זי, די צײַט פון חנוכה און איהר הױבט זיך אָן, זאָגט זי, פאָרען מיט די גענז, בײַם פּסחיגען שמאַלץ, קומט, זאָגט זי, אױף מײַן „חאַליאַסטרע" אַ נײַע הױט; פונ'ם ריח אַלײן, זאָגט זי, פערדרעהט זיך זײ שױן דאָס קעפּעל און סע מאָלט זיך זײ אױס אַז זײ עסען גענזענס... איהר מײנט ס'איז מיר געװען אָנגענעהם אָנצוקוקען

גנעסעס חאליאסטרע קיין עין הרע ווי זיי קוקען אראב פונ'ם אויפ'ן אויווען, זעהען פאר זיך אזא טאפ שמאלץ מיט אזוי פיעל גריווען און נישט אויסציהען קיין הענטעל אפילו, נאר ליעגען און קוקען געבאך ווי הונגעריגע וועלף און בעלעקען זיך, און די אויגלעך בשעת מעשה גלאנצען, — א גאנץ רחמנות צו זעהן דעם צער, שטופט מען זיי אריין דארטען א גריוו אין הענדטעל, מע טהוט זיי א שמיר א ביסעל שמאלץ איבער די ליפען, וואס נאך איך בעט אייך? ווי קאן איך אנהאדעוועז אזוי פיעל מיילער, אז איך בין אליין אפגעשאטען קיין עין הרע מיט קינדער, און דער מאן פערדיענט נישט קיין צוויי צעבראכענע גראשען, און שולדיג איז מען אויף די גענז איך זאל עס פערמאגען א דריט-חלק מיט אייך אין-איינעם, און פריצענט וואכסט ווי מיט רוחות און צאהלען מוז מען, וועל נישט געהן פערבאדען זיך, בלייבען איין אנזעצעריין חלילה אזוי ווי יענטע א שטיינער, וואס האט נישט אבגעצאהלט דעם שוואגער פאר דער אנדערער האלבע דירה צוליעב'ען זוהנדעל, וואס שטודירט זאגט מען אין די קלאסען און שרייבט אום שבת... אזוי זאגט די וועלט, איך בין דערביי נישט געשטאנען, איך האב פיינט זאגען דאס וואס איך וויים נישט און פון בערעדען יענעם אנטלויף איך: איך פרעג נאר איין זאך צו וואס בעדארף עס יענטעם זוהנדעל זיין א געשטודירטער? אז בסך הכל איז ער גאר א קראנקער משטיינם געזאגט, א טשעכאטניק, זיי זענען אלע נישט דא געדאכט נישט פאר אייך געדאכט נישט פאר קיין שום יודישער שטוב געדאכט טשעכאטניקעס, לאז ער איהר לעבען הונדערט צוואנציג יאהר, איך בין איהר א גוטער פריינד, וואס האב איך צו איהר? האטש אז מע וויל צוריק האט זי קעגען מיר נישט אזוי יוצא געווען! מע נעמט נישט און מע דרויבערט נישט ארוים קיין שכנים אין מיטען פאר פסח, וואס איז? באשר משה דער וואסער-פיהרער קען צאהלען א קערבעל א וואך, און איך נישט! לאז זי זיך בעריהמען דעמאלס אז ער וועט איהר בעצאהלען! ס'איז גאר א סברא אז אט דער משה איז א בעל-חוב, די האר זענען נישט זיינע. פערנומען ביי אלע בעלי-בתים פאר וואסער אויף אגאנצען ווינטער, און א קבצן איז ער אויך א גוטער, און א ווייב האט ער, פעסע רופט מען זי, אויך א גוטע שטוקע, גאט זאל מיך נישט שטראפען, איך רעד נישט חלילה קיין שלעכטס, און פון לשון הרע בין איך ווייט... נאר שאט... מיר דאכט זיך איך האב אייך געוואלט עפים דערצעהלען א שעהנס? פרעגט מיך בחרם, איך האב שוין אליין אויך פערגעסען וואס!... אט די

ווײַבער, הערט איהר, איז אײך קײַן קאטאװעס נישט, דאס איז עפּיס אַ מין פאָלק!... אָט האָב איך אײך דאָ אויסגעמישט פון כל מאמינים שהוא, קאַשע מיט באָרשטש און מיט לעבערלעך און מיט נעכטיגע טעג, טאָמער ווײסט איהר וואס? אַ יודינע, הערט איהר, האָט טאַקי אין זיך נײַן מאָס רעד!!!... איך וועל אײך שוין מוזען אָבלעגען די מעשה נאָך אויף אַ מאָל.

צוויי טײַטע.

צוויי טויטע.

פארערע.

„טויטע"? „לכבוד פורים"? אין אזא יום־טוב, וואס איז א מצוה, אז א יוד זאל זיך מאכען שכור און א מחבר זאל זיך מאכען נאריש, פערשטעלען זיך פאר א מארשעלאק?! איך ווייס, לעזער, אז ס'איז היינט פורים און אז דו דארפסט זיך מאכען שכור און אז איך דארף זיך מאכען נאריש — און איך געב דיר פארט א מעשה פון צוויי טויטע — פערפאלען! דאס איינציגע וואס איך קען דיר העלפען איז נאר מיט איין עצה: אויב דו האסט שוואכע נערווען, זאלסט דו אקעגען נאכט די מעשה ניט לייענען.

קאפיטעל איינס.

חלאוונע, א שווארץ, א נידעריג-געוואקסען און גוט-געפאקט יו-דעל, איז געוועזן א מענש, וואס האט ליעב געהאט דעם טרונק. א גליק, וואס ער איז געבוירען פון א יודען מיט א יודינע, אניט וואלט ער זיכער געוועזן א שכור. איך וועל אייך ניט ערב זיין, אז ווייל ער איז געוועזן א יוד, האט איהם דאס יודישקייט ניט געלאזט טרינקען א סך. עס קאן זעהר שען געמאלט זיין, אז טרינקען וואלט ער אפשר געקאנט פאר דריי גוים, האט ער אבער ניט געהאט פאר וואס. זיין ווייב גיטעל האט געפיהרט זיינע פינאנסען, ניט געלאזט, ס'זאל ארייג-פאלען צו איהם אין די הענד ארײן א מזומנער גראשען. אומעטום, וואו ס'איז נאר געוועזן שייך צו געלד, האט זיך ארויסגעשטעלט גי-טעל. ארבייטען האט טאקי געארבייט ער, חלאוונע, הייסט עס (ער איז געוועזן, ער זאל מיר מוחל זיין, א שוסטער), נאר אפטראגען די ארבייט און אפנעמען דאס געלד — דאס פלעג שוין זי אליין, גיטעל, הייסט עס. פערשטעהט זיך, אז חלאוונען איז אזא מעשה ניט אנגעשטאנען.

— וואס בין איך עפיס ביי דיר, א גנב, צי וואס?

אזוי האט געזאגט חלאוונע צו זיין ווייב גיטעל און בעקומען פון איהר א קלארע תשובה באלד אויפ'ן ארט:

— חלילה! ווער זאגט דען א גנב? ביזט נאר א שכור. זאג אפשר, אז ניין?

איינגאנצען אבלייקענען און זאגען ניין, איז חלאוונען איבער דער טבע. און ווידער צוריק, נעמען און מודה זיין זיך, אז ער האט ליעב דעם ביטערען טראפען, איז איהם אבער אויך ניט זעהר איינגענעה-מען. פאלט ער אויף א שכל און וויל אבקומען מיט א ווערטעל, ווי זיין שטייגער איז, מחמת חלאוונע דער שוסטער האט ליעב ניט נאר

אַ ביסעל בראָנפּען, ער האָט ליעב אויך אַ ווערטעל, ווי אַלע כּתרי-לעווצעס אין כּתרילעווקע. ער קראַצט זיך אין באָרד, קוקט אויף דער סטעלי און זאָגט צו זײַן ווײַב גיטעל:

— בראָש ווערט אַלצדינג אָנגערופען בײַ איהר מיט'ן נאָמען שכּור! האָסט מיך געזעהען, איך זאָל עמיצען שיקען? איך אַז איך וויל אַ ביסעל בראָנפען, געה איך און קויף.

— מעגסט שוין געהן טאַקי אין דער ערד אַרײַן.

— אָך! אַבי מיט דיר — אין פײַער און אין וואַסער!

— נאַ דיר און ווער אַנשטומט!

דאָס זאָגט גיטעל צו איהר מאַן דעם שוסטער און איז איהם מכבד פון יענער זײַט וואַרסטאַק מיט אַ פליהענדיגען שטיוועל, וואָס איז שוין כּמעט אינגאַנצען פאַרטיג, נאָר עס פעהלט איהם אַ קאָרעק מיט צוויי צײַלען פלעקלעך אין דער פאָדעשווע. חלאָוונע נעמט צו די מתנה מיט אַ געלעכטער און מיט אַ גלײַכווערטעל, ווי אַלעמאָל. און ווער שמועסט, אַז גיטעל קומט מיט געלד פאַר זײַן אַרבײַט און איז איהם אויך מנדר אַ פּאָר מזומנע גראָשענס, אויף פּאָדים און אויף וואַקס און אויף חזיר-האָר, דעמאָלט איז ער גאָר ווייך ווי פּוטער און זיס ווי האָניג און איז פון זײַן ווײַב גיטעל און פון אַלע ווײַבער פון דער גאַנ-צער וועלט בעת-מעשה אײַן אונגעהײַער הויכע מײַנונג. ער גלעט זיך דעם הויכען ווײַסען שטערען (אַלע שוסטערס האָבען הויכע ווײַסע שטע-רענס) און רעדט פערטראַכט, מעשה פילאָזאָף:

— איך ווײס נישט, וואָס האָט דער שלמה המלך, זאָל מיר מוחל זײַן, געהאַט צו די ווײַבער, וואָס ער פלעג זײ אַזוי לײַגען אין דער ערד אַרײַן? דו ווײַסט דאָך, וואָס שלמה המלך האָט געזאָגט אויף אײַך, צי נײן?

— וואָס דײַן „שלמה מלך” האָט דאָרטען געזאָגט וויל איך גאָר ניט וויסען. דו בעסער געה אין מאַרק אַרײַן נאָך פּאָדים און נאָך וואַקס און נאָך חזיר-האָר און זעה נאָר, פערבלאָנזשע ניט אין שענק אַרײַן.

חלאָוונע האָט זיך אַזש צולאַכט פון אַזאַ ווילדען געדאַנק.

— אַ משל! עס האָט אַזאַ פּנים, אַ שטײַגער כּדומה, ווי מע זאָל זאָגען פרײַטאָג צונאַכטס יקום-פּורקן אָדער שבת אינדערפריה לכה דודי... וואו איז דער מאַרק און וואו איז דער שענק! און וואָס איז דאָס גלאַט פאַר אַנ'עובדא אין מיטען מיטוואָך שבת-צונאַכטס אין אַ שענק אַרײַן?...

בעת מעשה צעהלט חלאוונע די גראשענס און לייגט איבער די מטבעות פון איין האנד אין דער אנדערער, קוקט פילאזאפיש אויף דער סטעלי מיט איין אויג, רעכענט אויס פינקטליך, וויפיעל געלד ער בעדארף האבען אויף פאדים, וויפיעל אויף וואקס און וויפיעל אויף חזיר־האר, און מיט א טיעפען־טיעפען זיפץ און מיט שטילע טריט לאזט ער זיך אוועק גלייך אין שענק אריין.

קאפיטעל צוויי.

ווי אזוי האט געהייסען יענער חכם, וואס האט דערקלערט מיט זיין שכל, אז פורים זענען אלע שכורים ניכטער? איך וואלט איהם געזאגט, אז ער איז מחילה א בהמה. פארוואס זאל א שכור דורכלאזען אזא טאג ווי פורים, ווען ס'איז א מצוה, אז א יוד זאל זיך אנטרינקען ווי א גוי און זאל זיין שכור ווי לוט? דער ערשטער וואלט פראטעסטירט קעגען דעם חלאוונע דער שוסטער. איידער ער האט דערלעבט דעם הייליגען פורים, זענען איהם שיער די אויגען ארויס. און אז ס'איז געקומען פורים, איז ער קודם אוועק אין שוהל צו דער מגילה, זיך אבגערעכענט מיט המנ'ען, איהם אויפגעהאנגען אויף א בוים פופציג איילען די הויך אינאיינעם מיט זיינע צעהן בנים, און אנשטאט דעם, ער זאל געהן אהיים פערזוכען דעם יום־טוב'דיגען המן־טאש, האט ער זיך ארייננעכאפט אויף א ווײלע צו א פאר בעקאנטע שוסטערס, גוטע ברידער, און האט מיט זיי געגעבען א לעק און געטרונקען לחיים: „גאט זאל געבען, אז המן מיט זיינע צעהן בנים זאלען דערלעבען איבער־א־יאהר און מיר זאלען זיי ווייטער אויפהענגען אין שוהל אלע אויף איין תליה פופציג איילען די הויך, בכדי מיר זאלען ווידער אמאל קאנען נעמען צו ביסלעך בראנפען, ונאמר אמן"... פון אט די לחיים'ס איז אונזער העלד געווארען אזוי בגלופין, אז וויפיעל ער איז ניט געגאנגען און געגאנגען, האט ער בשום אופן ניט געקאנט טרעפען צו זיך אהיים. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז דאס געסעל, וואו ער וואוינט, שפיעלט זיך מיט איהם אין „בעהעלטערלעך": אט שטעהט דאס, דאכט זיך, אקעגען איהם און ווינקט צו איהם מיט

אַ סך פייערלעך פון די קליינע פענסטערלעך, אט טוט ער זיך אַ לאָז און אט טרעפט ער מיט'ן שטערן אין וואַנד אַריין. פון וואַנען האָט זיך גענומען אַהער אַ וואַנד? פון זינט חלאַוונע איז צו זיין שכל געקומען, געדענקט ער ניט, אַז דאָ זאָל זיין אַ וואַנד, ניט אַנדערש, אַז דאָס האָט עמיצער אַוועקגעשטעלט אַ סוכה. אַ פּאַטעפּאַלנאַסט פון אַ יודען נעמען אַוועקשטעלען אין מיטען שטאָדט אַ סוכה! דאָס דאַרף זיין רב יאָסי דעם נגידס אַרבייט. וואָס אַ נגיד קאָן איינפאַלען, איז דיר גאָר קיין קאַטאָוועס ניט! עס וועט אָבער אַ רוח אין זיין שווי־גערס טאַטען אַריין!...

— זאָל מיין נאָמען ניט הייסען אחשורוש!...

און חלאַוונע דער שוסטער נעמט זיך אָן מיט ביידע הענד אין וואַנד, טוט אַ ציה צו זיך, וויל אומוואַלגערן רב יאָסי דעם נגידס „סוכה" און טוט אַ פאַל אין דער ערד אַריין און ציהט זיך אויס ווי אַ גראַף איבער דער בערימטער כתרילעווקער בלאָטע. און דאָרט לאָזען מיר איהם ליגען אַ ווײַלע, ביז מיר וועלען אַראָבברענגען דעם צווייטען העלד פון אונזער געשיכטע, וואָס ער הייסט מיט אַ גלענ־צענדיגען גבירישען נאָמען — רויטשילד.

קאַפּיטעל דריי.

מיט דעם נאָמען רויטשילד האָט איהם כתרילעווקע געקרוינט דערפאַר, ווייל ער איז געווען אין שטאָדט דער גרעסטער קבצן. דאָס הייסט, אַזעלכע קבצנים ווי ער זענען אין כתרילעווקע פאַראַן אַזוי פיעל, וויפיעל שטערען אין הימעל, נאָר אַזאַ איין אומגליקליכער קבצן, אַזאַ קבצן אַ שלימזל, איז שוין אפילו אין כתרילעווקע ניט געווען צו איהם דער צווייטער. עס געהט אַרום אויף דער וועלט אַ ווערטעל (שטאַמט געוויס פון כתרילעווקע), אַז „צום שלימזל דאַרף מען אויך האָבען מזל". זאָלט איהר טאַקי וויסען, אַ גלייכווערטעל איז להבדיל אַ תורה.

ווער איז געווען אָט דער רויטשילד און פון וואַנען האָט ער זיך גענומען, — קאָן איך אייך ניט זאָגען. ער איז געווען איין אָרימאַן, דאָס ווייסט איהר שוין, און זיין עובדא איז געווען — געהן. איהר מיינט,

איבער די הייזער? בעטען נדבות? האט איהר א טעות. זיין גאנג איז געווען גלאט אזוי א מין שפאציר איבער דער בלאטע, נאר מיט דריבנע טריט און גיך-גיך, ווי א מענש, וואס טוט עסק און האט קיין צייט ניט. אבשטעלען פלעג ער זיך נאר דעמאלט, ווען מע האט איהם אבגעשטעלט.

— שלום עליכם, וואוהין געהט עס א יוד רויטשילד?

רויטשילד בלייבט שטעהן, ווישט זיך אב מיט דער פאלע דעם שוויים, קוקט מיט מאדנע איבערגעשראקענע אויגען, און דאס געל-אויס-געהונגערטע פנים פערקנייטשט זיך ביי איהם אין א מין שמייכעלע, און ער טוט א זאג שטיל, קוים וואס מע הערט:

— גלאט אזוי זיך, מע געהט, טאמער וועט דער אויבערשטער עפים צושיקען...

אבגעזאגט, לאזט זיך רויטשילד געהן ווייטער מיט זיינע דריבנע טריט, און דער, וואס האט איהם אבגעשטעלט, בלייבט שטעהן, קוקט איהם נאך א ווייל׳ע, פערציהט מיט די פלייצעם, צולאכט זיך און טוט א שפיי:

— טפו! נאט אייך אזא שלימזל!

זינט אט דער שלימזל הייסט רויטשילד, געדענקט קיינער ניט אין כתרילעווקע, אז ער זאל עמיצען אנמידען מיט א בקשה וועגען עסען, בעטען א טרונק, אדער איין ארט אויף איבערצונעכטיגען, חאטש ויסען וויסען אלע, אז רויטשילד איז געווים הונגעריג און אז ער האט געווים ניט וואו דעם קאפ אנצושפארען. אויף א הונגעריגען איז מען אין כתרילעווקע גרויסע מבינים, מע קאן זאגען, ספעציאליסטען. זיי וועלען אייך דערקענען אין דער פינסטער נאכ׳ן קול אליין, ווער ס׳איז גלאט אזוי הונגעריגליך און וואלט א בעלן געווען, מהכתיתי, עפים איבערבייסען, און ווער ס׳איז טאקי שטארק הונגעריג, אזוי אז ממש עס געהט איהם אוים דאס חיות! מסתמא האבען זיי שוין דערויף אזעלכע סימנים, ווי, להבדיל, די דאקטוירים, וואס וועלען אייך טרעפען נאכ׳ן דופק, וועלכער חולה איז גלאט אזוי ניט-געזונד און וועלכער איז מסוכן חלילה אויף צו שטארבען.

אויב מיר זאלען קאנען איינטיילען די מענשלעך, וואס הונגערן, אויף אזעלכע, וואס זענען גלאט הונגעריג, און אויף אזעלכע, וואס זענען טויט-הונגעריג, וואלטען מיר מיט רעכט געקאנט זאגען, אז אונזער העלד רויטשילד געהערט צו די טויט-הונגעריגע, מחמת ביי איהם

איז אָפּטמאָל אוועקגעגאַנגען גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט, וואָס ער האָט אין זיין מויל ניט געהאַט. און ער וואָלט געוויס אַזוי אויסגע-גאַנגען אין מיטען גאַס, ווען אַ גוטע נשמה זאָל זיך ניט אַרומקוקען, אַז אָן געהט דער שלימזול רויטשילד. צו מע גיט איהם עפּיס, זאָגט ער זיך ניט אָב, און אַז מע פרעגט איהם, צי ער איז הונגעריג, שווייגט ער, און אַז מע פרעגט איהם, צי איז ער שטאַרק הונגעריג, ענטפערט ער אויך ניט, נאָר דאָס געל-אויסגעהונגערטע פּנים זיינס קנייטשט זיך צענויף אין אַ מין שמייכעלע, און די איבערגעשראָקענע אויגען קוקען אַראָב, אַפּנים, פאַר בזיון, וואָס אַ מענש קאָן זיין אַזוי הונגעריג, און אַ שטילער זיפץ רייסט זיך אַרויס ביי איהם ניט-ווילענ-דיג — ווער ווייסט, וואָס דער זיפץ קאָן בעדייטען!...

די כתרילעווקער לייט, וואָס האָבען ליעב אַ שפּאַס, גיבען איהם פריהער עפּיס עסען און נאָכדעם טרייבען זיי מיט איהם אַ ביסעל קאַטאָוועס:

— פאַני רויטשילד, זאָגט דעם אמת, וויפיעל געלד פערמאָגט איהר און וואו ליגען פערבאָרגען אייערע אוצרות?

רויטשילד לאָזט אַראָב די איבערגעשראָקענע אויגען, קנייטשט צונויף דאָס געל-אויסגעהונגערטע פּנים אין אַ מין שמייכעלע און שווייגט... יונגע לייט, עזות-פּנימער, שטעהען צו צו איהם נעהענטער, טוען איהם אַ ציה ביים אַרבעל:

— שלום עליכם, וואָס מאַכט אַ יוד רב רויטשילד? וואָס הערט זיך עפּיס ביי אייך דאָרט אין פּאַריזש?

רויטשילד לאָזט אַראָב די איבערגעשראָקענע אויגען, קנייטשט צונויף דאָס געל-אויסגעהונגערטע פּנים אין אַ מין שמייכעלע און שווייגט. חדר-יונגלעך, יונגע צוצעקלעך, קליינוואַרג — די לאָזען איהם די גאַס ניט דורכגעהן. זיי האָבען געמאַכט אויף איהם אַ ליעדעל:

רויטשילד איז אַן'עושר,
איז אַ גביר אַ גרויסער,
אָנגעשטאָפּט מיט געלד
און מיט שאַלעמויזען.
ווייסט איהר, וואָס איהם פעהלט?
מעהר ניט אַ פּאָר הויזען.

פאַר קליינוואַרג האָט רויטשילד מורא, נעמט ער די פיס אויף די פּלייצעס און מיט זיינע דריבנע טריט לאָזט ער זיך לויפען אין

דער וועלט אַרײַן. קלײַנוואַרג לויפט איהם נאָך און הערען ניט אויף צו זינגען... דערזעהען די עלטערע און שרײַען אָן אויף זײַ:

— אַ, ניט געדאַכט זאָלט איהר ווערען, שקצים, הולטײַעס, ימח-שמוניקעס, אין חדר אַרײַן, ממזרים, אין חדר אַרײַן!

פאַר דעם שלימזל רויטשילד וואָלט אפשר געווען אין כתרי-לעווקע אַלעמאָל, ווער ס'זאָל זיך אָננעמען זײַן קריוודע, און הונ-גערן וואָלט מען איהם אפשר אויך ניט געלאָזט אַזוי שטאַרק. נאָר ווער איז זײַ שולדיג, אַז די שלימזלען, וואָס וועלען אײַך גיכער שטאַרבען, אײדער אויסציהען אַ האַנד?... און אויסערדעם, לאָמיר שמועסען על-פּי יושר: איז דען די שטאָדט כתרילעווקע טאַקי מחויב צו טראָגען אויפ'ן קאָפּ יעדען שלימזל? קאַרג האָט מען אײגענע צרות מיט אײגענע וועהטאָגען מיט דאגות פרנסה? מע דאַנקט גאָט, אַז מע קומט אַליין דורך דעם טאָג און מע לעבט איבער ווי עס איז די וואָך מיט ווײַב און קינדער.

דערפאַר אָבער, וואָס אמת איז אמת, אַז עס קומט דער הײַ-ליגער שבת, איז רויטשילד אַ בעוואָרענטער מענש. אַלע יודען זענען דאָך דענסטמאָל אין שוהל און רויטשילד איז פאַר די אויגען. וועט דען אַ שטאָדט דערלאָזען, אַז אַ יוד זאָל שבת הונגערן? מילא וואָס גאָט גיט, אַבי אינאײנעם, און אײן איבעריגער מענש צום טיש איז דאָך, אײגענטליך, נישט מעהר, ווי אײן איבעריגע לעפעל... האָט קײן יסורים ניט, ער וועט הונגעריג ניט אַוועקגעהן, און טאָמער אפילו איז די סעודה ניט אַזוי פויגעלדיג, איז אויך אָהן אײן אומגליק, די קישקע וועט מוחל זײַן, אַבי מע זיצט מיט יודען בײַם טיש, אויפ'ן טיש זענען פאַראַן סימנים פון שבתדיגער חלה, בײַנדליך פון פיש און אַ פאָר מעשענע לײַכטער פון די נעכטיגע בענש-ליכט... דאָס אַלצ-דינג, אינאײנעם גענומען, ווען עס ווערט בעזונגען מיט די שענע זיסע שבתדיגע זמירות, האָט דאָך דאָס טאַקי דעם זיבעטען חן, און אַ כפרה אַלע מאכלים מיט אַלע פּאַטראַוועס און נאַשערײַען, וואָס דעם מענשענס יצר-הרע האָט אויסגעטראַכט, בכדי אַרײַנצוטאַרען אונז וואָס טיעפער אין גיהנם...

גרויס איז דער כח פון דעם הײליגען יודישען שבת! איהר וועט ניט דערקענען דעמאָלט ניט דעם כתרילעווקער בעל-הבית, ניט דעם אורח זײַנעם, דעם שלימזל רויטשילד.

קאַפּיטעל פיער.

אָבגעפּאַסט אַזאַ טאָג, ווי אסתר תענית, קוים דערלעבט פאַרנאַכט געהן אין שול הערען די מגילה, רעכט נוקם געווען זיך אין המנ'ען און אָבגעהאַפּט אויף איין פוס דעם „הרב את ריבנו" מיט די איבעריגע זאָגעכצען, — האָבען זיך די אויסגעהונגערטע בתרילעווצעס אין איין אימפּעט געלאָזט לויפען אַהיים וואָס גיכער אָבצופּאַסטען זיך, איטליכער „אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייגענבוים", מיט אַ פרישען, אַ הייסען אַ פּורימדיגען המן-טאַש מיט מאָהן. און מחמת גרוים אימפּעט, הונגער און אייַלעניש, האָט מען גאָר פערגעסען אָן רויטשילדען, גלייַך ווי עס וואָלט קיין רויטשילד גאָר אויף דער וועלט ניט געוועזען. און רויטשילד, דערזעהען, אַז דער עולם לויפט, האָט זיך אויך געלאָזט לויפען מיט זייַנע דריבנע טריט, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין איבער די בלאָטיגע גאַסען און געסלעך פון דעם געבענשטען בתרילעווקע.

געלאָפען פאַרבייַ די האַלב-אייַנגעפאַלענע און האַלב-בעלויכטענע הייַזער און הייַזלעך, האָט אונזער הונגעריגער העלד פון צייַט צו צייַט געכאַפּט אַ קוק אַריין אַהין, דורך די פענסטער, און געזעהן קייַענדיגע מייַלער און שלינגענדיגע העלזער. וואָס האָבען די דאָזיגע מייַלער געקייַעט אַזוי געשמאַק, וואָס האָבען די העלזער אַזוי געשמאַק געשלונגען, איז איהם שווער געווען צו זעהן, נאָר פערשטאַנען האָט ער על פי סברא, אַז דאָס בעדאַרפען זיין פרישע, זיסע דרייַעקעליגע המן-טאַשען, אָנגעפילט מיט זיסען, צוקערדיגען מאָהן, וואָס צוגעהט זיך אין מויל טעם גן-עדן. און עמיצער האָט זיך אויפגעהאַפּט בייַ רויטשילדען אינוויינינג אין מאָגען און האָט איהם געגעבען אַ ציה בייַם האַרצען און אַ זאָג אין אויער אַרייַן: „נאַר אייַנער, וואָס דרעהסט דו זיך אַרום אין עולם התהו? עפען אויף אַ טיר, געה אַרייַן און זאָג: „אַ גוט יום-טוב, יודען! אפשר איז פאַראַן בייַ אייַך מיט וואָס אָבצופּאַסטען זיך? שוין דעם דריטען טאָג אין מייַן מויל ניט געהאַט"... און רויטשילד דערשרעקט זיך פאַר זיך אַליין. עס איז איהם נאָך קייַנמאָל אַזאַ געדאַנק ניט געקומען — אַרייַנרייַסען זיך צו יענעם אין שטוב אַרייַן מעשה גזלן! און בכדי דער יצר-הרע זאָל איהם ניט אַרויספיהרען דער שוואַרץ יאָהר ווייסט אויף וועלכע זאַכען, לאָזט ער זיך געהן אין מיטען גאַס, סאַמע אין דער רעכטער בלאָטע, און שלאָגט זיך אָן אין

דער פינסטער אויף עפּיס א ווײַלס, א גראָבס און א לעבעדיגס, און גיט א פאַל אַנידער אין בלאָטע אַרײַן, גלײַך אויף אונזער העלד נומער אײנס — אויף חלאַוונע דעם שוסטער.

לאָמיר לאָזען ליגען א ווײַלע רויטשילדען און געהאָרכען ווערען, וואָס מאַכט עפּיס חלאַוונע דער שוסטער.

קאַפּיטעל פינף.

חלאַוונע דער שוסטער (מיר בעטען בײַ איהם הונדערט מאָל מחילה, וואָס מיר האָבען איהם געלאָזט ליגען אַזוי לאַנג אין דער בלאָטע) האָט זיך געפּיהלט גאָר ניט אַזוי שלעכט אין זײַן נײַער לאַגע, ווי דער לעזער שטעלט זיך פאָר. עס ליגט שוין אַזוי אין דער טבע פון'ם מענשען, ער זאָל זיך צופּאַסען צו יעדער לאַגע, ווי ביטער און פינסטער זי זאָל ניט זײַן. קוים איז איהם בעשערט געוועזען, אַז די בלאָטע, די בעריהמטע כתרילעווקער בלאָטע, זאָל זײַן זײַן געלעגער, האָט ער געזועהען אַנווענדען כל המעגליכקײַטען, אַז ער זאָל ליגען ווי אַ מענש און נישט גלאַט אַזוי ליידיג, אָהן אַ שום אַרבײַט. ער האָט געפּײַערט אויף די נגידים און האָט אויסגעלאָזט כל חמתו אויף רב יאָסי דעם נגיד, ער זאָל נישט מײַנען, אַז ער, חלאַוונע דער שוסטער, איז חלילה שכור. ער האָט איהם געשוואוירען, ער זאָל אַזוי דערלעבען פיהרען ויזתאַ'ן צו דער חופּה, ווי ער הויבט ניט אָן צו זײַן שכור. ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט אויף איהם, אויף חלאַוונען, אַז ער איז אַ שכור? דאָס וואַקסט אודאי פון איהר, פון זײַן ווײַב ושתי, אײַנגעזונקען זאָל זי ווערען!...

אַרויסגעלאָזט דעם נאָמען ושתי, בלײַבט חלאַוונע דער שוסטער שטיל און פערטראַכט זיך. דער נאָמען ושתי איז אַרײַן צו איהם אין מוח, ווי אַ פלעקעל, וואָס מע זעצט דאָס אַרײַן אין אַ שטיוועל אַרײַן. ער געדענקט, דאַכט זיך, גאַנץ גוט, אַז אַמאָל האָט זײַן ווײַב געהײסען גיטעל, פּלוצים נאַ דיר גאָר „ושתי”!... ווי אַזוי איז דאָס געוואָרען פון גיטעל — ושתי? און ניט נאָר דער נאָמען, זי אַלײן האָט זיך איבערגעביטען, גאָר נישט דאָס ווײַב, וואָס פריהער. אַנגעטאָן געהט זי, ווי אַ קײסערינע, מיט אַ גילדענעם ספּאָדיק און איז אינגאַנצען

איינגעטונקען פון קאפ ביז פיס אין גינגאלד. ער בעטראכט זיך, אז ס'איז גאר קיין פלאן ניט פאר איהם אצינד מיט איהר זיך צו קריע־גען. אדרבה, מיט אזא יפהפיה דארף מען שלאגען בלאט. און ער רוקט זיך צו צו איהר נעהענטער און נעהענטער, נאר זי רוקט זיך אב... זי וויל איהם ניט. א פנים, דערפאר, וואס ער האט ליעב אט דאס וואס מע מאכט דערויף שהכל נהיה בדברו... א מכה דער מאמען, עס שטעהט ניט אן דעם טאטען איהרען, טאמער וועט מען זאגען אין שטאדט, אז ושתי האט א מאן א שכור.

— זאל איך ניט דערלעבען אויפשטעהן פון דעם ארט, אויב ס'וועט קומען אמאל א טראפען בראנפען אויף מיינע ליפען! ושתי, דו הערסט, צי ניין? טאמער גלויבסט דו מיר ניט, נא דיר א האנד תקיעת־כף...

און חלאוונע ציהט אוים זיין פעלקע גראבע האנד מיט די קור־צע שווארצע פינגער אין דער בלאטע אריין, און ס'איז איהם א חידוש, וואס ושתי האט אזא קאלטע נאסע האנד מיט אזעלכע קאלטע גליטשיגע פינגער. ס'איז אוממעגליך זי אנצונעמען פאר דער טאליע אזוי, אז די נשמה זאל איהר ארוים? און ער צונעמט די הענד און חאפט ארום... דעם שלימזול רויטשילד!

קאפיטעל זעקס.

די מחקרים זאגען, אז פון א דערשרעק קומט אלצדינג. פון א דערשרעק איז חלילה א מעוברתע מפיל, פון א גוטען איבערשרעק קאן א מענש אראב פונ'ם זינען און אמאל, די שעה זאל ניט זיין, בעקו־מען אפאפלעקסיע און שטארבען. זיי זענען דערגאנגען מיט'ן שכל, אז פון איין איבערשרעק קאן א שכור זיך אויסניכטערן אין איין מינוט. אזוי זאגען די מחקרים. און דעריבער וועט אונז קיין חידוש ניט זיין, וואס אונזער העלד, חלאוונע דער שוסטער, וויבאלד ער האט ארומ־געחאפט דעם שלימזול רויטשילד, אזוי האט ער פאר שרעק זיך שוין אויסגעניכטערט, דאס הייסט, ניט אויף אזוי פיעל, ער זאל קענען אויפשטעהן פון דער בלאטע און ווערען א מענש, ווי מע רופט עס, א זעלבסטשטענדיגער; נאר אויף אזוי פיעל האט ער אנגעהויבען קומען

צו זיך, אז איינציגוויין האבען זיך אומגעקעהרט צו איהם כמעט אלע זיינע חושים. קודם כל איז ער דערגאנגען דורך זיין חוש המשוש, אז ושתי איז א יוד מיט א בארד. נאכדעם האט ביי איהם אויפגעוואכט דער חוש השמיעה, און ער האט דערהערט ריינע, קלארע דבורים: „שמע ישראל, גוואלד, יודען, ראטעוועט!‟ דער חוש הריח האט איהם געזאגט, אז זיי ביידע ליגען אין דער בלאטע, אין דער בעריהמטער כתרילעווקער עיפושדיגער בלאטע; נאר וויפיעל ער האט ניט אנגעווענדעט זיין חוש הראיה אויף צו דערזעהען, ווער איז אט דער דאזיגער נפש, האט זיך עם איהם בשום אופן ניט איינגעגעבען, מחמת די לבנה האט זיך בעהאלטען אין די נעדיכטע וואלקענס, און די פינס טערע נאכט האט פערשפרייט איהרע שווארצע פליגלען איבער גאנץ כתרילעווקע.

אויך רויטשילד האט אנגעהויבען ביסלעכוויין קומען צו זיינע געדאנקען, און דער שרעק, פון וועלכען ס'איז איהם געווען א מינוט צום טוידט, איז שטילערהייד אוועק פון איהם, און ביידע אונזערע העלדען האבען בעקומען לשון. אט וואס פאר א מין געשפרעך צווישען די צוויי איז פארגעקומען. מיר גיבען איהם איבער פינקטליך, ווארט אין ווארט:

חלאוונע: ווער ביזט דו?

רויטשילד: ס'איז איך.

חלאוונע: וואס טוסט דו דא אין דער בלאטע?

רויטשילד: גארניט.

חלאוונע: וועלכער רוח האט דיך אהער געבראכט?

רויטשילד: כ'וויים ניט.

חלאוונע: טפו זאלסט דו ווערען! וואס ביזט דו? א בעל-מלאכה, א שוסטער?

רויטשילד: ניין.

חלאוונע: וואס-זשע, א בעל-הבית?

רויטשילד: ניין, ניין.

חלאוונע: וואס זשע דען ביזט דו, צו אלדי שווארצע יאהר?

רויטשילד: איך בין... איך בין... טויט-הונגעריג.

חלאוונע: אזא מעשה! דו ביזט טויט-הונגעריג? הם... און איך בין טויט שכור... שא! אויב איך האב קיין טעות ניט, ביזט דו נישט אפטמאל רויטשילד? יא, ווי איך בין א יוד! איך האב דיך

באלד דערקענט, אז דאס ביזט דו... וויבאלד אזוי, טאמער וואלט געווען א סברא, ברודער רויטשילד, אז דו זאלסט מיר העלפען ארויסקריכען פון דער דאזיגער בלאטע, און אויב דו פיהלסט, אז דו האסט פים, וואלטען מיר ביידע זיך דורכגעגאנגען צו מיר אהיים עפעס נעמען אין מויל אריין, ווארום עס באמבעלט מיר אין קאפ, אז מיר האבען היינט יום־טוב אויף דער גאנצער וועלט. שמחת־תורה? פורים? — איך קען דיר ניט זאגען אקוראט, נאר יום־טוב האבען מיר געוויס. לאזען קומען כל מלכי מזרח ומערב און זאגען מיר, אז ניין, וועל איך זיי אנשפייען אין פנים!

עס האט גענומען א קליינע ווײַלע, ביז די צוויי האבען זיך ארויסגעקאראטשקעט פון דער בלאטע און האבען זיך מיט גרויס מיה געלאזט אין וועג אריין, איינער אנגעלעהנט אויפ'ן אנדערן, דאס הייסט, רויטשילד האט אונטערגעהאלטען חלאוונען, ער זאל ניט פאלען, מחמת אויסגעניכטערט האט זיך ביים שוסטער נאר דער קאפ, די פים אבער האבען זיך איהם נאך אלץ געפלאנטעט. און אז זיי זענען געקומען צו...

דא האבען מיר בדעה איבערלאזען אונזערע ביידע העלדען אויפ'ן שפאציר און אריינקוקען אויף א מינוט צו חלאוונען דעם שוסטער אין שטוב אריין, זעהן, וואס מאכט זיין ווייב גיטעל.

קאפיטעל זיבען.

וויפיעל די קריטיקער זאלען ניט קריטיקירען, וויפיעל די אבשפעטער זאלען ניט לאכען און חוזק מאכען — א ווייב בלייבט א ווייב. עס האט נאר אנגעהויבען נאכט ווערען, האט גיטעל שוין גענומען רעכטען זיך אויף איהר מאן, אז אט קומט ער פון דער מגילה אבפאסטען זיך. צוליעב דעם האט זי איבערגערעקט דעם טיש יום־טוב'דיג און אוועקגעשטעלט קודם דאס, וואס איהר חלאוונע האט ליעב — א פלעשעל מיט א גלעזעל. עס קען זיין, אז אין פלעשעל איז מעהר ניט געווען, ווי איין גלעזעל, נאר אפשר איז דארט צוליעב יום-טוב געווען צוויי גלעזלעך. דערפאר איז געזעסען אויפ'ן טיש א דרייעקעליגער המן-טאש מיט מאהן, א מורא'דיגער, א גרויסער, א ברייטער, איין אמת'ער, א שוסטערשער המן-טאש. עס האט זיך אויכגעדאכט, ווי דער המן-טאש

וואָלט גערעדט ווערטער: „חלאַוונע, וואו ביזט דו? קום עם מיך!״ נאָר חלאַוונע האָט ניט געהערט; ער איז גאָר געווען בשעת-מעשה ביי זיינע חברים די שוסטערס און געמאַלט מיט זיי דעם גרויסען טרונק לכבוד דעם הייליגען פורים.

אומזיסט האָט די שוסטערקע נעבעך געקוקט דורכ'ן פענסטערל, זיך צוגעהערט צו דער טיר. יעדער שאָרך האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז דאָס נעהט חלאַוונע. נאָר הלאַוונע איז ניט געגאַנגען; ער איז גאָר געלעגען בעת-מעשה איינער אַליין אין דער בלאָטע און האָט זיך אויסגעשמועסט מיט ושתי'ן. גיטעל האָט איבערגעטראַכט אויף איהר מאַן אַלסדינג, וואָס אַ ווייב קען איבערטראַכטען, און אַז ס'איז געוואָרען רעכט שפעט, האָט זי געכאַפּט די יופּע אויף די פּלייצעס און איז אַוועק זוכען איהר מאַן חלאַוונע. זי האָט איהם ניט געפונען. די שוסטערס, מיט וועלכע חלאַוונע האָט אויסגעטרונקען לכבוד יום-טוב, האָבען איהר געשוואָרען, זיי זאָלען אַזוי דערלעבען איבער-אַיאָהר פּורים, אַז חלאַוונע איז גלייך פון שוהל אַוועק צו זיך אַהיים און קיין טראָפּען איז צו זיי קיינעם אין מויל נישט געקומען. סיידען אפשר—אַזוי האָבען געזאָגט די שוסטערס—ער האָט זיך ערגיץ בעגעגענט מיט שמעון-וואָלפען.

ביי דעם נאָמען שמעון-וואָלף האָט גיטעל אַזש אַ ציטער געטאָן, אָט דער שמעון-וואָלף קאָסט איהר נעבעך גענוג געזונד.

שמעון-וואָלף איז אויך אַ שוסטער, אַזוי ווי איהר מאַן חלאַוונע, און האָט אויך ליעב דאָס, וואָס איהר מאַן חלאַוונע האָט ליעב. נאָר ווי קומט חלאַוונע צו איהם! יענער האָט אַ שם אויף דער גאַנצער וועלט, מע רופט איהם גאָר אַנדערש ניט, ווי שמעון-וואָלף דער שכור. ס'איז אַ סברא, אַז זיין טאַטע איז דערפון געשטאָרבען: איינמאָל שמחת-תורה האָט ער זיך אָנגעטרונקען און עס האָט זיך אָנגעצונדען אין איהם דער בראָנפען און ער איז פערברענט געוואָרען, אַזוי ווי אַ ליכט. מיט שמעון-וואָלפען האָט זיך שוין אויך איינמאָל געטראָפען די אייגענע מעשה, האָט מען איהם אָבגעלאָשען. גיטעל האָט אָבער ניט געגלויבט, אַז איהר מאַן זאָל זיך ווידעראַמאָל צונויפגעהן מיט דעם שכור'ניק, נאָכדעם ווי ער האָט איהר געגעבען אַ האַנד תקיעת-כף און געשוואוירען ביי אַ פּאָר תפילין, אַז צייט ער וועט לעבען, וועט ער זיך מיט איהם קיינמאָל ניט בעגעגענען. איבערדעם איז אַרוים אין יענער צייט אַ גרויס מחלוקת צווישען חלאַוונעס ווייב גיטעל און שמעון-וואָלפס ווייב חנה-זיסעל. דאָס מחלוקת האָט זיך אָנגעהויבען מיט

ווערטער און מיט ווערטלעך, און אויסגעלאָזט האָט זיך עס זעהר מאוס: ביידע ווייבער האָבען זיך אריינגעפלאָנטעט איינע דער אנדערער אין די שלייערס, און מען האָט זיי קוים צונומען. פון דעמאָלט אָן רעדען ניט צווישען זיך אָט די צוויי ווייבער, און אז זיי בעגעגענען זיך, טרעטען זיי אָב איינע דער אנדערער דעם וועג און שפייען אויס דריי מאָל.

ניטעל האָט זיך לאַנג געשלאָגען מיט דער דעה, וואָס זאָל זי טון: צי זאָל זי געהן צו אָט דער הולטייקע חנה-זיסעל געוואָהרע ווערען וועגען איהר מאַן, צי ניין? זי האָט מורא געהאַט, ס'זאָל ניט אַרויס דערפון קיין נייער סקאַנדאַל — און עפּיס טאַקי נאָר ווי גאָט אַליין האָט זיך אריינגעמישט און איז איהר געקומען צו הילף. נאָך איידער זי האָט זיך אַ ריהר געטון, דערזעהט זי, עפּיס אַ נפש, איינ-געהילט אין שווארצען, געהט איהר אַקעגען. זי קוקט זיך איין אין דער פינסטערניש און זי דערקענט חנה-זיסלען. ביידע ווייבער זענען גרייט געווען אָבשפּרינגען איינע פון דער אנדערער און אויסשפּייען דריי מאָל, ווי תמיד. נאָר עפּיס אַ פערבאָרגענער כח האָט זיי ביידע אָב-געהאַלטען און זיי האָבען ביידע מיט אַמאָל אָנגעהויבען רעדען. זייער געשפּרעך איז געווען אַ קורצער, נאָר זעהר אַ פערשטענדליכער:

— וואוהין איז אַזוי שפּעט?

— און איהר וואוהין?

— איך זוך מיין מאַנסביל.

— דאָס איינענע, וואָס איך.

— וואו קאָנען זיי זיין?

— איך זאָל אַזוי וויסען פון איהם.

— מיינער איז געווען אין שוהל צו דער מגילה.

— מיינער אויך דאָרטען.

— זענען זיי אַפנים פון דאָרטען אַוועק ביידע?

— אַזוי וויַזט דאָס אויס.

און ביידע ווייבער לאָזען אַרויס אַ טיעפען זיפץ און צוגע-העהן זיך די אָהער, די אַהין.

קאַפּיטעל אַכט.

פערהייסט און פערפּינסטערט איז נעבעך גיטעל געקומען אהיים, געחאַפּט אַ קוק פאַרבײַגײַענדיג אויפ׳ן המן-טאַש, און עס האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, אַז ער קוקט אויף איהר און זאָגט צו איהר: „וואָס איז די מעשה מיט חלאַוונע?" פאַר צרות גיט זי זיך אַ וואָרף אין בעט אַרײַן און ליגט אַזוי לאַנג, ביז זי ווערט אַנשלאָפען. זי ווערט אַנשלאָפען און עס חלומט זיך איהר, אַז מע קלאַפּט אין פענסטער און מע רופט זי אָן בײַם נאָמען. זי וויל אויפהויבען דעם קאָפּ און קען ניט. פרעגט זי ליגענדיג פון בעט אַרויס: „ווער איז דאָרטען?" און בעקומט תשובה, אַז דאָס איז חנה-זיסעל די שוסטערקע מיט׳ן שמש פון חברה-קדישא געקומען צו איהר נאָך תכריכים. גיטעל פערשטעהט ניט, פון וואַנען עס נעמט זיך צו איהר אַזוי פיעל כח צו רעדען וועגען אַזאַ זאַך, און זי פרעגט בײַ חנה-זיסלען גאַנץ קאַלטבלוטיג, גלײַך ווי עס רעדט זיך וועגען אַ דײַזשע ברויט אָדער וועגען אַ פערטעל עופ אויף שבת: „זײַ זענען פערברענט געוואָרען?"—„פערברענט געוואָרען". „ביידע אינאיינעם"?...—„ביידע אינאיינעם". פאַר פחד פאַלט גיטעל שיער ניט אַראָב פונ׳ם בעט, זעצט זיך אויף און דערהערט, ווי עס-ליכע הענד מיט אַמאָל שאַרען אין דער טיר, און עס שטעלען זיך איהר די האָר קאַפּויר. קוים-קוים וואָס זי רעדט אַרויס:

— ווער איז?

— ס׳איז מיר.

— ווער איז דער מיר?

— עפען אויף די טיר, וועסט דו וויסען, ווער איז דער מיר.

— די טיר איז אָפען.

— מיר קענען ניט געפינען די קליאַמקע.

נאָכ׳ן קול האָט גיטעל באַלד דערקענט, אַז דאָס איז איהר מאַן, און זי האַפּט זיך אויף געשווינד און זי עפענט אויף די טיר און דערזעהט צוויי נפשות, אויסגעשמירטע, ווי די שדים, און טוט אַ שפרונג אָב צוריק.

— אַ גוט יום-טוב דיר, גיטעל! — אָט אַזוי רופט זיך אָן צו איהר חלאַוונע און קאַטשעט זיך אַרײַן אין שטוב אַרײַן אינאיינעם מיט רויט-שילדען. — זאָל מײַן נאָמען ניט הײסען חלאַוונע, אויב דו ווייסט, ווער צו דיר איז געקומען! צו דיר זענען געקומען צו גאַסט לכבוד פורים

צוויי טויטע... גאָט איז מיט דיר, וואָס האָסט דו זיך אַזוי דערשראָקען? צוויי טויטע זענען מיר טאַקי, נאָר ניט פון יענער וועלט... איינער איז טויט-שכּור, דער אַנדערער איז טויט-הונגעריג... ווער איז דאָ טויט-שכּור און ווער איז טויט-הונגעריג — דאָס דאַרפסט דו שוין אַליין פערשטעהן, אויב דו ביזט אַ קלוגע... וואָס קוקסט דו אַזוי? האָסט איהם ניט דערקענט? ס'איז דאָך רויטשילד. איינגעזונקען זאָל ווערען רב יאָסי דער נגיד מיט דער כּתרילעווקער בלאָטע אינאיינעם! רויטשילד האָט זיך נעבעך אַזוי אויסגעשמירט, אַז ס'איז איהם ניט צו דערקענען. מע וואָלט געקענט מיינען, אַז ער האָט זיך דאָרט געקאַטשעט מיט אַלע חזירים... הערסט דו, גיטעל, ביזט טאַקי אַ יודינע אַ חכמה! ושתי מעג זיין פאַר דיר די כּפּרה! איך זעה ביי דיר דאָס שבּת'דיגע פלעשעל אויפ'ן טיש. דאָס האַרץ האָט דיר אָפּנים געזאָגט, אַז מיר האָבען היינט יום-טוב אויף דער גאַנצער וועלט און מע דאַרף מאַכען קידוש און פערבייסען מיט אָט דעם דרייעקעליגען ממזר, ס'זאָל אויף איהם קומען אַ מיתה משונה, אַזוי ווי אויף זיין טאַטען המנ'ען!... לחיים, רויטשילד! לאָז גאָט געבען, המן זאָל דערלעבען איבער-אַ-יאָהר, און מיר זאָלען איהם ווידעראַמאָל אויפהענגען אין שוהל מיט זיינע צעהן בנים אַלע אויף איין תליה, פּופּציג איילען די הויך! וואָס שווייגסט דו, גיטעל? זאָג אמן!

חרוסת ·

חרוסת.

א.

— מויד! מע חעט אמאָל דערלעבען זעהען דיך אָנגעטאָן, צי ניין? נעהם דאָס גלעזערנע טעלערל און געה זיך דורך צום פעטער יאָסין, חעסטו ברענגען חרוסת. אז דו וועסט אַריינקומען צום פעטער יאָסין, זאָלסטו זאָגען: „דער בעל-הבית מיט דער בעל-הבית'טע האָבען אייך געשיקט זאָגען, איהר זאָלט דערלעבען איבעראיאָהר, און געבעטען, איהר זאָלט זיי געבען חרוסת. וועסט שוין געדענקען, וואָס מען זאָגט דיר אָן? צי מען דאַרף מיט דיר איבער'חזר'ן נאָך אַ מאָל צוואַנציג?

— ס'איז ניט אַזוי שווער, מען זאָל דאָס ניט געדענקען אויף אויסוויינינג.

און לאה די מויד (אַזוי האָט מען זי גערופען אין דער דינסט, חאָטש ביי זיך און ביי איהרע בעקאַנטע האָט זי געהייסען „ליזאַ") האָט זיך געאיילט אָנטהון יום-טוב'דיג, און חאָטש דער גאַנצער אָנטון איהרער איז בעשטאַנען ניט מעהר ווי אין אַ ציצען קליידעל מיט אַ קאַפּטעל, נייע שיך און אַ סטענגע אויף די האָר, פונדעסטוועגען באַברעט זי זיך שוין חיים איך חיפיעל צייט און איז נאָך אַלץ ניט פאַרטיג. ס'איז תמיד אַזוי: אז מען וויל גיך, געדוויערט עס, און אז מען שלאָגט האַלז און נאַקען, פאַלט פון די הענד. ליזאַ (לאָמיר איהר טון צוליעב און רופען זי אַזוי, ווי איהר געפעלט) האָט זיך אָנגעטאָן יום-טוב'דיג און איז צוגעגאַנגען צו דער בעל-הבית'טע ווייזען, אַז זי איז פאַרטיג. די בעל-הבית'טע (אַ ביסעלע שפּעטער וועלען מיר זיך מיט איהר בעקענען נעהנטער) האָט געגעבען אַ פליעסק מיט די הענד:

— זעה נאָר, ווי זי האָט זיך אויסגעסטראָצעלט! אַ ריינע פּרינ-צעסין! פּסנו! קיין עין-הרע! קיין ביז אויג! פֿערניק געזונד און גיב חאַטש אַכטונג אויף די שיך, זאָלסט נישט אַריין מיט זיי אין אַ קאַליושע; און דאָס קליידעל, נישקשה, מעגסטו אויך אונטערהויבען אין דער בלאָטע. ס'איז פּאַר מיין געלד, וואָס דו האָסט ביי מיר פֿערדינט, מעג איך דיר, דאַכט זיך, זאָגען אַ דעה, צי ניין?

ליזאַ האָט גענומען דאָס גלעזערנע טעלערל און איז אַוועקגע-גאַנגען נאָך חרוסת אָהן ווערטער. וואָס וועט זי איהר ענטפֿערן, אַזאַ „פֿערעוואַריכע", אַז זי פֿערשטעהט אפילו ניט, אַז דאָס געלד, וואָס די דינסט האָט ביי איהר פֿערדינט, געהער צו דער דינסט, ניט צו איהר? איהר מאַקס זאָל דאָ זיין — ער וואָלט שוין וויסען, וואָס צו ענטפֿערן אַזאַ בורזשויקע!... אַ רעכטער יאָט אָט דער מאַקס! ערשט היינטיגען פּאַר-פּסח האָט זי זיך מיט איהם בעקענט, געהענדיג פֿון פֿאָדריאַד איינמאָל פֿאַרנאַכט אַהיים. דעם גאַנצען וועג האָט ער מיט איהר גערעדט פֿון אַזעלכע זאַכען, וואָס זי האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט, נאָר באַלד געכאַפּט מיט'ן שכל. פֿון בעלי-בתים האָט ער מיט איהר גערעדט און פֿון אַרבייטער. ביז אַהער האָבען געוועלטיגט זיי, די בעלי-בתים; אָט באַלד וועלען אָנהויבען געוועלטיגען מיר, אַרבייטער.

שוין אַז זיי זענען געווען ביי דער טיר, האָט ער זי אַ פֿרעג געטאָן, צי זי קען לייענען אַ ביכעל?

— אַ וואָסערס? אַ יודיש?

— פֿערשטעהט זיך, אַ יודיש.

— פֿאַרוואָס ניט? איך נעהם אַלע פֿרייטאָג ביי רב אַלטערן אַ מעשה-ביכעל אויף איבערלייענען. אַז איך לייען איבער דאָס ביכעל, גיט ער מיר איבעראַכטאָג פֿרייטאָג אַנ'אַנדערס, דאָס הייסט, טאַקי די אייגענע מעשה, נאָר אין אַנ'אַנדער ביכעל. מחמת די מעשה איז אַ לאַנגע מעשה, זי ציהט זיך פֿון סוכות אָן...

מאַקס הערט זי אויס מיט אַ האַלבען שמייכעל:

— ניט די ביכלעך דאַרף מען לייענען. אָט וועל איך אייך געבען אַ ביכעל, וועט איהר וויסען „פּאָקראַגימיר"...

און ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, ציהט אַרויס פֿון דער חאַליאַווע פֿון די שטיוועל אַ קליין פֿערשמאַלצעוועט ביכעלע און גיט דאָס

איבער איהר ווי עפּיס אַ הייליגע זאַך, בעט, זי זאָל דאָס ניט האַל־טען איבען־אויף...

— וואָס איז דען?

— אַז מע זאָגט אייך, זאָלט איהר ניט פרעגען פאַרוואָס...

ליזאַ האָט דאָס ביכעל ביי איהם צוגענומען מיט דעם איינענעם רעספּעקט, ווי ער האָט דאָס איהר געגעבען, און אַז זי איז געקומען מיט דעם אַהיים, האָט זי געחאַפּט אַ מיאוסען פּסק פון דער בעל־הבית'טע, דערפאַר, וואָס זי, אַז זי געהט אַוועק, פערגעסט זי דעם זיי־געזונד. און אַז אַלע האָבען זיך געלייגט שלאָפען, האָט זי אַרויס־געדרעהט דאָס לעמפּעל און האָט זיך אַוועקגעזעצט לייענען דאָס ביכעל, וואָס מאַקס האָט איהר געגעבען. אויפ'ן ערשטען בלעטעל, גאַנץ אויבענאָן, איז געשטאַנען מיט גרויסע אותיות: אַ ר ב י י ט ע ר פ ו ן אַ ל ע ל ע נ ד ע ר פ ע ר א י י נ י ג ט א י י ך!...

ב.

פון דעמאָלט אָן זעהט זיך ליזאַ מיט מאַקסען אַלע פאַרנאַכט, און זי קאָן זיך ניט דערמאַהנען, פון וואָסער אַ מאָמענט זיי זענען אַריבערגעגאַנגען פון „איהר" אויף „דו". זי ווייסט נאָר, אַז ווען זי זעהט איהם ניט, ציהט דאָס זי צו איהם, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, און אַז זיי בעגעגענען זיך, ווייסט זי ניט, וואוהין די צייט געהט אַוועק. זיי האָבען אַזוי פיעל צו רעדען, אַז עס וועט, דאַכט זיך, ביי זיי קיינמאָל נישט אויסשעפּען זיך, און אַלץ, וואָס ער רעדט, איז צוקער־זיס. אַ נייע וועלט האָט ער פאַר איהר אויפגעעפענט מיט זיינע רייד. ביז אַהער האָט זי געוואוסט, אַז ווייל זי, ליזאַ, איז אַ דינסט, און „פערעוואַריכע" איז אַ נגידית, דאַרף זי, ליזאַ, זיין ביי „פערעוואַריכען" אין גלות, דאַרף קאָכען און באַקען און וואַשען און ריינינען אויף דער גאַנצער שטוב. איצט לאָזט זיך אַ מעשה גאָר פער־קעהרט: אַז ווייל די גאַנצע שטוב שטעהט אויף איהר, אויף ליזען, דאַרף „פערעוואַריכע" די נגידית וויסען דרך־ארץ. וואו איז געווען איהר שכל ביז אַהער? ניט געווען מאַקס, איז ניט געווען קיין שכל, געקומען מאַקס, איז געוואָרען גאָר אַנדערש. דאָס הייסט, דערוויילע איז נאָך אַלץ

אַזוי ווי פריהער: ליזאַ איז אַ דינסט, און „פּערעוואָריכע" — אַ נגידית. ליזאַ קאָכט און באַקט און וואַשט און רייניגט אויף דער גאַנצער שטוב, און פּערעוואָריכע שעלט און קאָרניעט, דאָס מויל מאַכט זיך איהר ניט צו. ס'איז אָבער אַלצדינג נאָר דערוויילע, ביז אַ צייט. עס געהט אַ צייט, אַ גאָלדענע צייט!...

אַזוי טראַכט זיך ליזאַ, געהענדיג מיט'ן גלעזערנעם טעלער צום פּעטער יאָסי נאָך חרוסת, און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, טאָמער וועט זי בעגעגענען מאַקסען. זי זעהט גאָר ניט, ווי די רויטע זון האַלט ביי אונטערגעהן אויף יענער זייט שטאָדט און בעפאַרבט מיט גינגאָלד אַ גאַנצע שטיק הימעל. זי זעהט גאָר ניט, ווי יודען לויפען מיט פולע פלעשלעך ווייו אויף אַרבע-כוסות, געקויפט ביי מאָטי ווימאַראַזוג. דער ווייו פינקעלט זיך אָב אויף דער פערגעהענדיגער זון און שפּיעלט און צוגיסט זיך אין אַלערליי קאָלירען. ליזאַ בעמערקט דאָס אָבער ניט. וואָס איז איהר די זון? וואָס איז איהר כתרילעווקע מיט איהרע יודען און מיט זייער ווייו אויף אַרבע-כוסות, אַז ס'איז ניטאָ דער, וועמען זי זוכט? נאָר אָט דערהערט זי אַ קול פון אונטען:

— ליזאַ!

— מאַקס!

און זיי שטעלען זיך אוועק אַ ביסעל שמועסען, היטען זיך, מ'זאָל חלילה ניט בעמערקען, וואָרום כתרילעווקע קאָן נאָך אַלץ ניט ליידען, אַז אַ בחור מיט אַ מיידעל זאָלען שטעהן פראַנק און פריי אין מיטען גאָס און רעדען... און אַזוי פליהען די מינוטען, ביז ליזאַ טוט זיך אַ כאַפּ:

— אוי! אַ מכה דער פּערעוואָריכע מיינער — איך דאַרף דאָך גאָר געהן צו איהר פּעטער יאָסי נאָך חרוסת!

— געה, געה, איך וועל דאָ צוואַרטען אַ ווילע, ביז דו וועסט זיך אומקעהרען, וועל איך דיך שוין בעגלייטען ביז אַהיים.

און ליזאַ לאָזט זיך לויפען צום פּעטער יאָסי נאָך חרוסת.

ג.

„דער פּעטער יאָסי" — אַזוי האָט מען איהם גערופען אין כתרילעווקע דערפאַר, וואָס ער איז געוועזען אַ שענער יוד און איין אַל-

טער און אַ בכבוד'ער און אַ נגיד און האָט קיין קינדער ניט געהאַט, אַחוץ פלימעניקעס און פלימעניצעס אָהן אַ שיער. כמעט אַ האַלבע שטאָדט זענען געווען זיינע פלימעניקעס און פלימעניצעס, און אַלע האָבען זיי אַרויסגעקוקט, אויף איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר...

וויפיעל פערמאָגט דער פעטער יאָסי — דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט, און דער פעטער יאָסי אַליין אויך ניט. אַזוי האָט מען גע־שמועסט אין שטאָדט. געזאָגט האָט מען, אַז דער פעטער יאָסי איז אָנגעשטאָפּט ממון־קרח; מ'וויים אפילו, אַז ער האָט אַ צוואה און דאָרט איז ביי איהם אויסגערעכענט ביז דער לעצטער פרוטה. אַלע יאָהר, אַז ס'איז געקומען ערב ראש־השנה, פלעגט ער איבערשרייבען די דאָזיגע צוואה, צונויפרופען אַלע פלימעניקעס און פלימעניצעס, און נעהמען ביי זיי "תקיעת־כף", אַז טאָמער חלילה שטאַרבט ער, זאָל מען זאָגען נאָך זיין נשמה אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר קדיש און לערנען אַלע טאָג אַ פרק משניות. נאָכ'ן תקיעת־כף האָט ער זיי אָנגעגאָסען צו גלעזלעך בראָנפען און געגעבען צו שטיקלעך לעקעך. די פלימעני־קעס האָבען געטרונקען לחיים, די פלימעניצעס האָבען איהם געווינשע־וועט, ער זאָל דערלעבען משיח'ן, און דער פעטער יאָסי האָט גע־שמייכעלט מיט זיינע שטענדיג נאַסע אויגען, געשמאַקעט מיט די ליפען און געענטפערט: אמן, אמן.

אָט אַזוי האָט זיך עס געצויגען פון יאָהר צו יאָהר. די פלימעני־קעס מיט די פלימעניצעס האָבען אַרויסגעקוקט מיט סכנות־נפשות, נאָר דער פעטער יאָסי האָט זיך עפּיס ניט אַזוי געהאַפּט. געהוסט האָט ער דוקא גאַנץ געשמאַק, אַ זאַדישקע, אַ מין אַסטמע האָט ער געהאַט, וואָס אַז ער פלעגט זיך פערהוסטען, האָט מען געמיינט, ס'איז איין עק, אַז מ'דאַרף שוין געהן נאָכ'ן שמש פון חברה־קדישא. צום סוף — גאָרניט, אַ נעכטיגער טאָג... אַלע פלימעניקעס און פלימעניצעס פלעגען אין אַזאַ צייט ניט אָפּטרעטען פון זיין בעט:

— ווי פיהלט איהר זיך, פעטער, אַצינד?

— אַ דאַנק גאָט, פיעל בעסער, פיעל בעסער, איהר זאָלט נאָר קיין יסורים ניט האָבען, קינדערלעך; מיין טאַטע, זכר לברכה, האָט אויך געהאַט דעם איינענעם הוסט, וואָס איך, מיר צו לענגערע יאָהר, און האָט געלעבט פונדעסטוועגען הונדערט מיט דריי יאָהר, נאָך מיט אַ האַלבען. און מיין מאַמע, עליה השלום, — די האָט געלעבט נאָך מעהר מיט אַנדערהאַלבען יאָהר...

— אונזער שטיקעל גליק איז, וואס מיר היטען זיך, מיר עפענען קיינמאל קיין טיר און קיין פענסטער, און אפילו קיין קוואטירעל פון א פענסטער אויך ניט, מחמת ס'איז א פשוטע זאך: לופט איז פאר א הוסט א שחיטה, און פאר א זאדישקע — סם-המות...

אט אזוי האט זיך זיי אויסגערעדט דאס הארץ דער פעטער יאסי און אפגעשיקט זיי אהיים, פאר'ן אוועקגאנג געדאנקט, וואס זיי פער-געסען איהם ניט...

איהם פערגעסען? ווי קאן מען פערגעסען אן אזא געטרייען פע-טער, וואס טראגט אויפ'ן קאפ, קיין עין הרע, אזוי פיעל פלימעניקעס מיט פלימעניצעס? איין איינגענער טאטע דארף ניט מעהר טאן, ווי דער פעטער יאסי טוט פון זייערטוועגען אלע יום-טוב. למשל, סוכות בענשען זיי אלע אויף זיין אתרוג. חנוכה גרייט ער אן פון זיירע קינדערס וועגען דריידלעך, איטליכען בעזונדער א דריידעל. פורים מוזען די פלימעניקעס מיט די פלימעניצעס קומען צו איהם אלע מיט קינד און קייט הארכען די מגילה. טאמער חלילה פערפעהלט א קינד צו דער מגילה — איז חיות ניט זיכער! דער פעטער יאסי ניט אלטונג. איהם וועט איהר ניט נארען. נישקשה, ער ווייסט, ווער ס'איז געווען צו דער מגילה און ווער ניט. און אז ער האט דערטאפט דעם, וואס איז ניט געווען, האט ער איהם אנגעחאפט פאר איין אויער: „פיסטע-קראט מיינער! וואו ביזטו געווען צו דער מגילה?" און יענער האט געמוזט זיך פערענטפערן, אויסזוכען עפעס א רעכטען תירוץ, ווארום דעם פעטער יאסין טאר מען ניט דער'רגז'ענען...

נאר מעהר ווי אלע יום-טובים האט ער זיך מפקיר געווען צו-ליעב זיי, אז ס'איז געקומען פסח. דעם גאנצען טאג ערב-פסח האט איהר געקאנט זעהען דעם פעטער יאסי זיצען אין שטוב און שטויסען צימערינג, רייבען עפעל מיט ווין און מיט וועלישע ניס. דער פעטער יאסי האט אליין געמאכט חרוסת פאר אלע זיינע פלימעניקעס און פלימעניצעס. אזוי איז שוין געווען ביי איהם דער מנהג אלע ערב-פסח — אנמאכען א פולע שיסעל מיט חרוסת און אויסטיילען זיי איינציגווייז אויף טעלערלעך. און אויף מארגען נאכ'ן טיש, אז די פלימעניקעס מיט די פלימעניצעס זענען געקומען צום פעטער גוט יום-טוב בעטען, פלעגט מען ניט רעדען פון קיין זאך, נאר פונ'ם חרוסת. זיי פלעגען זיך גאר ניט קאנען זאט אפלויבען פונ'ם חרוסת:

— דער חרוסת איז אייך היינטיגס יאָהר אָבגערעטען, פעטער, מעהר ווי אלע יאָהר.

— פון איי'ער חרוסת איז מיר ניט איבערגעבליבען צום אַנ־דערן סדר, איהר זאָלט זאָגען, פעטער, אויף אַ רפואה.

— מיט אייער חרוסת האָבען מיר זיך, פעטער, געטיילט, ווי מיט קרעפּעל־פלייש.

— וואָס טוט איהר אריין, פעטער, אַזעלכעס אינ'ם חרוסת, וואָס ער קומט אַרויס ביי אייך אַזוי בעטעמ'ט?

דער פעטער יאָסי האָט אויסגעהערט די דאָזיגע אַלע זיסע רייד און ניט געענטפערט גאָרניט, נאָר געשמאַקעם מיט די ליפּען. ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט זייער ווערט, און דאָך פלעגט ער אָנקוועלען פון זיי, ווערען ברייטער ווי לענגער.

געהט, טענה'ט, ווערט הייזעריג רעדענדיג — ס'איז אַ פּערפּאַ־לענע זאַך: חניפה איז אַ זיסער ביסען, מענשען האָבען עס ליעב, ווי צוקערלעקעך.

ד.

צוויי אינטערעסאַנטע פּארשוינען, מיט וועלכע מיר וועלען אייך באַלד בעקענען, זענען ליזאַס בעלי־בתים: „פּערערוועּ” און „פּערעוואַריכע”.

„פּערערוועּ” — איז אַ צונעמעניש, וואָס לאָזט זיך ניט איבער־זעצען אויף קיין אַנדער לשון, סיידען אויף אונזער יודיש, זאָל לעבען, וועט דאָס הייסען אַזוי גרוים, ווי „אַ קישקע אָהן אַ דנאָ”. מיט איינעם וואָרט, „פּערערוועּ” איז אַ מענש, וואָס ס'איז איהם קאַרג די וועלט — און אַט אַזעלכער איז ער טאַקי. די גרעסטע קראַם אין כתרילעווקע איז זיינע, און דער גרעסטער פדיון איז ביי איהם. וואָס ער קאָן אַמאָל אָבלייזען אין איין שעה, וועלען דאָס דריי קרעמער ניט לייזען אין אַ וואָך — און ס'איז איהם נאָך קאַרג. ער שלעפּט קונים, שלעפּט זיי ביי די פּאָלעס, שעמט זיך ניט אַרויסשלעפּען זיי פון יענעמס קלייט, חאַפּט אָפּטמאָל פון די קרעמער אַ מיאוסען פסק — מיט אַ נאַסען בע־זים איבערן פנים אָדער מיט אַ קאָנאָווקע קאַלט וואַסער איבערן קאָפּ: „אַ יוד אַ פּערערוועּ זאָל ניט האָבען קיין טבע שטעקען די נאָז, וואו

מען דארף ניט!..." אזעלכע סקאנדאלען פלעגען זיך אויסלאזען אמאל נאך מיט א גרעסערען סקאנדאל ביים מיראוואי. דער מיראוואי, אונזער אלטער בעקאנטער פאן מיליניעווסקי, פלעגט אויסהערען ביידע צדדים מיט די עדות, אויסמוסר'ן דעם בעל-דבר אליין:

— נאווישטשע טי טאקי פערערווא? (וואס ביזט דו אזא זשערנעז?) חיבאזש בעזויטנעי יאסיקא טובי ניע דיאריקא? (איז דען דער אתּי-קינדערדיגער יאסי דיר קיין פאטער?)

און כּדומה אזעלכע רייד פלעגט אריינזעצען אין איהם דער מיראוואי, און די גאנצע שטאדט האט געלאכט פון איהם חוכא וטלולא. און פערערווע זאל זיך עס אפילו פערקרימען. גארניט, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען. אט אזא נפש איז פערערווע. אצינד ועלען מיר אייך פארשטעלען זיין ווייב הצנועה מרת „פערעוואריכע" שתּחיה.

יעדער מאן פערמאגט פונקט אזא ווייב, ווי ער איז ווערט. פערערווע האט א ווייב, דארף זי הייסען פערעוואריכע. דאס הייסט, הייסען הייסט זי ראצעל, נאר א נאמען האט מען איהר געגעבען פערעוואריכע, איבער איהר כאראקטער. זי איז א ביסעל איין איינגעגעסענע. איטליכען בעזונדער קאכט זי אויס דאס וואסער. מע קען זי אומעטום ווי א בייזען שילינגער: „אט איז זי שוין דא, די פערעוואריכע!" אזוי זאגט מען אויף איהר אין מארק, אז מע דערזעהט זי פון דערווייטען. פערעוואריכע, אז זי וויל עפּעס קויפען, דינגט זי זיך אזוי לאנג, ביז מע זאגט איהר אין די אויגען, אז זי איז א פערעוואריכע. און דאס האט זי דוקא פיינט:

— מיט וואס בין איך א פערעוואריכע? דערמיט, וואס איך וויל ניט איבערצאהלען? פאר מיין געלד מעג איך מיך, דאכט מיר, א ביסעל דינגען, ציי ניין? זאגט אפשר, אז ניין? אדער אפשר איז ביי מיר גנביש געלד? אדער אפשר מיינט איהר, אז מיר האנדלען מיט פאלשע סיגנאציעס? אדער אפשר איז גלאט א מצוה ביי מיר נעהמען טייערער?...

פערעוואריכע איז א יודינע, וואס לייגט ניט קיין כּבוד אויף קיינעם. אפילו איהר אייגענער פעטער יאסי (ער איז א י ה ר פעטער, ניט איהר מאנס), וואס אלע האבען פאר איהם דרך-ארץ, האט מורא מיט איהר אנצוהויבען. און אז עס מאכט זיך אמאל, ער פערטשעפעט זי מיט א ווארט, קאן ער זיך פון איהר ניט אויסבאדען אין צעהן וואסערן. דער פעטער יאסי חאפּט זיך דעמאלט מיט ביידע הענד ביי די אויערן, לויפט ארויס אין דרויסען מיט א גוואלד:

— רבונו של עולם! שטראָף מיך מיט כף־הקלע, מיט גיהנם, מיט וואָס דו ווילסט, אַבי לייז מיך אויס פון פערעוואַריכעס מויל!

דער פעטער יאָסי האָט שוין געפּרובט אַ פּאָר מאָל סטראַשען זי מיט דער צוואה, האָט דאָס אויך ניט געהאָלפען. אדרבה, ס'איז נאָך געווען פיעל ערגער. זי האָט זיך אין איהם אַזוי איינגעגעסען אין די ביינער, אַז ער האָט געשוואָרען פאַר אַ גאַנצען מנין יודען, אַז זיי זאָלען וויסען, אַז טאָמער חלילה גערט ער פון דער וועלט, איז דאָס גאָר איבער איהר, איבער אָט דער פערעוואַריכע!

אַצונד וועלען מיר לערנען אַ קל וחומר: מה־דאָך דער פעטער יאָסי, וואָס אַלע קוקען אַרויס אויף זיין ירושה, האָט פון איהר אָבגעשניטענע יאָהרען, היינט לא כל שכן אַ מאַן, און נאָך אַזאַ מאַן, ווי פערערוזע, על אחת כמה וכמה — מעג מען דאָך אודאי בעגראָבען ניין איילען אין דער ערד, ער זאָל קיין תחית־המתים ניט אויפשטעהן! איך בין נישט פערעוואַריכעס מליץ־יושר, נאָר איך געב איהר אָב דעם גערעכט: אַ מצוה אויף פערערוזען. ער האָט געוואוסט נאָך פאַר דער חתונה, אַז זי איז אַ שלאַק פון זיין ליעבען נאָמען און האָט געהאַט ביד נאָך דער חתונה דרייסיג מאָל זי אָבגטען; נאָר ער האָט דאָס ניט געטאָן צוליעב'ן פעטער יאָסיס ירושה. כן יאבדו — אַזאַ סוף מעגען האָבען אַלע זשעדנע נשמות, וואָס פערקויפען זיך פאַר געלד!

מיר לאָזען איבער פערערוזען מיט פערעוואַריכען און קעהרען זיך אום צוריק צו אונזער ליזען מיט איהר געליעבטען מאַקס.

ליזאַ איז אַרויסגעגאַנגען פונ'ם פעטער יאָסין מיט'ן חרוסת און האָט נאָך נישט געמאַכט קיין פינף טריט, איז שוין אויסגעוואַקסען מאַקס, און דאָס פּאָרעל האָבען זיך געלאָזט ביידע שפּאַצירען איבער דער בעריהמטער כתרילעווקער בלאָטע, וואָס בעווייזט זיך אַרויס מיט איהר גאַנצען חן, אַז עס קומט פסח. אַלטע לייט דערצעהלען, אַז זיי געדענקען ניט, ווען ס'זאָל זיין אַמאָל אין כתרילעווקע אַ טרוקענער פסח. יודען, זאָגען זיי, האָבען שוין אַזאַ גליק, אַז עס קומט פסח, ווערט אַ דערטרינקעניש איבער דער גאַנצער שטאָדט. נאָר ערגער ווי אומעטום איז דער גרויסער פּלאַץ אָדער דער שוהל־הויף, דאָרט, וואו עס שטעהען אַלע שוהלען, בתי־מדרשים און קלייזלעך. די כתרילעווקער בעלי־עגלות, וואָס זענען שאַרף אויף צונעמענישען, האָבען דאָס אַ נאָמען געגעבען „דאָס טינטורעל". אַהין, זאָגען זיי, אַז מען פאָהרט אַריין

מיט אַ וואָגען ערב-פּסח, דאַרף מען זיך אָבזעגענען מיט ווייב און קינדער ביז העט נאָך שבועות.

פונדעסטוועגען — לעבען זאָלען די כתרילעווקער יודען! איהר זאָלט זעהען, ווי מ'געהט אין שוהל אַריין, אַז ס'קומט די ערשטע נאַכט פון פּסח, און דוקא אָנגעטאָן יום-טוב'דיג, און דוקא מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, און דוקא אַטלעסענע. אַ סך האָבען זיך פערשפּעטיגט, לויפען זיי אין איין אָטעם, האָטש פערכאַפּען אַ ברכו. נאָר איין מאַקס האַפּט זיך עפּעס ניט אַזוי אין שוהל אַריין. מאַקס איז פערנומען מיט ליזען. ער האַלט מיט איהר אין מיטען אַ שמועס נאָך פון פריהער. זיי געהען האַרט בּיי די ווענט, זוכען אַ סטעזשקע און האָבען זיך אַזוי פערטיעפט אין זייער געשפּרעך, אַז זיי האָבען גאָר ניט בעמערקט, וואו די צייט איז אַהינגעקומען. פלוצים האָבען זיך אַ שאָט געטאָן יודען פון די שוהלען, און ליזאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אימפּעט:

— אוי, אַ מכה אויף פערוואַריכען, מען געהט שוין פון שוהל, און דער חרוסת מ'שטיינם געזאָגט...

ליזאַ האָט נישט געענדיגט די פראַזע. עס האָט זיך געטראָפען מיט איהר דאָס, וואָס עס טרעפט זיך גאַנץ אָפט מיט אַ מיידעל אין כתרילעווקע: זי האָט זיך אויסגעגליטשט און האָט אַרויסגעלאָזט דאָס טעצעל מיט'ן חרוסת גלייך אין בלאָטע אַריין. אַזאַ'אומגליק! ליזאַ איז געוועען אוים מענש! ס'פערשטעהט זיך, אַז וויפיעל ס'איז דאָ קללות אויף דער וועלט, זענען זיי געפלויגען אויף פערוואַריכעס קאָפּ. מאַקס האָט זי אָבער גיך בערוהיגט:

— האַפּט זיי בעני, דיינע בורזשוקעס! לייג זיי אָן אַ פול טעלערל מיט בלאָטע און לאָז דאָס זיין זיי פאַר חרוסת! נישקשה, זיי האָבען גוטע מאָגענס. זיי וועלען דאָס פערדייען...

פאַר אַזאַ מין עצה האָט זיך ליזאַ פריהער ווי דערשראָקען: וואָס הייסט, זי וועט אָנהאָדעווען איהרע בעלי-בתים מיט בלאָטע? נאָכדעם איז דער געדאַנק איהר אַזוי געפעלען, אַז זי האָט זיך אַזש צולאַכט פון דער דאָזיגער המצאה און האָט געטאָן אַזוי, ווי מאַקס האָט איהר געהייסען, און האָט זיך געלאָזט לויפען אַהיים וואָס גיכער, זיך דריי מאָל געזעגענט מיט מאַקסען, שטאַרק געקוועטשט בּיי די הענד.

ה.

עס ליגט שוין עפּעס אַזעלכעס אין דער טבע פון אַ מענשען, אַז גאָט שיקט אונז צו עפּעס אַ גוטע זאַך, טהײלען מיר זיך דערמיט גערן מיט'ן צווייטען. ובפרט אַזאַ זאַך, וואָס איז אַ מצוה און ס'קאָסט קיין געלד ניט. אונזער העלד פּערערווע, ווי דער לעזער ווייסט שוין, איז עפּעס ניט אַזאַ מילדער נדבן, וואָס זאָל זיך מפקיר זיין לטובת הכלל; נאָר אַז עס קומט די ערשטע נאַכט פון פּסח, דערוועקט זיך אין איהם אַ געפיהל פון צדקה, עס דערוואַרימט זיך ביי איהם דאָס הארץ, די האַנד ווערט ביי איהם אויפגעבונדען און ער פערזאָרגט אַלע זיינע נאָהענטע שכנים מיט'ן פּעטער יאָסיס חרוסת, איטליכען צו ביסלעך. בעת מעשה שיינט ביי איהם דאָס פּנים, ווי ביי אַ מלאך, און אַז מען ווינשט איהם, ער זאָל דערלעבען איבעראיאָהר און זיין רייך (דאָס האָט ער דוקא ליעב!), ענטפערט ער מיט אַ זיס שמייכעלע, וואָס איז זעלטען אויף זיינע ליפּען: „גם אתם! גם אתם!”...

איצטיגס מאָל האָט זיך פּערערווע אַ ביסעל פערשפּעטיגט מיט'ן חרוסת אויסטיילען. און איבער וועמען? איבער דער דינסט. זי איז שפּעט געקומען. איין עזות פון אַ דינסט! אַ תירוץ האָט זי צוגעטראַכט אפילו זעהר אַ קלוגען: דער פּעטער יאָסי האָט זיך פערהוסט, זאָגט זי, מיט סכּנות-נפשות. אַלע האָבען, זאָגט זי, געמיינט, אַז ס'איז שוין אַנ'עק, אוים פּעטער יאָסי!

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס-זשע איז געוועזן?

— וואָס זאָל זיין? געזונד און שטאַרק, אויף אַלע יודישע קינדער...

דער מלך מיט דער מלכּה, דאָס הייסט, פּערערווע און פּערעוואַריכע קוקען זיך איבער אָהן ווערטער, לאָזען אַרוים אַ טיעפען זיפץ און מען זעצט זיך אַוועק צום סדר.

דער „סדר” איז שוין אַזוי פיעל מאָל בעשריבען געוואָרען פון מיר און פון מיינע קאָלעגען, אַז אַלץ, וואָס איך וועל אייך איצטער זאָגען, וועט זיין ניט מעהר, ווי איבערגעקייט פון פאַראיאָהרען. דאָס, וואָס איך וואָלט יאָ וועלען זאָגען איצט, איז נאָר איין זאַך: וואָס פאַר אַ כּח ליגט אין דעם ליעבען הייליגען יום-טוב פּסח, אַז אפילו אַזאַ קאַ־טע זאַך, אַזאַ טרוקענע בריאה, ווי פּערערווע — אסור, אויב

איהר װעט איהם דערקענען! און פֿערעװאַריכע? װאו איז אהינגעקומען איהר מויל, װאָס קאָן זיך קיינמאָל ניט בערוהיגען? פֿון װאַנען האָט זיך גענומען צו זײַ בײדע אזאַ מילדע װײכקײט, אַזוי פֿיעל פֿרײַנדליכ־קײט און יום־טוב'דיגער חן אויף זײערע פּנימער? עס איז, כ'לעבען, כּדאי צו שטעהן פֿון דערװײַטען און צוזעהן, װי אזוי עס געהט צו בײַ זײַ דער סדר, װי אַלעס איז נײַ, אַלעס איז רײן, אַלעס גלאַנצט, װי גינגאָלד, און אַלעס זיצט בײַם טיש מיט רעשפּעקט, און אַלע אויגען קוקען אהין, אויף איין מענשען, אויפ'ן גוטען ליעבען קעניג פֿון דער דאָזיגער נאַכט, אויף פֿערערװען, װי ער טײלט אויס פֿון זײַן פֿולער האַנד איטליכען בעזונדער אויף אַ שטיקעל מצה זײַן חלק מרור און חרוסת. פֿריהער פֿון אַלע בעקומט איהר חלק, װי דער עטיקעט פֿאָדערט עס, די קעניגין (פֿערעװאַריכע). נאָך דער קעניגין בעקומען צו ביסלעך מרור און חרוסת די פּרינצען (די קינדער זײערע), װאָס קוקען אַרוים אויף דעם, װי אויף עפּיס רעכטס. נאָך די קינדער בע־קומט אויך די דינסט אַ היבשען חלק (דאָס איז שוין מחמת גוטס־קײַט), און ערשט אַז די גאַנצע קעניגליכע פֿאַמיליע איז שוין אַרומגע־טײלט מיט מרור און חרוסת, נעמט דער קעניג (פֿערערװע) און לײגט זיך אָן אַלײן אויך אַ היבשע פּאָרציע, זאָגט דעם „הנני מוכן ומזומן" מיט אַ שענעם ניגון, מאַכט די ברכה און עסט אָנגעלעהענט, מיט ברײטקײַט, װי עס פּאַסט פֿאַר אַ מלך. אויף איהם קוקענדיג, נעמט זיך די מלכּה אויך צום עסען, װי דער עטיקעט פֿאָדערט עס, און אויף זײַ קוקענדיג, טראָגען אויך די קינדער צו צום מויל דעם חרוסת און פֿערקרימען זיך:

— אוי! װאָס איז דאָס פֿאַר אַ מין חרוסת?... קריצט אונטער די צײהן און שמעקט מיט... פֿע!

אײן אַנדערס מאָל װאָלטען חברה קלײנװאַרג זיך ניט גענאַרט פֿאַר אַזאַ איין עזות: זאָגען אויף חרוסת פֿע!... איצטיגס מאָל אָבער איז זײַ אָבגעלאָפֿען גלאַט, װײַל דער מלך מיט דער מלכּה זענען אַלײן אויך געבליבען זיצען מיט פֿולע מײַלער, ניט אהין, ניט אהער: אײַנשלינגען — קאָן מען ניט, אויסשפּײַען — טאָר מען ניט... נאָר איין ליזאַ איז געזעסען און געקײַעט, װי אַ קאַלב, איהר חלק מצה (דעם חרוסת האָט זי בעצײַטענס אַראָבגעלאָזט אונטערן טיש...). מיט אַ שע־נעם חרוסת האָט זײַ הײַנטיגען פּסח דער פֿעטער יאָסי מכבד געװען! װאָלט חאָטש דער פֿעטער יאָסי געװען זײַן פֿעטער, ניט א י ה ר ע ר,

וואָלט שוין פערעוואריכע אָבגעשפּיעלט פערערווען אַ סדר, אַז עס וואָלט איהם פינסטער געוואָרען די וועלט און נמאס דאָס קעניגען... היינט די בזיונות פון די שכנים, וואָס וועלען די שכנים זאָגען? און כּך הוה, אַזוי ווי דאָס הארץ האָט איהר געזאָגט: זיי זענען נאָך ניט פאַרטיג געוואָרען מיט'ן ערשטען האַלבען סדר, האָט זיך געעפענט די טיר און עס האָבען אָנגעהויבען געהן שלוחים פון די שכנים איינס נאָך דאָס אַנדערע:

— נאָט אייך אָב צוריק אייער חרוסת...

— דער טאַטע האָט אייך געשיקט זאָגען אַ דאַנק פאַר'ן חרוסת...

— אַזאַ חרוסת עסט שוין בעסער איהר אַליין געזונדערהייד...

אויף מאָרגען פסח נאָכ'ן טיש זענען אַלע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס מיט זייערע קינדער געקומען, ווי דער מנהג איז, צום פעטער יאָסי גוט יום-טוב בעטען. דער פעטער יאָסי האָט זיי אָנגעגרייט אַ טיש פון כּל-טוב: דעם בעסטען ראָזינקעס-וויין (צומישט מיט פסחיגען וואַסער), אַ סך וועלישע ניס (צום מיינסטען פּוסטע) און זילבערנע כּוסות מיט פסחיגע גלעזלעך אָהן אַ שיעור. דער פעטער יאָסי אין זיין יום-טוב'דיגען צוריסענעם, נאָר זיידענעם אויסגעגייהטען חאַלאַט מיט דער געשטיקטער יאַרמעלקע אויפ'ן קאָפּ, האָט אויסגעזעהען ווי אַ טערקישער פּאַשאַ, וואָס האָט אַזוי ליעב געסט, אַז ער וואָלט זיי אַוועקגעגעבען די נשמה. ער האָט נישט גערוהט, ניט געקאָנט זעהען, טאָמער זיצט איינער אָהן אַרבייט און האָט אַלץ געבעטען:

— קנאַקט, קינדערלעך, קנאַקט ניס און פערטרינקט מיט וויין, נאָר ווערט ניט שכּור... פערגעסט ניט, אַז מיר האָבען היינט ביינאַכט נאָך אַ סדר מיט נאָך אַ מאָל אַרבע-כּוסות, מיט נאָך אַ מאָל מרור און חרוסת...

— דער חרוסת איז אייך היינטיגס יאָהר אָבגעראָטען, פעטער, מעהר ווי אַלע יאָהר.

— פון אייער חרוסת איז מיר ניט איבערגעבליבען צום אַנדערן סדר, איהר זאָלט זאָגען, פעטער, אויף אַ רפואה.

— מיט אייער חרוסת האָבען מיר זיך, פעטער, געטהיילט, ווי מיט קרעפּעל-פליייש.

— וואָס טוט איהר אַריין, פעטער, אַזעלכּס אינ'ם חרוסת, וואָס ער קומט אַרויס ביי אייך אַזוי בע'טעמ'ט?

אָט אַזעלכע קאָמפּלימענטען זענען געפלויגען פון אַלע זייטען,

פונקט ווי אַלע יאָהר. נאָר איין פּערעֶרווע מיט פּעֶרעֶוואַריכלעֶן האָבּעֶן געֶשוויגעֶן, געֶקוקט איינס אויף דאָס אַנדערעֶ און געֶקאָכט זיך שטילעֶר-הייד אינוועֶניג, אַזוי לאַנג, ביז פּעֶרעֶוואַריכלעֶ האָט דערפּיהלט, אַז עֶס פּלאַצט אין איהר די גאַל, אַז טאָמעֶר וועֶט זי שווייגעֶן נאָך איין מינוט, איז איין עֶק פון איהר לעֶבּעֶן! — און זי האָט אויפגעֶעֶפענט איהר מויל און האָט אַוועֶקגעֶלייגט אַ מענה-לשון, אַזוי ווי זי קאָן, און האָט זיי אַלעמען אָנגעֶרופעֶן מיט'ן אמת'ן נאָמעֶן, וואָס זיי האָבּעֶן פעֶרדינט:

— פעֶרשטאָלעֶנעֶ אויגעֶן! פאַלשעֶ מענשעֶן! פעֶרקויפטעֶ נשמות! חאַליפּאָסניקעֶס! טעֶלעֶרלעֶקעֶר!... מען גיט אייך אַ ביסעֶל וויים איך וואָס, אַ ביסעֶל גאָט זאָל מיך ניט שטראָפעֶן פאַר די רייד און מען זאָגט אייך, ס'איז חרוסת, לעֶקט איהר די פינגעֶר!?...

אַ באָמבּעֶ זאָל געֶוועֶן אַראָבּפאַלעֶן פון סטעֶלי און פּלאַצעֶן בּיים פעֶטעֶר יאָסין אין שטוב, וואָלט זי ניט בּעֶדאַרפט אָנמאַכעֶן אַזאַ רעש, ווי עֶס האָבּעֶן געֶמאַכט פּעֶרעֶוואַריכעֶס ווערטעֶר. סטייטש! זאָגעֶן אויף דעֶם פעֶטעֶר יאָסים חרוסת, אַז ס'איז „אַ ביסעֶל וויים איך וואָס", „אַ ביסעֶל גאָט זאָל מיך ניט שטראָפעֶן פאַר די רייד", און נאָך וואו? בּיים פעֶטעֶר יאָסין אין שטוב, פאַר'ן פעֶטעֶר יאָסין אין די אויגעֶן! ניט אַנדערש, אַז פּעֶרעֶוואַריכלעֶ איז געֶריהרט, ניט בּיי אַלעֶ געֶדאַנקעֶן.

— ראַצעֶל! וואָס רעֶדסט איהר דאָס? גאָט איז מיט אייך! איהר זעֶנט משוגע? צי חסר-דעה?

אַזוי זעֶנעֶן אָנגעֶפאַלעֶן אויף איהר אַלעֶ איבּעֶריגעֶ פּלימעֶניקעֶס און פּלימעֶניצעֶס, און פּעֶרעֶוואַריכלעֶ איז געֶוואָרעֶן נאָך מעֶהר אויפגעֶ-בּראַכט און האָט זיי אַוועֶקגעֶגעֶבּעֶן בּכפל-כפלים:

— משוגע מעֶגט איהר שוין אַלעֶ וועֶרעֶן פאַר מיר און פאַר מיין מאַן און פאַר מיינעֶ קינדער! איך בין אַ מענטש, וואָס קאָטאָרי כ'האָב ליעב זאָגעֶן דעם אמת, איך וועֶל ניט געֶהן לעֶקעֶן די פינגעֶר פון אַזאַ, איך בּעֶט איבּעֶר אייעֶר כּבוד, אַ ביסעֶל...

— אַ ביסעֶל וואָס?

— אַ ביסעֶל דאָס!...

— פעֶטעֶר! איהר הערט, וואָס זי זאָגט? זי זאָגט אויף אייעֶר חרוסת, אַז ס'איז, איך בּעֶט איבּעֶר אייעֶר כּבוד, אַ ביסעֶל דאָס!...

וועֶר איז דאָ אימשטאַנד אָבּמאָלעֶן דעם פעֶטעֶר יאָסים געֶ-קנייטשט פאַרמעֶט-פנים, מיט'ן פעֶטעֶר יאָסים נאַסעֶ אויגעֶן, מיט'ן

פעטער יאסים אומגעלומפערט שמיילעלע, וואס האט זיך אויסגעלייגט אויף זיינע האלב-טויטע ליפען? ער האט זיך עפעס מאדנע איינגעבויגען, געווארען מים אמאל קלענער, און א זאג געטאן צו אלעמען און צו קיינעם ניט, נאר אין דער לופט אריין:

— אלה תולדות פערעווארי‌כע!...

מעהר האט מען ניט בעדארפט. פערעווארי‌כע, אז זי האט דערהערט איהר אמת'ן נאמען, האט דאס זי אזוי אויפגעטראגען, אז זי האט אנגעהויבען שיטען פעך און שוועבעל, ניט נור אויף די קרובים, נאר אפילו אויפ'ן פעטער יאסין אליין. וואס ס'איז איהר געקומען אויפ'ן מויל — דאס האט זי איהם געזאגט. עס האט ניט געהאלפען פערערוועס אריינמישען זיך און פערערוועס צוהאלטען זי פאר די הענד:

— לאז מיך! איך בין א מענטש, וואס קאטארי איך האב ליעב זאגען דעם אמת! — האט זי געשריגען און געריסען זיך צום פעטער יאסין און האט איהם אנגערופען מיט א סך מאדנע נעמען: „אבגאט"! „גאלדענער זאק"! „קול שטרוי"! „ציגענע ביבקע"! „אלטער תרח"! „אויסגעגייהטע יאמפערקע"! „חרוסת-פאבריקאנט"!...

איך ווייס ניט, וועלכער פון די דאזיגע שונד-נעמען האט אויף איהם אממעהרסטען געווירקט, נאר דער פעטער יאסי איז מיט אמאל געווארען שטארק שלעכט און האט זיך פערהוסט אויף א גאנצער שעה, די „זארישקע" האט זיך אין איהם צושפיעלט מיט סכנות-נפשות. מען איז געלאפען און מ'האט געבראכט דעם דאקטאר און מען האט געטאן, וואס מען האט געקאנט. נאר ס'איז געוועזן ארויסגעווארפען: דעמזעלבען אויפדערנאכט, פונקט צום אנדערן סדר, האט דער פעטער יאסי אבגעגעבען גאט די נשמה.

עפילאג.

תכף נאך פסח האבען זיך צונויפגעקליבען ביים פעטער יאסי אין שטוב אלע זיינע פלימעניקעס און פלימעניצעס און מע האט איבערגעלייענט די צוואה און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער פעטער יאסי (זאל ער מיר מוחל זיין אויף יענער וועלט!) האט זיי אלע געפיהרט אין באד אריין. זיין גאנץ עשירות, אז מען האט דאס איינגעטיילט צווישען אלע קרובים, האט זיך אנגענומען ארום און ארום

בסך-הכּל עֶטוואָס מעֶהר, ווי אַ הונדעֶרטעֶר אויף אַ פּאַרשוין. ווער עֶס האָט נישט אָנגעֶקוקט יעֶנעֶ צײַט אונזעֶר העֶלד פּעֶרעֶרווען, דער האָט קײנמאָל אויף זײַן לעֶבּעֶן קײַן אמת'ן צער ניט געֶזעֶהעֶן. אַ שעֶנעֶרעֶן לײַגט מעֶן אין דער עֶרד אַרײַן. און פּעֶרעֶוואַריכעֶ? פּעֶרעֶוואַריכעֶ האָט אויסגעֶלאָזט איהר גאַנץ בּיטער הארץ מיט אַלעֶ צרות אויף פּעֶרעֶרווען. ער היום נאָך פּײַלט זי איהם און פּידעֶלט איהם אויף וואָס די וועֶלט שטעֶהט, און פּעֶרעֶרוועֶ נעֶבּעֶך מוז דאָס שטילעֶרהײַד אַראָבּשלינגעֶן. אַ בּרירה האָט עֶר? ס'איז, זאָג איך אײַך, אַ גאָטס רחמנות אויף דעֶם יודעֶן!...

לײזאַ האָט ניט חתונה געֶהאַט פּאַר מאַקסעֶן, ווײַל עֶר איז געֶפאַלעֶן, ווי אַ סנאָפּ, אינ'ם עֶרשטעֶן גרויסעֶן שטרײַק נאָכ'ן עֶרשטעֶן גרויסעֶן שאָס... איז זי אין אַמעֶריקאַ. זי אַרבּײַט דאָרטעֶן מיט איהרעֶ צווײ יונגערעֶ שוועֶסטערלעֶך אין אַ „שאַפּ" און געֶהט מיט זײ אויף אַלעֶ „מיטינגעֶן". און חאָטש זי איז נאָך אַ „גרינעֶ" און ווערט פּעֶרשוואַרצט, ווי די יודעֶן אין מצרים, פונדעֶסטוועֶגעֶן, אַז איהר פרעֶגט זי, וואָס זי מאַכט, עֶנטפעֶרט זי אײַך, אַז זי איז „אָללרײַט" און האָפּט נאָך אַלץ אויף דער גאָלדעֶנעֶר צײַט... מיר וועֶלעֶן זיך נאָך מיט איהר אַמאָל בּעֶגעֶגעֶנעֶן. זי האָט אונז וואָס צו דעֶרצעֶהלעֶן... דערווײַל ווינשעֶן מיר אײַך אַ גוטעֶן, אַ פרײליכעֶן, אַ כּשר'ן פּסח.